STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09499

*Copyright in this work is held by Fundación IWO Buenos Aires, Argentina. The Yiddish Book Center is grateful to the copyright holders for permission to include this work in the Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# FUN DOR TSU DOR

A. Waiter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09499-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657094997T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

א. ווײַטער - דוד אײנהאָרן - ז. י. אַנכי

# פֿון דור צו דור

★

יוסף ליפֿשיץ-פֿאָנד
פֿון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ

**Fun dor tzu dor — A. Waiter, Dovid Einhorn, Z. I. Onoichi**

---

**Entre Generaciones — A. Waiter, David Einhorn, Z. I. Onoiji**

Copyright 1974, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

---

Este libro se terminó de imprimir el día 3 de enero de 1974, en las Tall. Gráf. "Zlotopioro S.A.C.I.F.", Sarmiento 3149, Bs. As.

א. ווייטער, דוד איינהאָרן, ז. י. אַנכי

# פון דור צו דור

פֿראַגמענטן פֿון פֿאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

59סטער באַנד פֿון ציקל

# מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון

**יוסף ליפשיץ־פֿאָנד**

פֿון דער

**ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים יִוואָ**
**אין אַרגענטינע**

אונטער דער רעדאַקציע
**פֿון**
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור
יעקבֿ־יהושע לערמאַן

טיראַזש 1.500 עקזעמפּלאַרן

יאָר: ה'תשל"ד — 1974
**ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע**

# תוכן


שמואל ראָזשאַנסקי — **ייִדישע שרײַבערס צווישן קאָנפֿליקטן פֿון דורות** ... 9

## א. ווייטער ... 21

ביאָגראַפֿישע שטריכן ... 21
אין פֿײַער, דראַמע אין 3 אַקטן ... 24
אַן אומגליק, אײנאַקטער ... 64

## דוד אײנהאָרן ... 79

ביאָגראַפֿישע שטריכן ... 80

## 1 / אַן עלנטער פֿון דער ווייטן ... 83

מײַן היים ... 84
די בעריאָזקע ... 85
מײַן ליד ... 87
ליטע ... 87
פֿון ייִדישן געסל ... 88
אָמר אַביי ... 89
אידיליע ... 91
אין אַ פֿאַרכישופֿטן קרײַז ... 93
ווי ווײַט דו זאָלסט ניט זײַן ... 95
טרויעריקע געדאַנקען ... 95
אַ חלום ... 96
אַ וויגליד ... 97
בטחון ... 98

## 2 / חלומות אין מדבר ... 99

און גרויס איז דער מדבר ... 100
עס ווערן געבוירן חלומות ... 100
אין דער פֿרעמד ... 102
איך בײַט די וווינונגען ... 103
אײנזאַמע ... 104
צווישן די זאַנגען ... 105
יעדער מענטש האָט דאַך ... 107
ייִדיש ... 108

## 3 / עס צאַנקט דער נר־תמיד ... 109

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה ... 110
מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול ... 111
ווען דו וועסט אַוועקגיין ... 112
אַ בריוו ... 113
אַ תפילה ... 114

עלעגיעס ........ 115
משיח ........ 116
עס געהערט מײַן נשמה ...... 117
ווו זאָל איך בעטן? ........ 118

4 / ציען זיך שאָטנס .......... 119

די אַנטלאָפֿענע כלה ........ 120
עלילת־דם ........ 124
די קרעטשמע פֿון ניט־געבעטענע געסט ........ 131

5 / צען מיליאָן .......... 133

רעקוויעם ........ 134

6 / איבער דער שטאָט .......... 145

אַ לאַנד נאָך קיין מאָל נישט געזען 146
פרילינג אויף דער שטאָט .... 147
האַרבסט אויף דער שטאָט .... 163

7 / אָב הרחמים .......... 173

ס׳איז דאָ אַ שעה ........ 174
מײַן פֿאָלק ........ 179
ב׳האָב געהאַט אַ גאָט ........ 180
ווידוי ........ 181
צוריק צו דײַנע וועגן ........ 182
פֿאַרגיב זיי יאָ! פֿאַרגיב זיי ניט! . 183
דער גמרא־ניגון ........ 184

ז. י. אָנכי / ר׳ אַבא .......... 191

ביאָגראַפֿישע שטריכן ........ 192

לאה ........ 193
אַמאָליקע יאָרן ........ 201
אַמאָליקע יִדן ........ 209
ר׳ בער ........ 218
אַמאָליקער בטחון ........ 229
מען פֿאָרט צום רבין ........ 234
אַמאָליקע שמחות ........ 244
עס איז אַ שריפֿה ........ 260

צו דער כאַראַקטעריסטיק „פֿון דור צו דור" .......... 271

דוד איינהאָרן — צווישן צוויי וועלטן ........ 272
די בלאָפֿן פֿון אונדזער ליטעראַטור: שטאָט און שטעטל 285
ש. ר. — נאָכבאַמערקונגען ........ 300


מוזיק:


צום ליד די בעריאָזקע .......... 85

## בילדער:


**בילד פון** א. וויַטער .......... 21

אַנדענקבוך **פאַר א. וויַטער** .......... 75

**א. וויַטער** אויפן טויטנבעט .......... 78

**בילד פון** דוד איינהאָרן .......... 80

**צייכענונג פון** י. שלאָס **צום ליד** די בעריאָזקע .......... 85

**צייכענונג פון** בן איינהאָרן **צום ליד** ווידוי .......... 181

בן איינהאָרן **צום ליד** דער גמרא־ניגון .......... 184

**בילד פון** ז. י. אַנכי .......... 191

קראַטקאָס **אילוסטראַציע צו** ר׳ אַבא .......... 191

לאה .......... 193

אַמאָליקע יאָרן .......... 201

פון יאַריד צום רבין .......... 215

ר׳ בער .......... 218

אַמאָליקער בטחון .......... 229

ניטאָ ר׳ אַהרן .......... 232

מען פאָרט צום רבין .......... 234

אַמאָליקע שמחות .......... 244

שמחת בית השואבה .......... 251

עס איז אַ שריפה .......... 260

ר׳ אַבא, איך גלייב ניט! .......... 265

## יידישע שרייבערס צווישן קאָנפליקטן פֿון דורות

### דער ערשטער קריזיס פֿון 20סטן יאָרהונדערט

ווי האַסטיק און שטורמיש עס איז געווען דער אויפֿשטייג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דער שוועל פֿון 20סטן יאָרהונדערט, איז נאָך האַסטיקער און שטורמישער געווען דער צוזאַמענשטויס פֿון אידייען און אידעאַלן אינעם פּריוואַטן לעבן פֿון די שרייבערס, וועלכע מיר האָבן צו פֿאַרדאַנקען דעם אויפֿשטייג. אייניקע פֿון די קאָנפליקטן, ס׳רובֿ איבער פּאָליטישע און רעליגיעזע איבערצייגונגען, זיינען געווען אויך ביי די רוסישע און פּוילישע שרייבערס, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די ערד־ציטערנישן פֿון דעם זעלביקן מלוכה־רעזשים, פֿון צאַריזם. זיי זיינען אָבער געווען, ביי די אַנדערע, ווייניקער קאָמפּליצירט. פֿאַרשיידענע דראַמעס פֿון ייִדישן לעבן זיינען אַבסאָלוט פֿרעמד געווען דער נישט־ייִדישער אינטעליגענץ. וואָס האָבן זיי געוווּסט, די פֿרעמדע, ווי ס׳איז דעמאָלט געווען — שווער צו זיין אַ ייִד?... אַז אַפֿילו דער אינטערנאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט דעמאָלט יעדן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַליזם געהאַלטן פֿאַר שאָוויניזם, האָט געזונגען צו דער וועלט: „מיר טראָגן אַ דרייפֿאַכע קייט: ווי ייִדן, ווי שקלאַפֿן, ווי דענקערס"[1]!... אָט אָ די „דרייפֿאַכע קייט" האָבן אַנטוישטע ייִדישע מענטשן ביים אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט געוואָלט פֿון זיך אַראָפּוואַרפֿן און זייערע שרייבערס האָבן געהאַט דעם מוט צו לאָזן הערן זייער אַנטוישונג.

אין זכות פֿון דער דאָזיקער „דריי־אייניקייט" אין לײַדן איז גע־

---

[1] דוד עדלשטאַט — „צום ייִדישן פּראָלעטאַריער", געזונגען מיטן מאָטיוו פֿון רוסישן רעוואָלוציאָנערן ליד „מי זשערטוואַי פּאַלי", דער אַרבעטער־דור אין אַמעריקע, ב"א 1972, מוסטערווערק ב׳ 52, ז׳ 25.

קומען אויך די דרײַ־אײניקייט אין די אַנטוישונגען, וואָס האָבן אַראָפּ־געמבולט אין צאַרישן רוסלאַנד נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע. צוזאַמען מיט די צעטראָטענע חלומות פֿון פֿרײַהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט זײַנען הייזעריק געוואָרן די זינגערס פֿון אַפּיקורסות און גאָט־לעסטערײַ. דאָס אָרט פֿון חוצפּה האָט פֿאַרנומען חרטה און בענקשאַפֿט. שנעל זײַנען אַרויס פֿון דער מאָדע די אײבי־קייט־פּראָגראַמען און די ריטערס פֿון בליצשנעלע נצחונות. אויף זייער אָרט האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט הויפֿן־זינגערס מיט לידלעך פֿון טאָג, וועלכע זײַנען צופֿרידן מיט אַ חיי־שעה...

די דערשלאָגנקייט איז אַזוי גרויס געווען, אַז אַפֿילו דער רעוואָ־לוציאָנערער דענקער און פּובליציסט האָט גאָר זײַנע נײַע שטימונגען אויסגעדריקט אין אַ לידל, וואָס וואָלט געפּאַסט פֿאַר אַ געשווירע־נעם פּעסימיסט, פֿאַר אַן אויסגעמוטשעטן חסידל:

„ס'איז נישטאָ קיין נעכטן,
ס'איז נישטאָ קיין מאָרגן,
ס'איז נאָר דאָ אַ פּיצעלע הײַנט,
פֿאַרשטערט עס נישט מיט זאָרגן...

כאַפּט־אַרײַן אַ שנעפּסל,
כל־זמן איר זײַט בײַם לעבן,
אם־ירצה־השם, אויף יענער וועלט
וועט מען אײַך נישט געבן..." [2]

אין דער רוסישער וועלט זײַנען די וואָרטזאָגערס פֿון דער ירידה געווען אַרציבאַשעוו און קופּרין. זייערע ראָמאַנען „סאַנין", „די פֿרוי וואָס שטייט אין מיטן" און „יאַמאַ" זײַנען אָנגעגאַנגען צווישן די סטו־דענטן ווי די נײַע פּראָגראַם: אויסגעלאַסנקייט און שיכּרות העלפֿט פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס מ'דאַרף וואָס ווייניקער זיך דערמאָנען... אין

---

[2] דאָס ליד, געדרוקט אין פֿאַרשיידענע פֿאָלקלאָר־ און געזאַנג־ביכער, טייל מאָל מיט קליינע שינויים, איז אָנגעגאַנגען ווי אַ פֿאָלקסליד, נאָר אין אמתן איז עס פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון חיים זשיטלאָווסקי.

דער ייִדישער וועלט איז אָבער געווען אַ טראַדיציע פון פרומע היי־מען, חדר, ישיבֿה, טהרת המשפּחה... די רוסישע רעקלאַמע פאַר אויסגעלאַסנקייט וואָלט אַוועקגעשטויסן די יוגנט פון דער ייִדישער געזעלשאַפט — זי וואָלט אין איר מער קיין דריסת הרגל נישט געהאַט. דער אַנטוישטער ייִדישער רעוואָלוציאָנער איז, בכן, אַנשטאָט צו ווערן אַ ציניקער — גאָר געוואָרן אַ חוזר בתשובֿה אָדער, לפּחות, זיך אַוועקגעלאָזט צו אַן אַנדער „רעליגיע”, צו קונסט: צו ליטעראַטור, טעאַטער, געזאַנג, מאָלערײַ...

אייגנטלעך איז י. ל. פּרץ דער וואָס האָט געשטעלט דעם טאָן פאַר אָט דער נײַער אמונה און ער האָט געפונען אַ סך חסידים, וועלכע זײַנען אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ רבין.

געווען אָבער אַנדערע, וועלכע האָבן זיך מער ווי פּרץ פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע. ממשותדיק זיך פאַרבונדן. אָרגאַניזאַציאָנעל. ווי פּאַרטיי־מענטשן, וואָס פּרץ איז קיין מאָל נישט געווען. אַזאַ איז אָבער יאָ געווען חבֿר אַראָן, וועלכער האָט פּריוואַט געהייסן אײַזיק־מאיר דעווענישסקי און ווי אַ שרײַבער זיך פאַראייביקט אונטערן נאָמען א. ווײַטער. אַזאַ איז אויך געווען דוד איינהאָרן — בײַ אַלע קידער־ווידערס אַ סך יאָרן געווען אין שפּיץ פון דער בונדישער שרײַבער־עליטע, פּונקט ווי חבֿר אַראָן.ביידע זײַנען פאַר פּאָליטישע אַרבעט אָפּגעזעסן אין צאַרישע טורמעס, פּונקט ווי ז. י. אָנכי, וועלכער האָט מיטגעאַרבעט מיט די אַנאַרכיסטן...

און די אַלע דרײַ — ווײַטער, איינהאָרן, אָנכי — זײַנען אַוועק פון איין עקסטרעם צו דעם אַנדערן!

ווער קען זיך פאָרשטעלן, אַז דער שרײַבער פון ר׳ אַבא זאָל האָבן געזעסן אין טורמע פאַר פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערע מיטאַרבעט? ס׳קלינגט אומגלייבלעך. פּונקט ווי ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן די אינטימע שײַכות צווישן שרײַבער און זײַן העלד.

אפשר דערפאַר, ווײַל פּרץ איז קיין מאָל קיין פּאַרטיימאַן נישט געווען, איז ער נישט אַריבער פון איין עקסטרעם צום אַנדערן...

„ווײַטער! — האָט פּרץ זיך געבעטן אין אַ בריוו — באַפרײַט מיך פון

אײַער אומגלויבן, פֿון אײַער הינטערמיין. עס טוט מיר ווירקלעך וויי״ [3]...

פּרץ האָט געענדערט זײַנע מיינונגען, זײַנע אידייען, אָבער נישט חרטה געהאַט. ער האָט קיין בעל־תּשובֿה קיין מאָל נישט באַדאַרפֿט זײַן, ווײַל ער האָט זײַן אמונה קיין מאָל נישט פֿאַרלוירן.

דער ערשטער קריזיס צווישן שרײַבערס פֿון אָנהייב 20סטן יאָר־הונדערט איז אַרויסגעקומען פֿאַרשאַרפֿט צווישן יענע, וועלכע זײַנען געווען פֿאַרטיילײַט. נישט קיין פּאַרטיימענטש איז נישט מחויבֿ זיך צו דעפֿינירן. נישט קיין פּאַרטיימענטש מעג בלאָנדזשען. אַ פּאַרטיי־מענטש שעמט זיך אָבער צו בלאָנדזשען... פֿאַר זיך אַליין, דאַכט זיך אים, איז ער שולדיק אַן ענטפֿער אָדער פֿאַרענטפֿער... דערפֿאַר קומט די חרטה און די תּשובֿה אַרויס שאַרפֿער און דראַמאַטישער.

## אין דער בענקשאַפֿט נאָך פּערזענלעכקייט

א. ווײַטער, וועמענס לעבן איז פֿאַרשניטן געוואָרן אין דער שענ־סטער צײַט פֿון אויפֿבלי, האָט דורכגעמאַכט אַ טיפֿע דראַמע, ווײַל ער איז זיכער געווען, אַז דאָס ייִדישע לעבן גייט באַרג־אַראָפּ, איבערן אויסלאָזן זיך פֿון דער גרויסער פּערזענלעכקייט אינעם ייִדישן פֿאָלק. „אַזוי לאַנג קיין גאון ניט געווען, אַזוי לאַנג... — שרײַבט ער — אָט שטאַרבט־אויס דער דור, גייען נאָך אַ פּאָר דורות פֿאַרבײַ און עס הייבט זיך אָן אַ נײַע תּקופֿה. ייִדן ווילן פֿון שול אַרויס, אין „איי־ראָפּע״ אַרײַן, צו „ליכט״, צו וועלטלעכער בילדונג, און וואָס מער עס ציִען זיך ייִדן אַהין, פֿון שולהויף אַרויס, ווערט וואָס אַ מאָל אָרע־מער און גרויער דאָס לעבן דאָ דרינען — הייבט־אָן אַ פֿאָלק צו בלײַבן אָן אַ פֿירער״ [4]...

אין זײַן אידייען־געראַנגל פֿאַר סאָציאַליזם איז בײַ אים ספֿקדיק

---

[3] ווײַטער־בוך, ווילנע 1920, ז׳ 160.

[4] א. ווײַטער — „דער גאון״, כּתבֿים, ווילנע 1923, ז׳ 75.

גערוען, צי דאַרף דאָס רעכט אויף ייִדישער סוווערעניטעט אונטער־געוואָרפן ווערן דער פּראָגראַם פון אַלוועלטלעכער צוזאַמענאַרבעט. אַז דער ייִד קען מער די נישט־ייִדישע וועלט ווי דער נישט־ייִד די ייִדישע וועלט — דאָס איז קיין ספק נישט. ווען דער נישט־ייִד קען ייִדיש, איז עס אַ סענסאַציע, אַפילו ווען ער איז אַ „שבת־גוי“. עס איז אָבער גאָר קיין חריפות נישט, אַז אַ ייִד זאָל צו מאָל קענען די פרעמדע לאַנדשפּראַך בעסער ווי אַ געבוירטיקער. מיינט עס, אַז ווייל מיר זיינען אַ מיעוט, דאַרפן מיר זיך אונטערוואַרפן דער מערהייט און פאַרקוקן אונדזערע אייגענע וויטאַלע אינטערעסן?

ח׳ אַראָן איז אַוועק, כאָטש נישט ברוגז. אַריבער, נישט אי־בערגעריסן. נישט אין דער פּראַקטישער אַרבעט איז געווען דער צוזאַמענשטויס, נאָר אין טראַכטן. דער שטומער, ווייטערס לעצטע דראַמע, איז זיין אייגענע ביאָגראַפיע. כדי נישט ערגערן יענעם, בעסער באַשלאָסן שווייגן. כדי צו קיינעם קיין טענות נישט האָבן, אַז מען פאַרשטייט אים נישט, באַשלאָסן אַז ס׳איז בעסער צו שווייגן. זאָל מען טראַכטן, וואָס מען וויל!... ס׳גייט נישט אין לעבן, אַז אַנ־דערע זאָלן אים פאַרשטיין. וויכטיקער איז זיך אַליין צו פאַרשטיין. און א. ווייטער פירט מיט זיך אַליין אַ קאַמף, זיך אַליין צו פאַרשטיין. ער ליידט נויט, עלנט, דעפּרעסיע, אָבער ער פאַרקוועטשט מיט די ציין און טראָגט עס סטאָיש אַריבער.

א. ווייטער איז אַ העלדן־פיגור אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ווי ער איז אונטער פּרצעס השפּעה, אין ראָמאַנטישן נוסח פון זיינע דראַמעס, אין בליציקן און שניידיקן סטיל, קורץ און טיפזיניק, שלאָג־פאַרטיק און מיט פייער, איז ער שטרענג מעדיטאַטיוו און צווינגט דעם לייענער צו טראַכטן. די דראַמע אין פייער איז אַ יוגנטלעכע פּאַראַפראַזע פון פּרצעס די גאָלדענע קייט. דער פונדאַמענטאַלער חילוק איז, וואָס ביי פּרצן קומט־פאָר דער צוזאַמענשטויס צווישן אַלט און יונג, בעת ביי א. ווייטער איז דער צוזאַמענשטויס צווישן יונג און יונג. ס׳איז נישט קיין מלחמה צווישן דורות, נאָר צווישן אידייען. פאַראַן יוגנטלעכע, וועלכע זיינען מער קאָנסערוואַטיוו ווי די זקנים.

פֿון דער אַנדערער זײַט ווידער איז אים אַ שאָד צו פֿאַרלירן וועמען עס זאָל זײַן... אַלט, יונג — וועמען מ׳פֿאַרלירט, איז אַ שאָד! מיר האָבן גאָר נישט אַזוי פֿיל, אַז מיר זאָלן זיך קענען פֿאַרגינען אַזוי פֿיל צו פֿאַרלירן... לײדער קוקט מען זיך אַרום שפּעט. ווי עס דעקט־אויף, למשל, די אַלמנה, וועלכע זאָגט: „איך, דײַן מוטער, פֿיר דיך, קינד. איך בין עלנט גלײַך ווי דו. ביידן האָט ער אונדז פֿאַרלאָזט, ביידע וואַנדלען מיר אַרום... איצט פֿאַרשטיי איך אַלץ, מײַן קינד: ר׳איז אַ גרויסער מענטש געווען. ס׳האָט בײַ אים אין האַרץ געברענט שׂנאה צו דער הענקערוועלט, ליבע צום גערדריקטן פֿאָלק״[5]...

א. ווײַטער ווײַזט, ווי זעלטן זעט מען אין צײַט. מערסטנס איז מען אויפֿן ראַנד פֿון דער צײַט. מ׳פֿאַרשפּעטיקט. מ׳גיט זיך נישט אָפּ רעכענונג. זיך אַליין באַוועלען מיר. עס קומט־פֿאָר אַ מאָדנער שפּיל מיטן מענטשן צווישן הײַנט און מאָרגן: זעלטן קומט מען אין דער ריכטיקער צײַט!

א. ווײַטער האָט געוואָלט זײַן גערעכט צו דער צײַט. און נאָר אויף דעם ייִדישן זייגער האָבן אים די ווײַזערס געווײַזן די ריכטיקע שעה... די פֿרעמדע ווײַזערס האָבן אים אָפּגענאַרט. „קיין מאָל — זאָגט סימאַ — האָבן ייִדן אַזוי ניט געהאַוועט ווי איצט, אַזוי פֿיל ניט געאַרבעט ווי איצט, און דאָך בלײַבט גאָרניט״[6]... פֿאַר וואָס? ווײַל מיר בויען אַלץ פֿאַר יענעם און מיר ריידן זיך אײַן, אַז וואָס מיר בויען פֿאַר יענעם איז אויך פֿאַר זיך אַליין, און דאָס איז דער טעות! אויף געדונגענער ערד איז מען קיין מאָל ניט זיכער מיטן שניט...

א. ווײַטער האָט זיך צוגעאײַלט און אַרײַנגעבראַכט שאַרפֿע באַציאָנאַלע טענער אין דער קעמפֿנדיקער יוגנט און אין דער פּראָלעטאַרישער עליטע, וועלכע איז נאָך געווען בעיקר אַרײַנגעטאָן אין די „אַלגעמיינע פּראָבלעמען״ מערער ווי אין די תּוך־ייִדישע אידייען. דורך ליטעראַטור און דורך טעאַטער, האָט ער געהאָפֿט, וועט דער

---

[5] פּאַר טאָג, דראַמאַטישע פּאָעמע אין 4 אַקטן, ווילנע 1909, ז׳ 46.
[6] אין פֿײַער, 2טער אַקט.

קאַמף אָנקומען געהויבענער און אײדעלער. דערפֿאַר האָט ער זיך אײַנגעפּאַנצערט אין טעאַטער און אין ליטעראַטור. ער איז געוואָרן פּרצעס ריטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט רענעסאַנס דורך ייִדיש טעאַטער — און דערווײַל אונטערגעהונגערט אין נאָמען פֿון דער קונסט...

א. ווײַטער איז געווען אַן אידעאַלע פֿיגור, אַ מאָדעל פֿון אָפּפֿער־וויליקייט. פּונקט ווי ער האָט פֿריִער אײַנגעשטעלט זײַן לעבן פֿאַר דער פּאַרטיי, אַזוי האָט ער נאָך דעם זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר דער פּרץ־אידיי אויפֿצובויען אַ ייִדיש קונסט־טעאַטער... „עס גייט שוין דער וויפֿלטער דור — זאָגט סימאַ ווײַטער — וואָס פֿאַרשטייט ניט, וואָס איז דאָס אַ בנין, וואָס דאָס איז שאַפֿן"[7]... די דאָזיקע ווערטער וואָלטן געקענט געזאָגט ווערן, און זיי וואָלטן ריכטיק געווען, מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער.

א. ווײַטער, אַ ראָמאַנטיקער, מיט עלעגאַנץ און מאַניִרלעכן סטיל, איז דער פֿאָרגייער פֿון דער מאָדערנסטער ייִדישער ליטעראַטור. מיט זײַן עסטעטיזם האָט ער אָנגעזאָגט דאָס קומען פֿון די יונגע און מיט זײַן עטיזם האָט ער זיך באַוואָרנט, אַז ער וויל זיך נישט אָפּרײַסן פֿון די אַלטע מתנגדים...

אָנגעוווּנקען פּוריזם, די בייטיקייט פֿון פּוריזם, אינעם ייִדישן וואָרט.

א. ווײַטער האָט זײַן אָפּזאָגן זיך פֿון פּאַרטייִשער אונטערטעניקייט סובלימירט מיט וואָרטקונסט, מיט אילוזיע און וויזיע.

א. ווײַטער איז נאָך פּרצן דער גרעסטער בעל־חלומות אין דער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור.

## דער ערשטער צאַרטער ליריקער אין דער ייִדישער פּאָעזיע פֿון שטעטל קעגן שטאָט

דוד אײנהאָרן, וועלכער געהערט צו דעם זעלביקן דור פֿון חרטה און תשובֿה בײַם אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט, איז אין זײַן פּאָעזיע

---

[7] ד"ז.

אין קיין איין שורה נישט קיין פּאַרטיי־פּאָעט. ער, וואָס איז אין דער פּובליציסטיק געווען אָן אַ שיעור מאָל פֿון די קאָמבאַטיווסטע פּאַרטיי־שרײַבערס, איז אין ליד ווי דער פֿויגל פֿרײַ, ווי דער פֿויגל אין פֿעלד, ווי דער פֿויגל אין וואַלד...

ער סיגנאַליזירט טאַקע די ירידה פֿון דער שול. ער זעט, ווי ס'איז געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה פֿון שטעטל... דאָ איז נישט וויכטיק, וואָס הונדערטער אַנדערע שטעטלעך האָבן אין דער זעלביקער צײַט צוגעשטעלט בעל־תּפֿילהס, חזנים און אַפֿילו קאַנטאָרן צו מאָל פֿאַר די גרעסטע וועלטשטעט... נישט דער פֿאַקט איז דאָ וויכטיק, נײַערט די אַטמאָספֿער: עס שטאַרבט־אָפּ די אַלטע ייִדישקייט...

על־פּי פּאַרטיי־לאָגיק, איך ווײַפּל מ'האָט פֿאַרוויגט, אַז בונדיסטן זײַנען „בלוטיקע שׂונאים" פֿון טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט, וואָלט אַ ייִדישער פּאָעט, וועלכער איז פֿון אַלעמען פֿאַררעכנט פֿאַר אַ בונדיסט, באַדאַרפֿט קלײַבן נחת, וואָס אין שטעטל איז שוין מער נישטאָ קיין בעל־תּפֿילה — פֿאַרשווונדן, הייסט עס, די אַלטע „טשאָלנט־ייִדישקייט"... דוד אײנהאָרן איז אָבער פּונקט דער היפּוך. נישטאָ נאָך איינער, וועלכער האָט מיט אַזוי פֿיל געפֿיל און צער דערציילט, אַז ס'איז געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה פֿון שטעטל... ער לײַדט און זײַן לייענער לײַדט, וואָס דאָס שטעטל ווערט אויסגעליידיקט פֿון ייִדישקייט. די בעריאָזקע איז אַן עדות. פֿאַר דער בעריאָזקע וויינט ער אויס זײַן צער און ווייטיק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן וועג, צו בעטן בײַ דער בעריאָזקע, זי זאָל זיך אויף אים מרחם זײַן און פֿאַר אים מתפּלל זײַן...

אַזאַ לויטערער ליריזם און אַזאַ טיף געפֿיל אויסגעקנאָטן מיט געדאַנק איז ביז דוד אײנהאָרן נאָך נישט געווען אין דער ייִדישער פּאָעזיע. „אָט דער דוד אײנהאָרן פֿון וואָלקאָוויסק, ווילנע און פֿון די ערשטע יאָרן אין בערן איז געווען אַ דיכטער, וואָס די צײַט האָט אים אַרויסגערוקט און אויפֿגערופֿן. זײַנע דעמאָלטיקע לידער וועלן פֿאַרבלײַבן אין דער ייִדישער פּאָעזיע, ווײַל זיי זײַנען געווען די אוי־

טאָביאָגראַפיע פון אַ פאַרלוירענעם און אַן אַנטוישטן דור — פון דער באַוווּסטזיניקער יוגנט, וואָס האָט אין אײנהאָרנען געפונען איר זינגער. אַ סך פון יענע לידער, ווען מען אַנאַליזירט זיי איצט, זײַנען אָרעם אין שפּראַך, אָרעם אין בילד, אָבער זיי פאַרמאָגן אַ זעלטענע גאַנצקייט און פײַערלעכקייט. אויב מ׳וויל, איז אײנהאָרנען דעמאָלט געלונגען אויך מוזיקאַליש אויסצודריקן זײַן דור. אויב מיר זוכן הײַנט דעם וועג צו ייִדישער מוזיק דורך טראָפּ, איז אין אײנהאָרנס יוגנטליד שוין פאַראַן דער לערנענדיקער בית־המדרש־טרויער, דיי־נער און אומדירעקטער ווי אין רייזענס מאי קאָ משמע לן. אָט די גאַנצקייט, אין דיכטערישער דורכפירונג, פעלט כמעט אין גאַנצן אין אײנהאָרנס שפּעטערדיקע לידער״ [8]. ווו ליגט די סיבה דערפון? פאַר וואָס איז צו דעם געקומען? אַ קליינע אָנצוהערעניש אין דעם זין געפינען מיר אין דער אינטימער מיינונג פון שטרענגן קריטיקער. „דוד אײנהאָרן — געפינען מיר זי ערשט נאָכן קריטיקערס טויט — האָט אַן אײדעלן און אינטעליגענטן טאַלאַנט און ווייכע האַלב־מעלאַנכאָלישע, בין־השמשותדיקע שטימונגען״ [9]. פון וואַנען קומען זיי צו אים, אַ דיכטער וואָס איז אויפגעקומען אין די רייען פון האָפּערדיקער, קעמפערישער פאַרטיי? זיכער נישט פון דער פאַרטיי. זיכער פון זײַן אייגענער אינטימער וועלט.

דוד אײנהאָרן, בלי שום ספק דער ערשטער צאַרטער ליריקער אין דער ייִדישער פּאָעזיע, וועלכער האָט אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישן ליד שאָפּען־שטימונגען, האָט אַליין אין זײַנע פערזן אויסגעזאָגט, ווו ער האָט זיך געפונען און ווו ער האָט זיך פאַרלוירן. אַ פאַרבענקטער זינגט ער: „מײַן נשמה געהערט, / מײַן נשמה געהערט / צו מײַן שטעטל, וואָס ליגט / אויף דער ליטווישער ערד״.

---

[8] יעקב גלאַטשטיין — „דוד אײנהאָרן״, אין תוך געגומען, 1948—1956, נ״י 1956, זז׳ 278—279.

[9] ש. ניגער — פון מײַן טאָגבוך, פאַרעפנטלעכט אין נ״י דורכן קולטור־קאָנגרעס אין 1973. — פאַרצייכענונגען פון 1907, ז׳ 107.

אַז דאָס איז אַ גרונטמאָטיוו אין איינהאָרנס לעבן און שאַפֿן, קען מען זען, וואָס אין זײַנע שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער איז פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון דער זשורנאַליסטיק. האָט ער אין זײַנע גרעסטע פּאָעמעס דווקא געשילדערט די גרויסשטאָט: אי אין פֿרילינג, אי אין האַרבסט זעט ער אין דער שטאָט כּל בייז. מ׳פֿילט, אַז ער האַסט די שטאָט. בעת ער האָט דאָס קליינע, אָרעמע שטעטל באַזונגען און דאָס פֿעלד אויסגעקושט מיט הייסער ליבשאַפֿט, זעט ער אין דער גרויסשטאָט אָפּשטויסנדיקע בילדער, אַפֿילו די אינדוסטריע פֿון אויסגעלאַסנקייט...

דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין איינהאָרנען, ווײַל זײַן „נשמה געהערט צו דער ליטווישער ערד", אָבער דער גורל האָט געוואָלט, ער זאָל דווקא אין גרויסע שטעט אָפּלעבן דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן, דינט אויך איינהאָרנען אין זײַנע אַרגומענטן, מיט וועלכע ער טרעט־אַרויס קעגן די יונגע נאָך דער 1טער וועלט־מלחמה. פֿאַר אים זײַנען זיי די זינגערס פֿון דער פֿאַרסמטער שטאָט, פֿון דעם אורבאַניזם, און ער האַלט, אַז די גרויסע שטאָט איז אַן אומגליק פֿאַרן אַלגעמיינעם לעבן און ספּעציעל פֿאַר דעם ייִדישן לעבן, און מער ווי אַלץ פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

די גרויסע שטאָט איז פֿאַר אים דער סינאָנים פֿון גײַסטלאָזיקייט, טעמפּקייט, פֿאַלשקייט, יעזויִטיזם, אַלץ וואָס איז שעדלעך פֿאַר דעם מענטשן און איבער הויפּט פֿאַר דעם ייִדן. דערפֿאַר האָט ער אין די יוגנט־שטורמערס פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אין פּוילן געזען די מינצפֿעלשערס, צו מאָל די שענדערס פֿון ייִדישן וואָרט... ווײַל זיי זײַנען די אויסשרײַערס פֿון דער גרויסער שטאָט.

ווען איינהאָרן האָט געזונגען „ס׳איז געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תּפֿילה", האָט ער באַלד אין אַ צווייטן ליד געזונגען „מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול... וועלן מיר דאַוונען און בעטן אַליין". אַזוי האָט ער געזונגען אין 1910. אָבער אין צענדלינגער יאָרן אַרום האָט

ער צוגעגעבן: „אָ, גאָט, איך ווייס, דו ביסט מיט מיר, דו ביסט מיט מיר אַפילו דאַן, ווען איך פאַרלייקן דיך“[10]...

## די אַנטווישונג אינעם הײַנט און די בענקשאַפט נאָכן אַמאָל

ווי מיר זעען, קענען מיר נאָר מיט דער הילף פון ליטעראַטור־געשיכטע זיך שאַפן דאָס ריכטיקע בילד פון שרײַבערס בײַטראָג און זײַן ראָלע אין זײַן צײַט. דער דאָזיקער צוגאַנג איז אויך גילטיק פאַר ז. י. אָנכי.

אַז מ׳לייענט ר׳ אַבא און מ׳קען נישט אָנכיס לעבנס־געשיכטע, דאַכט זיך אויס, אַז די דאָזיקע מעשׂהלעך זײַנען פון אַן אַלטן ייִדן, וועלכער קען זיך נישט אָפּלויבן פון די וווּנדער־וווּנדיירים, וואָס ער און ער, און רק ער, האָט באַוויזן. אָבער אין אמתן איז אָנכי, נאָך אין זײַן יוגנט „מיט אַ ר׳ אַבא־פּנים, איז געקומען מיט זײַנע דער־ציילונגען פונעם לעבן פון די ייִדישע אינטעליגענטקעס, וואָס האָבן געזוכט אַ תּיקון פאַר זייערע צעבראָכענע נשמות. דאָס איז געווען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע, און אַ כוואַליע פון אַנטווישונג און פּעסימיזם האָט זיך דאַן איבער־געטראָגן איבער דער רוסישער און ייִדישער אינטעליגענץ. מ׳האָט אַ סך גערעדט וועגן זעלבסטמאָרד, און נישט נאָר גערעדט, מ׳איז אויך באַגאַנגען. אַ שרעקלעכע זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע האָט פאַרניכט אַ סך פון דער האָפענונגלאָזער ייִדישער יוגנט“[11].

ז. י. אָנכי איז אַ כּבֿד־פּה געווען, אַזוי אין לעבן, ווי אין שרײַבן. „אָנכי — זאָגט מיט אַ פּאַראַדאָקס דער קריטיקער — איז אַ שרײַבער אָן ווערטער... איז עס נישט אַן אַבסורד?“[12]. ניין, עס איז נישט

---

[10] געזאַמלטע לידער, 1904—1951, אילוסטרירט פון בנימין איינהאָרן, פּ׳ „אַרבעטער־רינג“, נ״י 1952, לעצט ליד פון בוך, ז׳ 268, ווי דער סוף פּסוק.

[11] שמריהו גאָרעליק — „ליטעראַרישע זכרונות“, עסייען, לאָס־אַנגעלעס 1947, זז׳ 315—316.

[12] ש. ניגער — פון מײַן טאָגבוך, 1907, ז׳ 112.

קיין אַבסורד. פֿאַראַן גרויסע רעדנערס, וועלכע פֿאַרהיקען זיך, אָבער זיי מאַכן פֿון דעם פֿאַרהיקען זיך — אַ חנדל... טאַקע דערפֿאַר. ווײַל זיי ריידן שווער און ווייניק, זײַנען זיי קאָנצענטרירט און קערנ־דיק. אָנכיס ר׳ אַבא זאָגט נישט קיין תורה, אָבער מיט זײַן כּבֿד־פּה שטעלט ער אַלזײַטיק פֿאָר זײַן וועלט אַנטקעגן דער וועלט פֿון די אַנדערע. עס שטעלט זיך דעמאָלט די קשיא: וואָס איז פֿאַר אָנכין געוועזן וויכטיקער — ווײַזן וואָס עס איז שוין מער נישטאָ — די אַלטע יִדישע וועלט אָדער וואָס עס איז נאָך נישטאָ קיין נײַע יִדישע וועלט?

יִדישע שרײַבערס צווישן קאָנפֿליקטן פֿון דורות דינען דאָ פֿאַר אונדז ווי די באַגלייבטסטע עדות, סײַ מיט דעם וואָס זיי ריידן אַליין זיך אַראָפּ פֿון האַרצן, זינגענדיק אָדער דערציילנדיק מאָלעריש און טעאַטראַליש, סײַ מיט דעם וואָס זיי לאָזן הערן זייערע „קעגנערס", וועלכע זײַנען גאָר נית זייערע קעגנערס, ווײַל זיי זײַנען אַ טייל פֿון זייער אייגענעם לעבן, אין געראַנגל פֿאַרן זײַן און ווערן.

שמואל ראָזשאַנסקי

# א. ווייטער




## ביאָגראַפישע שטריכן

א. ווייטער האָט אײַזיק־מאיר דעווענישסקי געהייסן אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור זינט ער האָט אין 1906 דעבוטירט ווי אַ נאָוועליסט, נאָך דעם ווי ער איז געווען באַרימט מיט זײַן פּאַרטיי־נאָמען חבר אַראָן, אַבער מער קיין חשק נישט געהאַט אָפּצוגעבן זיך צו פּאָליטיק. צוגעטוליעט צו י. ל. פּרצן, איז א. ווײַטער געפֿאַנגען גע־וואָרן פֿון דער אידיי צו שאַפֿן אַ דראַ־מאַטיש טעאַטער, און טעאַטער־זשאַ־נער האָט אים פֿאַרכאַפּט אויץ ווי אַ שרײַבער. זײַנע וויכטיקסטע שאַפֿונגען זײַנען, בכן, דראַמעס. פּאָעטישע דראַ־

מעס פון אַ בעל־חלומות, וועלכער איז געווען באַהויכט פון סאָציאַלע אידעאַלן, און ווי ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, איז ער געווען נישט ווייניקער טיף נאַציאָנאַל.

*

געבוירן יולי 1878 (?) אין בעניאַקאָן, ביי ווילנע, אין אַ יחוסדיקער משפּחה פון רבנים און לומדים, ביי טאַטע־מאַמע וואָס האָבן געציטערט איבער אים און נישט געהאַלטן אין פאָטערס קרעטשמע, נאָר אַרומגעשיקט לערנען אין די שכנותדיקע שטעטלעך, האָט א. מ. ד. פרי זיך גענומען צו וועלטלעכע לימודים, נאָכן היימיש ווערן אין תורה און תלמוד. אין סמאַרגאָן, פון 1895, זיך דערנענטערט צו רעוואָלוציאָנערע קרייזן און, אינספּירירט פון אַהרן ליבערמאַנס האמת און פּרצעס יום־טוב־בלעטלעך אָנגעהויבן שרייבן לידער און סצענעס אין העברעיִש און יידיש, און אין ביידע שפּראַכן אַפילו אַרויסגעגעבן אַ געשריבענעם זשורנאַל, אָרגאַן פון די סמאַרגאָנער פּרושים. געשריבן צו פּרצן און געקראָגן אַן ענטפער מיט אַ דערמוטיקונג צו שרייבן — באַאַרבעט ער סצעניש מענדעלעס פישקע דער קרומער און פועלט ביי די בית־מדרש־בחורים צו שפּילן דאָס לכבוד פּורים. די פרומע ווערן דערפון דערצאָרנט; די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערס דערפילן אָבער אין אים אַן אייגענעם. דאָ מישן זיך אַריין די עלטערן און ער פאָרט לערנען אין איישישאָק און צום חפץ־חיים אין ראַדון, וואָרן זיינע פּלענער זיינען אויך צו אָפּגעבן גימנאַזיע־עקזאַמענס ווי אַן עקסטערן, אין קאָוונע. דאָ באַגעגנט ער זיך מיטן לערער נח פּאָרטנאָי און יוזעף פּילסודסקי, פירער פון פּ. פּ. ס., און ער ווערט אונטערן פּסעוודאָנים גיך באַליבט ווי אַ פירער פון „בונד". כאָטש געזעסן 9 חדשים אין 1899, וואַרפט ער זיך אַריין גלייך נאָך זיין באַפרייונג אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט, ביי צייטונגען, אַגיטאַציעס, דיסקוסיעס און מאַניפעסטאַציעס. אין 1901 ווידער אָפּגעזעסן אין טורמע ט'גאַנצע יאָר אין מאָסקווער בוטירקי־טורמע, וווּ ער האָט חתונה געהאַט. אין 1902 פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר (די פרוי, וואָס איז מיט אים מיטגעפאָרן, האָט אים שפּעטער פאַרלאָזט, ווייל „אַזאַ לעבן" איז געווען „נישט פאַר איר"). צוריקגעקומען פון דער פאַרשיקונג, איז חבר אַראָן אַוועק אין אויסלאַנד, אָבער נאָך די רעוואָלוציאָנערע אומרוען פון 9טן יאַנואַר 1905 אַראָפּגעקומען אין ווילנע און אין איין טאָג גוואַלדיק אויפגערודערט די שטאָט מיט זיין אָרגאַניזירן די פאָלקס־מאַניפעסטאַציע, און מ'רופט אים אָן „ווילנער גובערנאַטאָר". נאָר דווקא ביי אָט דעם גרעסטן אויפשטייג אין זיין דערפאָלגרייכער פּאָליטישער אַרבעט, נאָך די פאָרגעקומענע פּאָגראָמען, האָט ער זיך דערפילט ביטער אַנטוישט, ווען ס'איז אויף דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד", אין בערן, אָנגענומען געוואָרן, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך פאַראייניקן מיט דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

אַ קורצע צײַט פּרובירט ער נאָך אָנצוגיין מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט אין לעמבערג, גאַליציע, אָבער כאָטש ער נעמט זיך דרוקן אויך אין אויסגאַבעס פון „בונד”, ווערט פאַר אים וויכטיקער ליטעראַרישע אַרבעט אין אַ ברייטערער אידייִשער רעם, מיטן דגש אויף נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון כלל־ישראל.

*

א. ווײַטער ווערט אַוועקגעשטעלט אינעם צענטער פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן, ווען ער ווערט איינער פון די דרײַ רעדאַקטאָרן פון ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן, אין ווילנע 1908, זײַט בײַ זײַט מיט שמואל ניגער און ש. גאָרעליק, צוויי ביז דעמאָלט אידעיִש אַנדערש אָריענטירטע שרײַבערס. אָט דער זשורנאַל ווערט אַן אָנזאָג פון אַ נײַעם גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און א. ווײַטערס דראַמעס: פאַר טאָג (4 אַקטן, ווילנע 1907), אין פײַער (3 אַקטן, ווילנע 1908) און דער שטורמער (4 אַקטן, ווילנע 1912) געהערן צו די מאָדערנע אויסדרוקן פון דעם ייִדישן וואָרטשאַפן.

באַגײַסטערט פון פּרצעס חלום צו שאַפן אַ קונסט־טעאַטער, ווערט א. ווײַטער דער וואָס פאָרט־אַרום איבער רוסלאַנד, צו געפינען הילף פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם גרויסן פּלאַן. נאָר אַזוי ווי ער ווערט פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי און אים ווערט גמאס צו אויסבאַהאַלטן זיך, גיט ער זיך אַליין איבער דער צאַרישער פּאָליציי. ווערט ער 1912 ווידער אויף 3 יאָר פאַרשיקט קיין סיביר, נאָר קען צוריקקומען ערשט נאָכן אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין 1917. קומט אין ווילנע און ווערט שעפעריש, בײַ דער זײַט פון ש. ניגער, און די סצענישע פאָרעם אינטריגירט אים ווידער: ס׳ערשטע, וואָס ער שאַפט, איז דער איינאַקטער דאָס אומגליק.

ווען די רויטע אַרמיי איז אַרײַן אין ווילנע, איז וו. באַשטימט געוואָרן פאַרן פאַרוואַלטער פון ייִדישן פאַרלאַג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין ליטע. דעם 19טן אַפּריל האָבן אָבער די פּאָלאַקן אײַנגענומען די שטאָט און, צעבושעוועטע, שיכור פון נצחון, האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג, געצונדן, געמאָרדעט, גערויבעוועט. בעת דער דאָזיקער וואַקכאַנאַליע האָבן עטלעכע צעווילדעוועטע לעגיאָנערן, אָנגעפירט פון אַן אָפיצער, זיך אַרײַנגעריסן אין ש. ניגערס דירה און אַרויסגעשלעפּט לייב יפהן, דעם באַלעבאָס פון הויז, און ווײַטערן. די ערשטע צוויי איז געלונגען אַרויסרײַסן פון די רוצחים, אָבער א. ווײַטער איז פון זיי אויף דער גאַס דערשאָסן געוואָרן און זײַן קערפּער האָט זיך געוואַלגערט בײַם רינשטאָק 2 טעג נאָך אַנאַנד, און ערשט נאָך דעם געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

די הייסע ליבשאַפט צום דיכטער און זעלטענעם מענטש איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין 2 זאַמלביכער: ווײַטער־בוך, ווילנע 1920, און כתבים, 160 זײַטן, ווילנע 1923.

# אין פייער

**דראַמע אין 3 אַקטן**

**פּערזאָנען**

שלמה
שרה — זײַן פרוי
חנהקע — די טאָכטער
סימאַ — דער זון
שלום — דער שוואָגער
רחלע — זײַן טאָכטער
לעווין — אינזשעניר
דער סוחר — אַ יונגער מאַן
דער פעלדשער
דאָס דינסטמיידל
צוויי אַרבעטערס

# 4טער אַקט

אַ גרויס צימער; דאָס עסצימער. אַנטקעגן — אַ ברייטע, האַלבע, גלעזערנע טיר צו אַ וועראַנדע. מען זעט, ווי עס הייבן זיך אויף אָפּט מאָל פײַערן פון שײַטער-הויפנס: טירן אויף רעכטס און לינקס.

יאָהאַנעס[1]-נאַכט. אַ מאָל נענטער, אַ מאָל ווײַטער הערט זיך אַן איינפאַך דאָרפיש געזאַנג. כמעט די גאַנצע צײַט הערט זיך דער מאָטיוו פון דעם ליד, וואָס ווערט געזונגען אין דער נאַכט: „אָי ראַנאָ נאַ יאַנאָ" [2]. אַ מאָל מישט זיך אַרײַן אַ וואַלסמאָטיוו.

דאָס געזאַנג הערט-אויף נאָר אין מיטן פון 3טן אַקט.

אויף דער בינע גופא זינגט קיינער נישט. די זמירות און דאָס ווײַסרוסיש לידל ווערן נאָר געמורמלט, ווי אַ ניגון.

שלמה — אַרומגייענדיק איבער דער שטוב. קומט יעדעס מאָל צו צו דער גלעזערנער טיר, דורך וועלכער עס זעען זיך די פײַערן פון די שײַטער-הויפנס; זינגט שטיל די זמירות: „המבדיל בין קודש לחול"... ווער איר זען מײַן וואָרט. הײַנט מאַכן זיי אַ שׂריפֿה. אַ קלייניקייט דאָס איז, אין אַזאַ טריקעניש זיך שפּילן מיט פײַער! זעט נאָר, ווי מען וואַרפט די האָלאָוועשקעס [3] איבערן טײַך... „המב-דיל בין קודש לחול... וככוכבים בלילה"...

[1] 24 יוני, אין אָנדענק פון דעם וואָס האָט אָנגעזאָגט „זײַן" קומען. — [2] אַ פויעריש לידל. — [3] פאַרברענטע שײַטן האָלץ (פונאַ בנין).

שלום — ס׳איז דאָך נישט שײַך.

שרה — זיצנדיק בײַ דער טיר. זאָל גאָט היטן! אַז זיי שפּרינגען איבערן פֿײַער, פֿאַלט מיר אײַן אין האַרצן. אָ, סאַראַ פֿײַער! זאָל גאָט היטן...

שלמה — אַ יום־טובֿ בײַ ייִדן... שוויענטי יאַן! פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן...

שרה — שלמה, שעלט נישט אויף אַ פּולע וואָך.

שלמה — יום פּנה כּצל תּומר...

שרה — גיי, רחלע, זאָלן זיי זײַן פּאַוואָליע מיט פֿײַער.

שלום — גיי, טאָכטערל, זאָג זיי...

שלמה — מען דאַרף נישט, זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן. הפֿקר... ס׳איז אַלץ הפֿקר.

שלום — ס׳איז דאָך נישט שײַך: אַ יום־טובֿ מיט די ערלים צוזאַמען... און מיט פֿײַער, שפּילן זיך מיט פֿײַער! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דרך? מײַן אַלטע ע״ה...

שלמה — לאָז צו רו! איך בעט דיך... יום פּנה כּצל תּומר...

שלום — אַמאָליקע צײַטן... אַז דו האָסט חתונה געהאַט מיט מײַן שוועסטער, בין איך שוין געווען אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך. געדענקסט, שׂרה, האָט געפֿעלט נדן...

שלמה — איך בעט דיך, הער־אויף! איך ווייס שוין די מעשׂה ווי אַשרי! שוין ב״ה אַ יאָר צען, אַז איך הער זי.

שרה — שלום, טו עפּעס אַן אַרבעט און שווײַג... איך בעט דיך, לאָמיר בעסער שווײַגן.

שלום — ס׳איז דאָך נישט שײַך. שווײַגן איז אויך אַ מלאכה... פּויזע.

שלמה — יום פּנה כּצל תּומר... שלום, האָסט נישט געזען, ווו איז דער סוחר?

שלום — דער סוחר? ווייס איך, ער גייט דאָ אום ערגעץ...

שלמה — דאַרף מען זען, ווו ער איז. גיי.

שלום — בײַ דער טיר. שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט.

שלמה — יום פנה כצל תומר...

שלום — זיי וועלן טאַקע מאַכן אַ שׂריפֿה. זעט, סאַראַ פֿײַער. איז איז אַ שקאַצערײַ! אָפּ.

שׂרה — זאָל גאָט היטן.

שלמה — אקרא לאל עלי גומר... אַז מען דערהערט נענטער דאָס געזאַנג פֿון דרויסן, רײַסט ער איבער. נו, מען קען דאָך קיין יידיש וואָרט נישט זאָגן!... פויזע. רחל, ווו איז חנהקע? זע, ווו איז זי?

רחלע — אָפּ.

שלמה — שׂרה!

שׂרה — וואָס?

שלמה — איך דאַרף דיר עפּעס זאָגן...

שׂרה — נו!

שלמה — וועסט זײַן אַ ייִדענע צי נישט?

שׂרה — וואָס? רייד שוין אַ מאָל.

שלמה — זאָלסט נישט זײַן קיין ייִדענע, וועל איך דיר עפּעס זאָגן.

שׂרה — זאָג שוין גיכער, וואָס איז געשען?

שלמה — זע, זי האָט זיך שוין דערשראָקן... גאָר נישט געשען! פויזע. שׂרה, הערסט, פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן! איך וויל, אַז עס זאָל פֿאַרברענט ווערן. פֿאַרשטייסט?

שׂרה — שלמה, רייד ווי אַ מענטש, איך פֿאַרשטיי אַ וואָרט נישט.

שלמה — איך רייד דאָך מיט דיר קלאָרע דיבורים. איך וויל פּטור ווערן... פֿון הויף, פֿון די זאַוואָדן[4], מיט די אינזשענירן, מיט די אַלע טשיוולאָנים, מיט די גוייִשע לידער, מיט די טענץ, מיט דעם שוויענטי־יאַן... איך וויל פּטור ווערן און יוצא. ווי אַ פּעטליע איז דאָס מיר אויפֿן האַלדז. איך קען נישט מער. ס'איז נישט פֿאַר אַ ייִדן אַזאַ געשעפֿט. אַרײַנגעפּאַקט דעם גאַנצן אייגנס, ווי אין אַ

[4] פֿאַבריקן.

תהום. אַן עסק האָבן זיי, שימע מיטן אינזשעניר, בויען, כסדר בויען. און מען שלעפּט געלט ווי זאַמד, אַזוי געלט און אַנדערש געלט, און וועקסלען און נאָך אַ מאָל וועקסלען, און מען בויט, כסדר מען בויט, און איך הייב נישט אָן צו וויסן, נישט וואָס מען בויט, נישט ווען מען בויט; איך ווייס נאָר, אַז איך ווער בדלות, אַז איך בין שוין אַן אביון...

שרה — שלמה, וואָס רעדסטו?

שלמה — איך זאָג דיר, בדיל־הדל געוואָרן. זיי טענהן, אַז ניט, אָבער איך ווייס. אַזוינע געשעפֿטן פּאַסן פֿאַר אַ פּריץ. אָבער נישט פֿאַר מיר, פֿאַר אַ פּשוטן ייִדן ווי שלמה. מען דאַרף פֿירן געשעפֿטן, אַוודאי; נאָר איך דאַרף זען דעם ריווח, איך דאַרף אים זען. אָט דאָ, אין בוזעם־קעשענע דאַרף איך דאָס האָבן. איך מיט מײַן קאַפּיטאַל קען זיך גאַנץ גוט פּרנסה האָבן אַנדערש אויך. דאַרף איך דאָס האָבן, אַז עס זאָל זיך קערן אַ וועלט: אינזשענירן און אַרבעטערס, איין מאָל אַרבעטערס און נאָך אַ מאָל אַרבעטערס, און געשעפֿטן מיט פּויערים, און מחלוקת מיט זיי? און אַז גוט־פֿרײַנד, איז נאָך ערגער — אוי, ווײ מיר געשען... שלמה זאַבאַלאָוויער דאַרף נישט אַזוינע געשעפֿטן. איך וויל נישט, אַז מען זאָל מיך מקנא זײַן.

רחלע — שטיל אַרײַנגייענדיק. איך ווייס נישט, פֿעטער, ווו זי איז. זי איז דאָ געוועזן נישט לאַנג.

שלמה — געוועזן נישט לאַנג. גאַנצע נעכט שלעפּט מען זיך דאָס אום... גיי... זוך זיך אויס אַן אַרבעט.

רחלע — נישט ווילנדיק, אָפּ.

שלמה — אַ שטילינקע, אַ צדקנית... נו, און מיט זיי, למשל, וואָס טוט מען דאָ, פֿרעג איך דיר. ס'איז דאָך פּשוט אַ סכּנה. ס'איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן, ס'איז דאָך אַ בזיון. אָט די, די קליינע, איז כּסדר, דער טײַוול ווייס, מיט די גויים, און ווייס איך מיט וועמען. און חנהקע איז נישט בעסער. אַז עס קומט דער זומער און זי קומט צו פֿאָרן, פֿלאַמט דאָך דאָס פּנים. נישטאָ קיין בושה, נישטאָ קיין זאַך — הפֿקר. הפֿקר אַ וועלט און יוצא. האָט מען זיך פֿאַר אַ יאָרן אומגעשלעפּט מיטן פּריצס גאַסט... געדענקסט, איך וויל פֿון מײַן מויל

נישט אַרויסברענגען, וואָס עס האָט זיך דאָ דעמאָלט אָפּגעטאָן... מײַן נישט, איך זע אַלץ און פֿאַרשטיי. דאָס איז דאָך שוין גאָר... אַז עס האָט דאָך שוין גאָר קיין נאָמען נישט. און איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיטן אינזשעניר. עס וועט ווידער... נאַ!... אַז עס איז קיין ווערטער נישטאָ, אַז ייִדן וויסן גאָרנישט, ווי מען רופֿט דאָס.

שרה — שלמה, וואָס קלערסטו אויס?

שלמה — הערסט, שׂרה, געבוג! איך ווייס און דו ווייסט. איך ווייס, אַז דו ווייסט אויך. דו ווייסט אַלץ, ווייסט נאָך אפֿשר מער פֿאַר מיר. אַ מאַמע ווייסט. אַלא וואָס, דיר טוט ווײ, טוט מיר אויך ווײ...

שרה — שלמה, שלמה!...

שלמה — נישטאָ מער קיין כּוח צו דערלײַדן. פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערן. פּויזע. הערסט, שׂרה, דערציילן דאַרף איך דאָס דיר, ווײַל אין מיטן נאַכט קען מען זיך דערשרעקן און ווייס איך וואָס נאָך. פֿאַרשטייסט, הײַנט בײַ נאַכט ווערט דאָס אַלץ פֿאַרברענט, הערסט?

שרה — שלמה!!!

שלמה — און געבוג... אַ פּיפּס נישט. שימע ווייס און מער קיינער נישט. הערסט, געבוג, אַ פּיפּס נישט!

שרה — ביסט משוגע!

שלמה — געבוג! זײַ נישט קיין נאַר — פֿאַרסטאַכירט... און יוצא. מער אַ פּיפּס נישט... הײַנט בײַ נאַכט... און יוצא... וויינסט גאָר, טאָ גיי־אַוועק. עס וועט נאָך ווער אַרײַנגיין... גיי־אַוועק, איך בעט דיר.

שרה — טרײַב נישט, שלמה, זײַ נישט אַזוי צעטומלט. פֿאָלג מיר, שלמה, באַטראַכט זיך...

שלמה — אָ, ביסט אַ ייִדענע.

שרה — אָפּ אויף לינקס.

סימאַ — קומט־אַרײַן פֿון דער וועראַנדע.

שלמה — אַרומגייענדיק. **יום פּנה כּצל תּומר...**

סימאַ — פֿאָטער!...

שלמה — מאַכט זיך נישט הערנדיק. אקרא לאל...

סימאַ — פֿאָטער!...

שלמה — אמר שומר, אתא בוקר...

סימאַ — פֿאָטער, איך בין נישט מסכּים!...

שלמה — בלײַבט אים שטיין אַנטקעגן. וגם לילה... ביסט נישט מסכּים?...

סימאַ — פֿאָטער, איך וועל נישט לאָזן!...

שלמה — ווייסט וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט דאָס, דו וועסט נישט לאָזן? וועסט מסרן?

סימאַ — פֿאָטער, מען טאָר נישט. ביסט דאָך אַ פֿרומער ייִד, טאָ ווו איז דײַן בל תשחית. איך פֿרעג דיר, פֿאָטער, ווו איז דײַן פֿרומקייט? נעמען אומברענגען, וואָס מען האָט אַזוי פֿיל יאָרן גע־בויט, וואָס מען האָט קלאָץ צו קלאָץ געשלעפּט, ציגל מיט שוויס גענעצט, אומברענגען — אַרבעט!... פּוסט איז דאָך דאָ געווען. מער נישט אָט דער אַלטער פּאַלאַץ, דעם פּריצס, איז דאָ געשטאַנען אײַנגעהויקערט איבערן טײַך. אַ גאַנצע געגנט האָט געהונגערט. זײַנען מיר געקומען, בויערס זײַנען געקומען און דאָס פֿאַרוואָרפֿענע ווינקל האָט אויפֿגעלעבט; אויפֿגעוועקט אַ טײַך און געלאָזן אַרבעטן, געבײַדעס געבויט...

שלמה — סימאַ, שרײַ נישט, דו הערסט צי נישט!

סימאַ — איך שרײַ נישט... געדענקסט, איך בין געקומען פֿון אוניווערסיטעט, נישט געענדיקט, און דו האָסט געטענהט: אַ תּכלית, ווו איז דער תּכלית? האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך בלײַב דאָ, אַז איך וויל אַרבעטן, זיך און אַנדערע באַרעכטיקן. קענסט מיר זאָגן, אַז איך האָב נישט געאַרבעט. איך האָב כּסדר געאַרבעט, געשאַפֿן. און איצט, אַז עס איז שוין עפּעס אויסגעוואַקסן, אַז אַ ייִדישע פֿאַמי־ליע האָט מיט די אייגענע הענט געבויט און אויסגעבויט, קומסטו, קומסטו... פֿאָטער, איך וועל נישט לאָזן!...

שלמה — אַז איר האָט מיר בדלות געשטעלט!

סימאַ — ביסט רײַכער געוואָרן!

שלמה — אַז איך וויל נישט אַזאַ רײַכקייט!

סימאַ — אַז איך וויל אָבער קיין אַנדערע נישט.

שלמה — איז ווי דו ווילסט זיך. איך קען אַזאַ געשעפֿט נישט פֿירן... איך קען אַזאַ לעבן נישט לעבן...

סימאַ — פֿאָטער!... דערהערנדיק, אַז עמעץ גייט, רײַסט ער איבער.

שלום — אַרײַנקומענדיק פֿון דער וועראַנדע. דער סוחר וויל אַוועקפֿאָרן.

שלמה — וואָס... וואָס הייסט ער וויל אַוועקפֿאָרן?

שלום — ס'איז דאָך נישט שײַך, ער איז דאָך נישט דורכגעקומען.

שלמה — רייד ווי אַ מענטש! וואָס הייסט „נישט דורכגעקומען"? מיט וועמען נישט דורכגעקומען?

סימאַ — דאָס האָב איך אים געהייסן אַוועקפֿאָרן!

שלום — ער זאָגט, ס'איז דאָך נישט שײַך, אַז דער יונגער הער, סימע׳ס, הייסט דאָס, איז נישט מסכים.

שלמה — ווער איז עלטער, סימאַ? סימאַ, ווער איז דאָ דער באַלעבאָס?... צו שלומען. ווו איז ער... דער סוחר?

שלום — בײַם טײַך... מיט די שיקסעס... אַ פֿריילעכער ייִד, באמונות...

שלמה — האַסטיק אָפּ.

שלום — וואָלסט זען, ווי ער טאַנצט מיט די... גויעס! אַ פֿריילעכער ייִד. פֿאַר וואָס ווילסטו דאָס מיט אים נישט האַנדלען, האַ?

סימאַ — פֿעטער, ס'אַ דאגה אײַך! איר מישט זיך דאָך נישט צום זאַוואָד. ווי צו זיך אַליין. אַז איך וויל מיט אים נישט האַנדלען, איז מסתּמא דאָ אַ סיבה דערצו. ס'אַ דאגה אײַך, פֿעטער. וואָס האָב איך אײַך געדאַרפֿט זאָגן?... האַ!...

שלום — ס'איז דאָך נישט שײַך, נאָר אַז עס איז עפּעס מאָדנע. שלמה לויפֿט־אום פֿון איין ווינקל צו דעם אַנדערן, דו לויפֿסט־אום,

שׂרה איז פֿאַראומערט. עס טוט זיך עפּעס דאָ, איך ווייס נישט וואָס... כ'מיין, דאָרטן, זאָגט מען, הלולא וחנגא [5], און דאָ איז עפּעס אַן ערבֿ תּשעה באָבֿ... ווער שושקעט זיך דאָ אַרום די טירן? הערט זיך צו ביי די טירן אויף רעכטס און לינקס. פויזע. שלעכט, עפּעס גאָר שלעכט... עצבֿות, איז דאָך נישט שייך... אַז דיין טאַטע האָט חתונה געהאַט מיט דיין מאַמען, מיט מיין שוועסטער, בין איך שוין געווען אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך. האָט געפֿעלט נדן. זאָגט מיין טאַטע ע"ה...

סימאַ — פֿעטער, לאָמיר שווייגן, לאָמיר בעסער שווייגן.

שלום — שווייגן איז שווייגן, ס'איז דאָך נישט שייך. נו, רעכט, לאָמיר שווייגן. פויזע. אַרומגייענדיק געפֿינט ער דעם אָפֿענעם סידור אויפֿן טיש. „המבֿדיל בין קודש לחול"... שימע, שימע, אָרליק האָט אָנגעהויבן הינקען.

סימאַ — אָרליק? כאַפּט זיך ביים בוזעמטאַש, נעמט־אַרויס אַ טעלעגראַמע. יאָ, פֿעטער, מען דאַרף שיקן צו דער באַן אַ פֿאָר פֿערד. צו דער עלף־אַ־זייגערדיקער באַן. עס דאַרף קומען... אַ גאַסט. אָבער הייסט שוין איינשפּאַנען, פֿעטער.

שלום — ווילסט, איך זאָל אַוועקגיין, נו, מהיכא תּיתי. ס'איז דאָך נישט שייך, גיי איך.

סימאַ — פֿעטער, לאָזט צו רו. דער טייוול אַליין דרייט זיך דאָ אַרום. דעם טאַטנס סוחר, דער שוועסטערס גאַסט. וואַרפֿט מיט כּעס די טעלעגראַמע אויפֿן טיש. ווייס דער טייוול, וואָס דאָ טוט זיך!

שלום — האַרציקע, ליבינקע, וואָס טוט זיך דאָ. גייענדיק פּרעפּט זיך אין דער רעכטער טיר מיט רחלען. רחלע, וואָס דריי־סטו זיך דאָ הינטער די טירן?...

רחלע — גאָרנישט, איך גיי דאָס... גייט שטיל דורך דער שטוב און בלייבט שטיין ביי דער גלעזערנער ווערענדע; זינגט שטיל:

„אָי ראַנאַ נאַ יאַנאַ, / פֿאָשלאַ ציכאָניאַ נאַ קירמאַש, / פֿאָשלאַ ציכאָ־

---

[5] (גיטין נז) אַ שמחה, אַ פֿאַרווײַלונג מיט טענץ.

ניאַ טאַנצאָוואַץ" [6]... סימאַ, ס'אַ דאגה דיר, ס'אַ דאגה... וואָס אַרט דאָס דיר?

סימאַ — וואָס?

רחלע — איך ווייס אַלץ. מיט שטילע טריט גיי איך און הער אַלץ. אַ שטילינקע בין איך און ווייס אַלץ. זאָלן זיי צינדן, ס'אַ דאגה דיר... זאָלן זיי צינדן... גיי־אַוועק פֿון זיי, סימאַ, גיי־אַוועק ווײַט, ווײַט פֿון דאַנען. אָרעם איז דאָ, גרוי; זאַמדן, אַזוינע הוילע, ווי פּליעכעס [7]. פּויזע. אָט ווו מיר האָבן אַמאָל געוווינט, אַז די מאַמע האָט געלעבט און דער טאַטע האָט געהאַט וועלדער. ביימער זײַנען דאָרטן געשטאַנען הונדערט־יאָריקע און די הימלען אונדזערע זײַנען געווען העלע און אַזוי העל און טיף איז זייער בלויקייט געווען, אַז דער בליק פֿלעגט זינקען אין זיי און נישט קענען אײַנזינקען. און טײַכן ברייטע און רוישנדיקע זײַנען דאָרט, ווײַל נישט ווײַט פֿון אונדז איז שוין דער ים געלעגן... נאָר איך האָב קיין מאָל דעם ים נישט געזען.

סימאַ — רחלע!...

רחלע — ביסט פֿאַרוווּנדערט, סימאַ! די שטילינקע האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט... נאָר אַזאַ נאַכט איז הײַנט, אַ פֿײַערנאַכט. שיכּור ווערט מען פֿון איר, ריידעוודיק ווערט מען... גייט־אום אַ קליין ייִדיש מיידעלע מיט פֿײַכטע אויגן שוואַרצע און טראַכט אין דער שטיל: ווייסט קיינער נישט פֿון וואָס זי טראַכט, ווייסט קיינער נישט די פֿאַרבאָטענע מחשבֿותלעך, וואָס אַ שטיל ייִדיש מיידעלע וועבט. ייִדן טאָרן דאָס נישט, ייִדן דאַרפֿן דאָס נישט. אַזוי האָט מיר מײַן מאַמע געבאָטן... גייט עס אום אַליין, שטערבלעך־דאָרשטיק איז עס; נאָגט דאָס האַרץ נאָך עפּעס, גיסט זיך די נשמה אויס. גייט עס אום אַליין: די אויגן פֿײַכט, די ליפּן טרוקן... און קומט די נאַכט, ווערן אַזש שווער די האָר אויפֿן קאָפּ, ווערן די גלידער מיד, מיט אַ

[6] איז ציכאָניאַ אַוועק טאַנצן. — [7] אויסגעהוילטע קלעצער.

מאָדנער מידקייט ווערן זיי מיד. און אַז איך שלאָף־אײַן אַזוי, און צעוואָרפֿן ליג איך, און די שוואַרצע האָר צעשאָטן, ווייס איך, ליגט אַ חן אויף מיר, ליגט אויף מיר אַ כּישוף־חן, ווערט מײַן מיאוס פּנים שיין און עס וואַרט דער שיינקייט־חן אויף עמעצן; קומען זאָל ער, זען זאָל ער דאָס שטילע ייִדיש מיידל, וואָס וואַרט אויף אים, וואָס בענקט נאָך אים... קומען זאָל ער, זען זאָל ער, בײַם אײנזאַמען נאַכט־געלעגער זײַן זאָל ער... קומט ער נישט...

סימאַ — רחלע, איך בעט דיר... ווייסט דאָך, וואָס דאָ טוט זיך הײַנט... קומסטו און ביסט אַזוי... איך ווייס אויך נישט, ווי... וואָס איז דאָס מיט דיר, רחלע?

רחלע — וואָס איז דאָס מיט מיר? ווילסט וויסן? ווייסט נישט? פֿאַר וואָס ווייס איך אַלץ און דו ווייסט נישט. פֿאַר וואָס ווייס איך, ווע־מען דו האָסט ליב, פֿאַר וואָס ווייסטו נישט, וועמען איך... פֿאַר־פלאָנטערסט זיך, סימאַ, פֿון צו פֿיל וויסן. אָט ווייס איך, אַז דו האָסט ליב חנהקעס חבֿרטע, וואָס איז דאָ געווען, און איך ווייס נאָך, אַז זי האָט דיך נישט ליב...

סימאַ — פֿון וואַנען ווייסטו דאָס?

רחלע — אָבער אמת? זאָג, ס'איז אמת?

סימאַ — ניין, נישט אמת.

רחלע — ווייסטו נישט. אַזוינע האָבן נישט ליב. אַזוינע קענען נישט ליב האָבן.

סימאַ — וועלכע אַ ז ו י נ ע?

רחלע — אַזוינע...

סימאַ — וועלכע? פֿאַר וואָס?

רחלע — איך ווייס נישט. פֿויזע. „פּאָשלאַ ציכאָניאַ נאַ קיר־מאַזש, / פּאָשלאַ ציכאָניאַ הוליאַט[8]“... סימאַ, פֿאַר וואָס זעסטו מיך נישט? אַזוי לאַנג ווי איך גיי־אום אַרום דיר און דו זעסט מיך נישט. אין איין שטוב זײַנען מיר און מײַנע אויגן זוכן דיך און גייען־נאָך

[8] איז ציכאָניאַ אַוועק הוליען.

נאָך דיר. פֿאַר וואָס קומען פֿרעמדע, וואָס דאַרפֿן דיך נישט, און איך, וואָס וואַרט אויף דיר, אַ יונגפֿרוי, וואָס וואַרט אויף דיר אַזוי לאַנג, איך האָב דיך נישט. ווייסט נישט, אַ פּנים, אַז איך האָב דיך ליב, איך האָב דאָס דיר שוין געזאָגט, אַ פּנים... און דו זעסט מיך נישט!...

סימאַ — ווייסט דאָך, דאָס האַרץ טוט ווי, אַז דו גייסט־אום אַזוי, אַן אײַנזאַמע, אַ שווײַגנדיקע. נאָר וואָס קען איך טאָן, רחלע?... פֿאַר וואָס הײַנט מיט אַ מאָל ווידער? האָסט דאָך שוין פֿאַרגעסן, פֿאַר וואָס ווידער?

רחלע — אַ נאַכט אַזאַ, ליבינקער! הײַנט ברענט זיך דאָ אַלץ, דײַן טאַטע צינדט; דײַן אַרבעט פֿאַרברענט ער. צו חנהקען קומט איר גאַסט... און אַזאַ הייסע נאַכט מיט פֿײַערן... וואַכט דאָס אויף. געשוויגן אַזוי לאַנג און געוואָלט נאָך לענגער שווײַגן. קען איך נישט... סימאַ, ליבינקער, פֿאַר וואָס האָסטו מיך נישט ליב? זאָג, אפֿשר ווייסטו פֿאַר וואָס?

סימאַ — רחלע, איך ווייס נישט.

רחלע — פֿאַר וואָס ווייסטו נישט? עס וואָלט גרינגער געווען... „אַי ראַנאַ, נאַ יאַנאַ“... געוואַכט אויף דיר, אויפֿן אײַנציקן, נעכט געוואַכט, לאַנגע אײנזאַמע פֿרויענגעכט, און געקומען צו דיר, אַ יונגפֿרוי געקומען צו דיר. ווילסט נישט? ווילסט נישט מײַן ערשטער זײַן? סימאַ, דער וויפֿלטער ביסטו בײַ יענער?

סימאַ — שטרענג. רייד נישט אַזוי!

רחלע — אָ, מורא האָט סימאַ צו וויסן, דער וויפֿלטער איז ער בײַ איר, מורא האָט סימאַ צו וויסן... גייט שטיל אַרויס, זינגענדיק. „פּאָשלאַ ציכאַניאַ הוליאַטי“...

סימאַ — אָט איז אַ נאַכט. אָפּ.

לעווין — בויען, נאָר בויען. דאָס איז די איינציקע רפֿואה.

חנהקע — יאָ, דאָס פֿאַרשטיי איך.

לעווין — גוואַלט — דאָס פֿאַרמאָגן ייִדן. סוף־כּל־סוף זײַנען ייִדן רײַך. נאָר ייִדן האָבן דאָס געפֿיל פֿון אייגנטום און האָבן אַבסאָ־

לוט נישט דאָס געפֿיל פֿון ווערטן. דאָס פֿאַרמאָגט אַ בויער, אַ שאַפֿנ־דיקער. בײַ אונדז איז דאָס אויסגעלאָשן געוואָרן... אָדער אויס־געברענט.

חנהקע — אויסגעלאָשן. בײַ אונדז האָט דאָס פֿראָסט געצאַנקט, געררייכערט און אויסגעלאָשן געוואָרן. ווילט איר עס אויף ס'נײַ אָנ־צינדן?

לעווין — מיר — אַ גאַנצער דור. איינצלנע, אָבער דאָך אַ דור. נאָך אַפֿילו מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אַז אַ ייִד פֿלעגט האַלטן אַ הויף, האָט ער דאָרטן געהאַנדלט, נישט געבויט. און איצט זעט — וואָס טוט סימאַ? ליב, פֿיזיש ליב האָט ער יעדן בוים, וואָס ער זעצט, יעדן בנין, וואָס ער בויט...

חנהקע — ווייסט, מײַן זיידן האָט אַ פּריץ גערופֿן צו זיך אין דרײַ און זעכציקסטן יאָר[9] און געוואָלט אים פֿאַר עפּעס אַ קלייני־קייט, פֿאַר גראָשנס פֿאַרקויפֿן איינעם פֿון זײַנע בעסטע הייפֿן. האָט זיך דער זיידע אָפּגעבעטן. וואָס דאַרף אַ ייִד אַ הויף? האָבן וועל־דער באַדאַרף אַ ייִד.

לעווין — מיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז אויב עס האָט דעמאָלט עמעץ יאָ געבענקט נאָך בויען, האָבן דאָס ייִדישע יונגפֿרויען גע־בענקט. דורות לאַנג האָבן זיי געבענקט נאָך דעם בויער, נאָך דעם מאַן. און אפֿשר דעריבער פֿלעגן זיי אונדז אַזוי אָפֿט פֿאַרלאָזן און אַוועקגיין צו פֿרעמדע...

חנהקע — זיי בענקען איצטער נישט ווייניקער... ייִדישע יונגפֿרויען... ווי דערציילסטו? יונגפֿרויען ייִדישע פֿלעגן אין ווײַסן אַרויסגיין בײַ נאַכט אין די גערטנער פֿון ירושלים און טאַנצן... געדענקען מיר מסתּמא די נאַכטהימלען, וואָס זײַנען דעמאָלט איבער ירושלים געהאַנגען, אומבאַוווסט געדענקען מיר זיי... ציט אונדז אָט צו די פֿײַערן פֿון דער יאָהאַנעס־נאַכט, צו די שײַטער־הויפֿנס, אַרום וועלכע עס טאַנצן, ווי איר רופֿט זיי, פֿרעמדע. און אַזוי איז

---

[9] 1863: דאָס יאָר פֿון פּוילישן אויפֿשטאַנד קעגן דער רוסישער הערשאַפֿט.

דאָס, דאַכט זיך, ענלעך אויף יענער נאַכט, אויף די ווײַסע קלײדער פֿון די ייִדישע טעכטער אַמאָל און דאָך נישט ענלעך. אַזוי לאַנג איז דאָס געווען, אַזוי פֿאַרגעסן און דאָך נישט אין גאַנצן פֿאַרגעסן. צו יונגע קינדער פֿון אַן אַלטן פֿאָלק זײַנען מיר. בענקען מיר, זוכן מיר און געפֿינען זיך קיין אָרט נישט. די גרויע האָר פֿון אַן אַלטן פֿאָלק...

לעווין — נישט איין מאָל זײַנען שוין די גרויע האָר פֿון פֿאָלק שוואַרץ געוואָרן, יונגשוואַרץ געוואָרן.

חנהקע — דאָס קען זײַן, דאָס קען זײַן. פּויזע. דײַנע האָר קענען אויך יונגשוואַרץ ווערן. דאָס פֿאַרשטיי איך אויך.

לעווין — אויב דו וועסט וועלן...

חנהקע — איך... איך וויל כּמעט.

לעווין — כּמעט — וועט נישט העלפֿן. כּדי אַ נס זאָל מיט גרויע האָר געשען, דאַרף מען אין גאַנצן וועלן, דאַרף מען שטאַרק וועלן.

חנהקע — דו ווייסט דאָך, איך קען נישט שטאַרקער. וויל דו...

לעווין — בײדע דאַרפֿן וועלן.

חנהקע — טאָ נעם דו און בלאָז־אויף דאָס פֿײַער, נעם דו און נייט מיך, הייס מיך. דו ביסט שטאַרקער.

לעווין — זעסט דאָך, דאָס קען איך נישט. פּויזע.

חנהקע — דאַכט זיך מיר, אַז סימאַ ווערט אויך גרוי. בײדע בויערס, דו און סימאַ...

לעווין — מיר אַרט נישט פֿאַר מײַנע גרויע האָר. איך פֿיל זיי נישט.

חנהקע — זיי קלײדן דיר... פֿון דער ווערענדע קומען־אַן שלמה און דער סוחר.

שלמה — ...און יוצא.

דער סוחר — יוצא איז יוצא.

שלמה — צו חנהקען. וואָס צעלייגט מען דאָס דאָ אַזעלכע פֿײַערן? עס קען דאָך ווערן אַ שׂריפֿה.

חנהקע — ווערט מען פֿאַרלעשן.

שלמה — אַ בריה... און איר אויך, פֿאַניע אינזשעניר, איר העלפֿט דאָס. אײַערע בנינים וועלן דאָך אויך אָפּברענען.

לעווין — וועלן מיר אויסבויען נײַע.

שלמה — זעט נאָר, סאַראַ מאַמינים. איינע ווערט לעשן, דער אַנדערער וועט אויסבויען נײַע. נו, אַדרבה... צום סוחר: איז ווי מיינט איר, לוינט דאָס צו צאָלן אַזאַ מקח?

דער סוחר — אַז עס שטײַגט, איז דאָך, ווי אײַער שוואָגער זאָגט, נישט שײַך. אַ בעל־דברן אַ ייִד. גייט מיר נאָך און דערציילט מיר אַ מעשׂה די לענג ווי דער גלות און אין סאַמע מיטן דער מעשׂה דערמאָנט ער זיך: „יאָ, איז וואָס בין איך אויסן געווען צו זאָגן: ר׳ שלמה רופֿט אײַך“... אַ נײַן מאָס ריידיקער ייִד. „ס׳איז דאָך נישט שײַך“ — אַ גוט ווערטל בנאמנות... מיין איך, אַז עס לוינט צו צאָלן, ווארעם אַז עס שטײַגט, איז דאָך נישט שײַך. און ווי מיינט איר?

פֿון דער ווערענדע קומט־אָן צוריק סימאַ, פֿון טיר אויף לינקס — שלום.

שלום — שוין די פֿערד אַוועקגעשיקט.

שלמה — וואָסערע פֿערד?

שלום — פֿערד צו דער באַן, נאָך אַ גאַסט.

שלמה — וואָס פֿאַר אַ גאַסט?

סימאַ — צו חנהקען אַ גאַסט.

חנהקע — צו מיר — אַ גאַסט?

סימאַ — אָט... דערלאַנגט איר די טעלעגראַמע פֿון טיש.

חנהקע — האָט קוים דורכגעלייענט, ווערט אָפּהענטיק. דאָס פּאַפּירל פֿאַלט פֿון האַנט אַרויס, פֿאַלט מיד אויף אַ שטול, אויסשרײַענדיק: אָ!...

אַלע פֿאַלן־צו צו איר אין טומל.

שלמה — אָט איז עסקים!

פֿאָרהאַנג

# 2טער אַקט

היטערן הויז, אויפֿן באַרגיקן ברעג פֿון טײַך. וועגעלעך צווישן די ביימער. אַ לאַנגע באַנק. נעבן אים אַ שײַטער־הויפֿן, ברענט שוואַך. די זעלביקע נאַכט.

דער סוחר — ... פֿון גאַר דער וועלט... אָבער אַ ווילער ייִד, אויף מײַן ערנוואָרט.

רחלע — לאַכט. אַ ווילער ייִד!... און האַנדלען האַנדלט איר, ווי האָט איר געזאָגט? מיט אַש? מיט ארץ־ישׂראל־אַש?

דער סוחר — טסס... פֿראָסט מיט אַש... פֿעסטע פּרײַזן אויף אַש, פֿרײַלין.

רחלע — אַזוי? אַ מאַרק אַ גוטער? מאַכט איר אַש. פֿון וואָס?

דער סוחר — פֿון אַלץ, פֿרײַלין.

רחלע — פֿון פֿרויען־הערצער אויך?

דער סוחר — אָ, נישט אַלע מאָל, נישט אַלע מאָל. די ברע־נען נישט. אײַער האַרץ — פֿרײַלין?

רחלע — שוין צעברענט. פֿעסט די פּרײַזן אויף אַש, זאָגט איר, איז שוין צעברענט.

דער סוחר — האָב איך, הייסט עס, פֿאַרשפּעטיקט?

רחלע — ניין, צו דער רעכטער צײַט, צו דער סאַמע רעכטער צײַט... פּויזע. „פּאַשלאַ ציכאָניאַ טאַנצאָוואַץ, / פּאַשלאַ ציכאָניאַ הוליאַטי“... נו, ווילער ייִד, זײַט אַ ווילער ייִד און פֿאַרריכט דאָס פֿײַער. איר קענט דאָך דאָס.

דער סוחר — וואָס קען איך?

רחלע — זיך באַגיין מיט פֿײַער.

דער סוחר — פֿון וואַנען ווייסט איר?

רחלע — איר זאָגט דאָן?

דער סוחר — איך זאָג: מיט אַש.

רחלע — און מיט פֿײַער? קיין גרויסער בעל־סוד זײַט איר נישט, נאָר איך ווייס אָן אײַך אויך. נו, צינדט זשע, צינדט זשע!

דער סוחר — אַ פֿאַרשײַט מיידל זײַט איר.

רחלע — געפֿעלט דאָס אײַך?

דער סוחר — און אײַך — מײַן צינדן?

רחלע — הײַנט — יאָ. הײַנט געפֿעלט דאָס מיר זייער. איר אַליין געפֿעלט מיר אויך.

דער סוחר — איר מיר — נאָך מער.

רחלע — אַזוי? נאָך מער? איר געפֿעלט מיר זייער — הײַנט.

דער סוחר — איז גענוג. מאָרגן וועל איך שוין דאָ נישט זײַן.

רחלע — איך ווייס... אײַנפֿאַך און פּראַקטיש; געקומען אַ סוחר האַנדלען. האָט אָפּגעברענט, פֿאָרט ער אַוועק. זאָגט מיר — טאָמער כאַפּט מען אײַך — בײַ דער אַרבעט?

דער סוחר — טסס... פֿון וואַנען ווייסט איר דאָס? מיך כאַפּט מען נישט. ווער וועט דאָס מיך כאַפּן?

רחלע — אפֿשר, סימאַ?

דער סוחר — ווער? דער יונגער?

רחלע — יאָ, אפֿשר ער?

דער סוחר — נו, מיך כאַפּט מען נישט. איך כאַפּ אַנדערע. אײַך, למשל, געכאַפּט.

רחלע — נאָך נישט געכאַפּט, נאָר שוין אַזוי גוט ווי געכאַפּט. האַלט שטאַרק... ווײַזט אײַערע אַ האַנט... אָ, סאַראַ הענט, סאַראַ מיאוסע הענט, קלעפּיקע, פּעכיקע... אַ לײַט אַ ייִד זײַט איר, אַז איר האָט אַזוינע הענט. נו, בייגט־צונויף... אָהאָ, רעכטע מוסקולן. נעמט מיך אַרום — נישט מיט ביידע — מיט איין האַנט, אָבער שטאַרק, שטאַרק, נאָך שטאַרקער... אָ!... אָפּ.

דאָס דינסטמיידל — אַלע מאַדאַמען זײַנען שלעכטע. ס'איז אַ פּנים דאָ גוטע...

דער פעלדשער — איר זײַט אַ גוטע?

דאָס דינסטמיידל — ווי פֿאַר וועמען? וואָס איז — איר דאַרפֿט מײַן גוטסקייט?

דער פעלדשער — אַוודאי. פויזע.

דאָס דינסטמיידל — ס'איז עפּעס שטיל געוואָרן, אַ וווּנדער. זיי דרייען זיך דאָ אום כּסדר מיט די שיקסעס. פֿע!

דער פעלדשער — פּסס... אַ צנועה! און יאַסקע?

דאָס דינסטמיידל — יאַסקע? יאָ, יאַסקע! אויף טישצע[1] כּפּרות דאַרף איך אים.

דער פעלדשער — איר דאַרפֿט אים נישט און ער קומט... אַ וווּנדער!

דאָס דינסטמיידל — וואָס האָט דאָס אָבער צו אײַך? כ'לעבן, ס'איז מיאוס אַזוי צו ריידן מיט אַ פֿרעמדן.

דער פעלדשער — נעמט נישט פֿאַר אומגוט.

דאָס דינסטמיידל — אַ געבילדעטער מענטש, אַ פֿעלדשער, און ווייס נישט קיין דאַמענרעכט...

דער פעלדשער — ווייס איך טאַקע יאָ, איר מעגט מיר גלייבן.

דאָס מיידל — יאָ, כ'גלייב אײַך. מען קען מושצינעס[2] גלייבן...

דער פעלדשער — מ י ר מעג מען.

דאָס מיידל — טאַקע געפֿונען דעם צדיק.

דער פעלדשער — צו וואָס דאַרפֿט איר צדיקים?

דאָס מיידל — לאַכט. אויף כּפּרות. פויזע.

דער פעלדשער — אָט איז אַ נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז דאָס בלוט זודיק.

דאָס מיידל — ווי זידט דאָס בלוט, ווי אין אַ טאָפּ?

---

[1] טויזנט. — [2] מענער,

דער פעלדשער — ווי זידט דאָס? אַז מען האָט גרויסע היץ, זידט דאָס. בײַ אײַך זידט נישט?

דאָס מיידל — פרווט, הערט־אויס. ביידע אָפּ.

לענגערע פויזע

חנהקע — איך בעט דיך, אויב דו קענסט, פֿאַרגיב.

לעווין — וועמען? דאָס ערגסטע איז, וואָס קיינער איז נישט שולדיק. אַלטע, הונדערט־יאָריקע זינד — נישט אונדזערע, נאָר באַשטראָפֿט ווערן מיר... חנהקע, ווו איז דער אוממיטלבאַר־שולדיקער? איך דאַרף אים...

חנהקע — איך ווייס נישט, איך ווייס אַליין נישט. געווען עפּעס אַ טײַערס, אַ נייטיקס, און צערונען. אין איין נאַכט צערונען. געווען און נישטאָ.

לעווין — צוליב אים?

חנהקע — ניין, ניין... נישט צוליב אים... געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט וועגן אים און געזאָגט, אַז קומט ער צוריק, פֿאַרלאָז איך דיך... איך האָב דעמאָלט נישט געוווּסט ווו ער איז און נישט געמיינט, אַז ער איז ערגעץ דאָ נאָענט און זוכט מיך און וויל צו מיר... ווייסט דאָך, אַז פֿאַרלאָזן האָט ער מיך... און זאָגן דיר דעם אמת?...

לעווין — זאָג, חנהקע, איך בעט דיך. עס דאַכט זיך מיר איצט, אַז איך בין פּלוצלינג בלינד געוואָרן. אַ געדיכטע נעץ אויף די אויגן און איך פֿאַרשטיי גאָרנישט... זאָג אַלץ, דערצייל.

חנהקע — גאָרנישט, ליבער. איך בעט דיך, פֿאַרגיב, נאָר אַז ביסט אַזאַ, אַז איך וויל נישט, עס זאָל בלײַבן צווישן אונדז כאָטש עפּעס ליגן; דערצייל איך דיר אַלץ: א ו י ג ן ה אָ ס ט ו  ז ײַ נ ע!... און נאָך גאָר נישט לאַנג פּלעגט זיך מיר דאַכטן אַ מאָל, אַז נישט דו נעמסט מיך אַרום...

לעווין — האַ?...

חנהקע — הייבסט מיך אָן פּײַנט צו האָבן... ליבער, מען דאַרף דאָס נישט. אָדער... האָב מיך פּײַנט, האָב מיך פּײַנט שטאַרק, גיפּטיק.

לעווין — חנהקע, דערצייל.

חנהקע — דערציילן? איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט קומען צוריק, און געוואַרט, אַזוי געוואַרט. אַמאָל, אַז עס פּלעגט זיך מיר דאַכטן, ער איז דאָ נעבן מיר, פּלעגט מיר אַ תענוג־קעלט איבערלויפן איבערן האַרץ און דעם אָטעם פאַרכאַפּן. דעמאָלט פּלעג איך קוקן אויף דיר און דיך נישט זען...

לעווין — חנהקע, געדענקסט, איך פּלעג דיר זאָגן: דו זעסט מיך נישט! פּלעגסטו מיך מיד אַרומנעמען... נישט מיך — אים!...

חנהקע — אים!... זעסט, איך זאָג דיר אַלץ... הײַנט האָט אַ גאַנצן אָוונט אַזוי מאָדנע דאָס האַרץ געציטערט און עס האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט פּאַסירט עפּעס, אַז עפּעס וואָס דאַרף פּלוצלינג פּאַסירן — געהאַנגען איז עפּעס איבער אונדז און, זעסט, אַזוי פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן. איך האָב נישט געוווּסט וואָס, נאָר איך בין זיכער געווען, אַז אַן אומגליק. און איצט פּיל איך, אַז עס וועט נאָך וואָס זײַן, נאָך וואָס — און וואָס ווייס איך נישט. ליבער, עפּעס הענגט נאָך איבער אונדז...

לעווין — שוין נישט איבער אונדז. פּויזע. חנהקע, וועמענס ביסטו, זאָג, וועמענס?

חנהקע — ליבינקער, קיינעמס נישט, איינע אַליין, גאָר אַן איינזאַמע, גאָר אַן עלנטע, ווי אַ יתומה... האָסט געהערט, ווי איך האָב אַ געשריי געטאָן, אַז איך האָב זיך דערוווּסט פון זײַן קומען? מיינסטו: דערפרייט זיך? דערשראָקן? ניין! נאָך דעם ערשטן האַרצגעשריי איז שוין פּוסט געווען אין דער נשמה, ווי אין אַ מדבר. וויסט — אויסגעברענט.

לעווין — איז אים אויך נישט?

חנהקע — אים אויך נישט. וויסט... אים נישט און דיך אויך פאַרלירן... ליבער, האַרציקער! עס איז דאָך עפּעס יאָ געווען,

איך האָב דאָך דיך ליב געהאַט. ווייניקער, שוואַכער, ווי איך האָב דאָס דיר געזאָגט און ווי איך האָב אַליין געמיינט. אָבער ס׳איז דאָך עפּעס יאָ געווען. און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז... היינט איז דאָס אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. פֿאַרגיב, אויב דו קענסט — וויסט אין דער נשמה, קאַלט! איך האָב דיך נישט ליב... נישט אַזוי, ווי מען דאַרף, ווי דאָס האַרץ וויל, נישט אַזוי, נישט אַזוי... פּויזע. האָב מיך פֿיינט, שטאַרק, גיפֿטיק!

לעווין — חנהקע, לאָז צו רו!

חנהקע — אים האָב איך פֿיינט געהאַט, נאָך גאָר נישט לאַנג. ווי אַ קנויל איז געלעגן אין האַרצן אַ שׂנאה צו אים, צום נעליבטן און אייניציקן. און איצט, איצט, אַז אָט פֿאָרט ער, אַז אָט שטייט ער אפֿשר הינטערן וואַלד, אַז אָט קומט ער צו מיר, צוריק צו מיר, האָב איך אים נישט פֿיינט און נישט ליב, איז ער מיר נישט נאָענט און נישט פֿרעמד — אַזוי... איינער פֿון אַ סך...

לעווין — שלעכט, חנהקע, שלעכט!...

חנהקע — פֿאַרשטייסט, אַז ס׳איז שלעכט... איינער פֿון אַ סך... אַ לאַסט ליגט אויפֿן זכּרון ביי מיר — אַזוי פֿיל זיינען דאָרטן געבליבן. ליבער, איך האָב דיך נישט גענאַרט, נישט געוואָלט נאַרן, נאָר נישט ווילנדיק, גלייב מיר, נישט ווילנדיק, האָב איך דיר נישט אַלץ דערציילט... נישט נאָר ער, און נישט נאָר יענער — דער צווייטער... נאָך, נאָך... צו פֿיל...

לעווין — איך הער, איך פֿאַרשטיי...

חנהקע — און איצט וויסט, קאַלט און אַזוי איינזאַם... איך קען נישט הערן. דאָרטן טאַנצט מען, דאָרטן לאַכט מען, פּראַסט און אייפֿאַך, אַ געזונטער יום־טובֿ איז דאָרט — אַ פֿרייע נאַכט מיט גרויסע פֿייערן. און איך זיץ דאָ און דאָס פֿייערל רייכערט, אַרום פֿול רויך, די נשמה אַזוי פֿאַררייכערט, אַז עס שטיקט, אַז עס איז נישט צו אָטעמען. און אָט דאָס איז אונדזער פֿרייע נאַכט מיט גרויסע פֿייערן... ווי האָסטו דערציילט? בנות ישׂראל פֿלעגן אַרויסגיין אין ווייסן — זאָג, אין ווייסן?

לעווין — יאָ, דעמאָלט — אין ווײַסן.

חנהקע — אַ, אים וועל איך אויך באַגעגענען אין ווײַסן. אין אַ לויטער ווײַסן קלייד פֿון ריינקייט באַגעגן איך אים הײַנט, אין אַ מאַרמאָר־ווײַסן קלייד... אַ יונגפֿרוי אין ווײַסן געקליידט, אַ כּלה וואָס וואַרט אויף דער ברכה, אין ווײַסן!... נישט אמת, איך האָב נאָך איצט אויך די זעלביקע שׂנאה צו אים, אַזאַ האַסטיקע און אַ טעמ־פּע, אַז עס ווילט זיך די פֿינגער בײַסן. ער איז דער ערשטער פֿון אַ סך... אים האָב איך ליב געהאַט... געפֿין מיר אַ מירטנצווײַג... אין אַ ווײַסן קלייד מיט אַ מירטנצווײַג גייט אים אַזוי אַ פֿרוי אַנט־קעגן...

לעווין — חנהקע, איך בעט דיך, איך וויל דאָס נישט הערן, איך קען נישט.

חנהקע — וויסט און איינזאַם... אַ לענגערע פּויזע. טרויעריק איבערגעבויגן איבערן רייכערנדיקן שײַטער־הויפֿן וואַרפֿט לעווין צעטריקנטע צווײַגלעך אין פֿײַער אַרײַן.

לעווין — העלף וואַרפֿן, חנהקע! זוך טרוקענע צווײַגן. זאָל ברענען! זאָל אַ גרויס פֿײַער ברענען!... אָנגעוואַקסן איז עפּעס אויף אונדז אַ צרעת — זאָל עס אויסברענען; פֿײַער היילט. פֿאַר־פּעסטעטע הײַזער אויסגעבויט, זאָלן זיי אָפּברענען — פֿײַער רייניקט. און ערשט דערנאָך פֿון דאָס נײַ אָנהייבן, גאָר פֿון אָנהייב, פֿון דעם גאָר אַמאָליקן, און אפֿשר דעמאָלט וועלן מיר צוריקקומען צו די בנות־ישׂראל אין ווײַסן. אַזוי ווי איצט קען מען נישט, אַזוי ווי איצט, חנהקע, איז אוממעגלעך... העלף וואַרפֿן, חנהקע! איך האָב דיך ליב, נאָר איך זע דיך נישט מער. איך קוק אויף דיר און זע דיך נישט. איך וויל דיך נישט זען. העלף וואַרפֿן. זאָל ברענען!...

חנהקע — ליבער, האַרציקער! לענגערע פּויזע.

לעווין — דערהערנדיק די טריט פֿון דעם סוחר מיט רחלען. אַלע מאָל אַזוי, אַלע מאָל שטייט עמעץ הינטער מיר און קרימט־אי־

בער. מײַן פֿאַרקרימט עבנבילד[3] גייט מיר נאָך... ווייסט, חנהקע, מאָדנע אויגן האָט ער, דער סוחר: קליינטשינקע, קאַלטע אויגן, ווי בײַ אַ מויז. ביידע אָפּ.

רחלע — אײַלט זיך נישט; איך האָב פֿײַנט, אַז מען אײַלט זיך.

דער סוחר — און איך האָב פֿײַנט, אַז עס געדויערט.

רחלע — האָט אײַך פֿײַנט.

דער סוחר — אָבער וואָס אַרט אײַך? דאָרטן איז דאָך בעסער ווי דאָ.

רחלע — דאָרטן — דאָרטן האָב איך מורא.

דער סוחר — גאָר נישט געוווּסט, אַז איר זײַט אַזאַ שרע־קעוודיקע.

רחלע — אָט זעט איר דאָך... זעצט זיך בעסער. זיצט, פֿאַר־ברענגט... ווײַזט אײַערע הענט!

דער סוחר — וואָס ווילט איר פֿון מײַנע הענט? מאָנסבילשע, געזונטע הענט, און מער גאָרנישט.

רחלע — אָבער הענט... דערציילט עפּעס, איך בעט אײַך. דערציילט, צום בײַשפּיל, ווי עס האָט אײַך, אַ פֿרוי, דאָס ערשטע מאָל ליב געהאַט. איר געדענקט נאָך, ווער עס האָט אײַך דאָס ערשטע מאָל ליב געהאַט?

דער סוחר — איך געדענק גאָר נישט. איך האָב נישט קיין זכרון. אַז איך האָב זיך געלערנט אין חדר, פֿלעגט מען מיך רופֿן „קעצישער מוח“. אָבער וואָס איך דאַרף — געדענק איך.

רחלע — געדענקט איר נישט?

דער סוחר — וואָס?

רחלע — די ערשטע פֿרוי, וואָס האָט אײַך ליב געהאַט?

דער סוחר — וואָס האָט מיך ליב געהאַט? ניין, קיינער האָט מיך גאָר נישט ליב געהאַט.

רחלע — טאָ ווי זשע?

---

[3] שאָטן, ענלעכקייט.

דער סוחר — וואָס הייסט, ווי זשע? סתּם אַזוי... וואָס דאַרף מען דאָ ליבע... וואָס קען איך העלפֿן, צום בײַשפּיל, אַז איר האָט מיך נישט ליב?

רחלע — וואָס איז — איר ווילט?

דער סוחר — לאָמיר זאָגן: יאָ. פֿאַר וואָס טאַקע נישט?

רחלע — ווילט איר, הייסט דאָס, אַז איך זאָל אײַך ליב האָבן, אַז איז זאָל אײַך... לאַכט... אין אַ חופּה־קלייד? אין אַ חופּה־קלייד...

דער סוחר — וואָס לאַכט איר אַזוי?

רחלע — גאָרנישט, סתּם אַזוי... איך בין שוין אַ כּלה; פֿאַרשטייט איר שוין.

דער סוחר — יאָ, אַ כּלה אָן אַ חתן.

רחלע — אָ, ניין, דווקא נישט, דווקא מיט אַ חתן, מיט אַ יונגן חתן, מיט אַ יונגן, שיינעם חתן...

דער סוחר — ...וואָס וויל נישט די כּלה.

רחלע — פֿון וואַנען ווייסט איר דאָס?

דער סוחר — איך פּרוּוו טרעפֿן. געטראָפֿן?

רחלע — געטראָפֿן. דער וויל נישט די כּלה. מיך וויל נישט דער חתן. אַ שטילינקע וויל ער נישט, אַ שטילינקע געפֿעלט אים נישט. מער בין איך קיין שטילינקע נישט... פּויזע. „אָי ראַנאָ נאַ יאַנאָ, / פּאָשלאַ ציכאָניאַ נאַ קורמאַש״... איר ווייסט די מעשׂה וואָס מען זינגט דאָ? איר ווייסט נישט? אָט הערט: געווען אַ שטילינקע, אַ שטילינקע מיידל געווען. געוואַרט האָט זי לאַנג און נישט דערוואַרט זיך. איז געקומען די נאַכט, די יאָהאַנעס־נאַכט, איז דאָס שטילינקע מיידל אַוועק. מער נישט געוואָלט קיין שטילינקע זײַן. מער נישט געוואָלט שוין וואַרטן אויף אים. אַוועק און אַוועק... דאָרטן, זאָגט איר, איז בעסער, ווי דאָ?... אָט אַהין איז דאָס שטילינקע אַוועק... און צוריק איז שוין אַן אַנדערע געקומען. האָט זיך די מאַמע דערוווסט... פֿאַרבאָטן האָט די מאַמע אַ מאָל... וויל איך נישט, דאַרף מען נישט...

דער סוחר — ע... איר רעדט דאָך גאָר פֿון וועג...

רחלע — נעמט מיך אַרום... מיט איך האַנט... נײַן, איר מעגט מיט בײדע, נאָר שטאַרקער, שטאַרקער... בײדע אָפּ.

ערשטער אַרבעטער — און אַז מען שלאָפֿט נישט, איז וואָס?

צווייטער — יאָ, און דערנאָך אַ טאָג אין דרײַען!

ערשטער — טאָ גיי, כראָפּע. איך גיי נישט. אויסגעשלאָפֿן זיך פֿאַרן טאָג: די לענג ווי דער גלות דער שבת.

צווייטער — דו ביסט געשלאָפֿן; איך נישט.

ערשטער — אַלץ קרײַזלעך.

צווייטער — אַוודאי.

ערשטער — אײַ, לאָז צו רו... מיט אינטעליגענטן.

צווייטער — וואָס האָט דאָס צו דיר?

ערשטער — אַזוי זיך. מען טאָר דאָס נישט פֿרעגן, אַ פּנים.

צווייטער — אַוודאי נישט.

ערשטער — אַזוי?! מיטן אינזשעניר אפֿשר.

צווייטער — ביסט אַ נאַר! געפֿונען אַן אינטעליגענט פֿאַר דער אָרגאַניזאַציע.

ערשטער — ווייס איך זייער. ריידן רעדט ער. ער שטייט אַזוי אַ מאָל און רעדט: ייִדישע אַרבעטערס דאַרפֿן... וואָס — האָב איך טאַקע נישט פֿאַרשטאַנען. נאָר דער יונגער באַלעבאָס איז מסכּים געווען. וואָס, דער יונגער באַלעבאָס איז אויך אַ סאָציאַליסט? דו דאַרפֿסט דאָך דאָס וויסן.

צווייטער — זײַ נישט קיין ליץ.

ערשטער — אַזוי!? און די פֿרײַלין. וואָס וויל איך דיר זאָגן, ברודער — אַ סחורה. אַ מאָל, הער איך, גייט זי מיטן אינזשעניר און דערציילט, אַז זי האָט האָלט... אַז זי האָט ליב דעם ריח פֿון אַ געזונטן מענערשווייס! לאַכט. וואָס, דאָס איז אויך פֿון ליבע צום אַרבעטער־קלאַס?

צווייטער — פֿע, מיאוס. ביסט געוואָרן אַ גאַרנישט. פּויזע.

ערשטער — אַ נאַכט... ווייסט אַ מעשׂה? די קלענערע, די פּלימעניצע, דעם באַלעבאָס׳, וויל זיך שמדן.

צווייטער — פֿון וואַנען ווייסטו דאָס?

ערשטער — וואָס אַרט דיר, איך ווייס...

צווייטער — אײַ, דו באַלבעסט[4]!... ביידע אָפּ.

סימאַ — אַמאָל וואַקסט־אָן אַזאַ כּעס, אויף זיך, אויף אַנדערע, אויפֿן דור, אויב איר ווילט... אַז עס פֿאַלט פֿון די הענט. אַז אַרום־און־אַרום ברענט. אַז מיט אַ מאָל פֿאַלן־אָן מחבלים. און אין איין נאַכט ווערט צעשטערט אַן אַרבעט פֿון טויזנטער הענט, בנינים פֿון צענדליגער יאָרן... קיין מאָל האָבן ייִדן אַזוי נישט געהאַוועט ווי איצט, אַזוי פֿיל נישט געאַרבעט ווי איצט, און דאָך בלײַבט גאָר־נישט. בויט־אויס אַ ייִד אַ בנין, ליגט דאָס אים ווי אַ לאַסט, פֿון וועלכן מען זוכט פּטור צו ווערן. צעשטערט ער אים, פֿאַרברענט ער אים. עס גייט שוין דער ווי־פֿלטער דור, וועלכער פֿאַרשטייט נישט, וואָס איז דאָס אַ בנין, וואָס דאָס איז שאַפֿן. און אפֿשר דערפֿאַר האָבן דאָס אַלע אַ שליטה אַזאַ אויף אונדז און אונדזער אַרבעט. און עס איז דאָך אַזוי אומגעלומפּערט און ווילד אונדזער לעבן. אַז עס ברענט כּסדר!...

לעווין — מיר דאַכט זיך, אַז איצט דאַרף ברענען.

סימאַ — עס דאַרף ברענען? כּדי אויסצורייניקן? כּדי גאָר צום סאַמע אָנהייב צו קומען? אפֿשר, אפֿשר. ווײַל אַזוי ווי עס איז איצט, איז אוממעגלעך. ווײַל אַזוי קען מען שוין בשום אופֿן נישט. אַ פֿאָלק קען אַזוי נישט לעבן, ווי מיר לעבן. בויען מוז אַ פֿאָלק! און לאָזט מען אים נישט, דאַרף עס זיך מיט פֿאַרביסענע ציין אײַנ־שפּאַרן, מיט דעם לעצטן כּוח פֿון דעם אַמאָליקן מסירת־נפֿש, מיט דעם אַלטן מסירת־נפֿש פֿון די עשׂרה־הרוגי־מלכות... וואָרעם אַז נישט, איז שלעכט. אַז נישט, קומט די לעצטע שעה, דער לעצטער ייִד...

---

[4] פּלאַפּלסט, רעדסט ווי פֿון שלאָף.

לעווין — זאָל ברענען! זאָל דער לעצטער ייִד זײַן אַרבעט טאָן. נאָך אים אָבער וועט קומען דער נײַער ייִד, דער אַמאָליקער, דער שפּאַנישער ייִד, למשל, וואָס האָט מלוכות געבויט... איך האָב קיין מאָל אַזוי נאָענט נישט געהערט די טריט פֿון דעם נײַעם ייִדן, ווי הײַנט...

סימאַ — איך ווייס אויך, אַז ער קומט, נאָר גראָד הײַנט האָב איך זײַנע טריט פֿאַרלוירן... הײַנט איז אַ מאָדנע נאַכט, אַ ווילדע נאַכט איז הײַנט.

לעווין — אמת, הײַנט איז אַ ווילדע נאַכט, אַ מאָדנע נאַכט.

סימאַ — פֿון וואַנען ווייסט איר?

לעווין — וואָס הייסט, פֿון וואַנען ווייס איך?

סימאַ — איר זאָגט... פֿון וואַנען ווייסט איר דאָס הײַנט בעסער ווי אַלע מאָל.

לעווין — פֿאַר וואָס הײַנט מער ווי אַלע מאָל?... געזען, ווי פֿאַרגליווערטע נשמות ייִדישע הייבן זיך אָן צו צאַפּלען, ווי נײַע ווייטיקן הייבט מען אָן צו פֿילן. מונטערט דאָס, לעבט עס אויף. עס איז מערקווערדיק, ווי ייִדן האָבן אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז אַמאָל פֿלעגן מיר ברענגען קרבנות, כּדי זינד צו פֿאַרגעבן. קיין פֿאָלק האָט דאָס נישט פֿאַרגעסן. מיר האָבן פֿאַרגעסן דעם זין פֿון זינד און דעם זין פֿון ריינקייט. צווישן דער ווײַסער טויב, וואָס ייִדישע פֿרויען פֿלעגן אַמאָל ברענגען אין בית־המקדש, און צווישן דער מקווה — ליגט אַ חורבן אַ גאַנצער. חרוב געוואָרן דאָס געפֿיל פֿון זינד און געבליבן נאָר דאָס טרוקענע „מען טאָר נישט“. איין מאָל אין יאָר, אין דעם גרעסטן ייִדישן טאָג, דערמאָנט זיך דאָס דער ייִד און פֿאַרגעסט ווידער. און יעדער דור פֿאַרמאָגט עטלעכע איינציקע, פֿאַרטרויערטע, טיף אין עצבֿות פֿאַרזונקענע אָדער שוין אויפֿגעמונטערטע, שוין דערלויכטענע, וואָס פֿילן, וואָס ווייסן... זײַנען זיי אָבער איינצלנע און צעוואָרפֿענע... און דעם גרויסן כּוח, דעם גאונישן כּוח, אַ פֿאָלק צו פֿירן, האָבן זיי נישט...

סימאַ — נו!...

לעווין — זאָג איך אײַך, אַז עס וואַקסט־אויף אַ נײַער דור אַזאַ, וואָס דערפֿילט דעם פּײַן פֿון קרבן־חטאת, דעם צער פֿון זינד, אויף וועלכע עס העלפֿט קיין חרטה נישט, דעם אַלטן צער פֿון זינד.

סימאַ — אָבער הײַנט, וואָס איז הײַנט געשען... וואָס פֿאַר אַ זינד?

לעווין — הײַנט איז קיין שום זינד נישט געשען. הײַנט געשעט חרטה...

סימאַ — דײַטלענדיק. וואָס? ווער?

לעווין — איר ווילט דאָס, נישט אַנדערש, וויסן?

סימאַ — אָ!... רעדט נישט מער. מיר דאַרפֿט איר אַזוינע זאַכן נישט דערציילן, איר פֿאַרשטייט, מיר — נישט, מיר — נישט... ווײַל איך מוז העלפֿן און קען נישט. איז גענוג! טאָ רעדט נישט מער!

לעווין — און איך זאָג אײַך, אַז איך מעג, איך — מעג.

סימאַ — איר טאָרט נישט. איר אויך נישט. ווען אַ שוועסטער שווײַגט מען!

לעווין — אָבער שוין צעשיידט, הײַנט צעשיידט.

סימאַ — אָ!

לעווין — און איר האָט נאָך אַ טעות. מיט דעם, וואָס קומט — אויך צעשיידט, נאָך איידער ער קומט, זיך צעשיידט.

סימאַ — אויך צעשטערט — אין איין נאַכט...

לעווין — באַדויערנדיק. דערפֿילט דעם אַלטן צער פֿון זינד. לענגערע פּויזע.

סימאַ — דאַרף ברענען, זאָגט איר?

לעווין — זאָל ברענען! כּדי צום סאַמע אָנהייב צוקומען, צו דער ווײַסער טויב צוריק...

סימאַ — צום פּײַן פֿון קרבן־חטאת... פֿון רעכטס קומען אָן: רחלע און דער סוחר.

רחלע — אָ, סימאַ! אַ שיינע נאַכט. צום סוחר. נישט אמת,

פֿײַערמאַן — אַזוי רופֿט מען אײַך? צום אינזשעניר. וואָס קוקט איר אַזוי פֿאַרוווּנדערט?

לעווין — נישט פֿאַרוווּנדערט, רחלע; אַזוי טרויעריק אַ ביסל.

רחלע — דאַרף מען נישט זײַן טרויעריק. אָט איז אַ פֿריילע־כער פֿײַערמאַן. אמת צי נישט? וואָס שווײַגט איר? איר האָט מורא פֿאַר אים? סימאַ, פֿאַר דיר האָט ער מורא? לאַכט. סימאַ, זאָג אים, סימאַ, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. ער איז אַ לײַט; זעט, סאַראַ הענט ער האָט!

סוחר — פֿרײַלין, איך בעט אײַך.

רחלע — זעסט, ווי העפֿלעך ער איז. לערן זיך, סימאַ: פֿריי־לעך און העפֿלעך. און דו ביסט פֿאַראומערט, פֿאַרדאגהט און נישט אויפֿמערקזאַם צו פֿרויען. פֿרויען אַליין קומען צו דיר, בעטן זיך... פֿײַערמאַן, אַז צו אײַך וואָלט געקומען... כאַ־כאַ־כאַ... אַז צו אײַך וואָלט געקומען אַ יונגפֿרוי... כאַ־כאַ־כאַ...

סימאַ — רחלע, דײַן טאַטע גייט.

רחלע — אָ, דער טאַטע! פּויזע.

שלום — אײַ, אַ נאַכט. ס'איז דאָך נישט שײַך, אַ מחיה. שוין אַ צײַט אַזאַ פּאָגאָדע[5] נישט געווען... המ... אַזאַ נאַכט, און דער עולם איז עפּעס... המ... פֿע, מיאוס, קינדער, דאָס איז שוין גאָר קיין דרך נישט. עצבֿות, איז דאָך נישט שײַך, עצבֿות איז, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט, אַ מחלה, בפּועל ממש, אַ מחלה. פּויזע. ע, נישטאָ אַמאָליקע יאָרן. אַז דײַן טאַטע, שימע, האָט חתונה געהאַט מיט דער מאַמען, מיט מײַן שוועסטער, הייסט דאָס, בין איך שוין גע־ווען אַ ייִד אַ באַלעבאָס, אַ סוחר... וואַרט, וואַרט, שימע, נאָך וואָס בין איך דאָ געקומען?... יאָ, אײַך, פּאַניע, אײַך, רופֿט דער באַלע־באָס, אָבער טאַקע שוין, אָבער תּיכף... דער סוחר, נאָך אים סי־מאַ — אָפּ.

שלום — יאָ, פֿעלט נדן. און דאַרפֿט איר וויסן זײַן, אַז ברי־

[5] וועטער.

דער און שוועסטער זײַנען מיר פֿון איין מאַמען און נישט פֿון איין טאַטן. האָב איך פֿון מײַן טאַטן געהאַט אַ נחלה, וואָס האָט באַטראָפֿן אין יענע צײַטן פֿינף טויזנט רובל. הײַנטיקע צײַטן, איז דאָך נישט שײַך, וואָלט דאָס ווערט געווען, איך ווער אײַך נישט זאָגן קיין גוזמא, צוואַנציק טויזנט. פֿעלט נדן. און נדן מיט הוצאות החתונה, און דאָס און יענץ... און די געשעפֿטן בײַם שטיפֿפֿאָטער ע״ה גייען אויך מיטן פוטער אַראָפּ, און נאָך מעשׂיות און נאָך. הקיצור הדבֿר, קום איך צו דער מאַמען און זאָג...

לעווין — נעמט נישט פֿאַר אומגוט. איך מוז אַוועקגיין. אָפּ.

שלום — נו, נו, גערעכט. אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט... מילא, בכן, ווו האַלט איך? הערסט, רחלע. קום איך צו דער מאַמען ע״ה און זאָג מיט אַ ניגון: מאַמע, מאַמע, נעם־צו די נחלה!... רחלע, רחלע, קינד מײַנס, יתומהלע, קלייניטשקע יתומהלע...

רחלע — צעווײנט זיך. טאַטע, טאַטע, ראַטעווע!...

פֿאָרהאַנג

# 3טער אַקט

דאָס זעלביקע אָרט, וואָס אין 1טן אַקט. די זעלביקע נאַכט.
עס איז קענטיק, אַז עס איז שוין שפּעט.

סימאַ — אמת...

שלמה — נישט געווען אַזוינע מעשׂיות מיט פֿערציק יאָר צוריק. ווי קומט? מען וואָלט אַפֿילו נישט געגלייבט, אַז מען זאָל דערציילן. אַ קלייניקייט דאָס איז — „פּריצות״ [1]. אויסגעטאָן זיך פֿון אַלץ, בפּועל ממש, פֿון אַלץ. הפֿקר!...

---

[1] אויסגעלאַסנקייט.

סימאַ — אמת, אָבער בײַ דיר איז אויך — הפקר. דײַן שליח, אָט דער... סוחר, וואָס טוט ער דאָרטן איצט? וואָס וועט דאָ באַלד זײַן אַרום?... ס'איז מיר שווער דיר דאָס צו זאָגן, ביסט מײַן פֿאָטער, נאָר איך מוז דיר זאָגן: אין דעם הפקר, וואָס האָט אַלץ צעשטערט, האָסטו דעם גרעסטן חלק. אָט דו ווילסט דאָס, אַז דאָרט זאָל איצט אַרומקריכן דער מחבל און זיך גרייטן קאַלטבלוטיק, אויסגערעכנט, בנינים צו פֿאַרשרפֿען. אַפֿילו אין דער „פּריצות“, וואָס דו שרײַסט אַזוי, האָסטו אויך אַ חלק.

שלמה — איך? איך בין דאָס דאָ אַ פּנים דער באַלעבאָס געווען. ווער האָט דאָס אַלץ אײַנגעפֿירט, אויב נישט דו? ווער שלעפּט זיך אַרום גאַנצע נעכט? נישט דו, אַ פּנים, מיט זיי צוזאַמען. בײַ מיר, אַז איך וואָלט דאָ געווען באַלעבאָס, וואָלט אַ פּנים אַראָפּגעקומען מיט אַ מאָל, ווייס איך ווער, וואָס מען קען אים נישט און מען ווייס אים נישט... אַ טעלעגראַמע: איך קום. צו וועמען? צו אַ מיידל, וואָס דאַרף שטיין אין שידוכים... בין איך דאָס שולדיק? ווער האָט דאָס אַלץ אײַנגעפֿירט?

סימאַ — איך אויך. נאָר זע. מיט פֿערציק יאָר צוריק זײַנען ייִדן געזעסן שטיל, אײַנגעשלאָסן. געווען דאָס לעבן צעטיילט אויף חיי־שעה און חיי־עולם. האָבן ייִדן נישט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס חיי־שעה באַדאַרף אויך געבויט ווערן. דערפֿאַר האָבן זיי אָבער בתי־מדרשים געבויט. דערפֿאַר האָט זייער חיי־עולם גאָר אַן אַנדער זין געהאַט. דײַן טאַטע פֿלעגט אויפֿשטיין צו חצות? אַן אַלטער, אַ גרויער ייִד שטייט־אויף האַלבע נאַכט. אַ וועלט שלאָפֿט, אַ וועלט זינדיקט, עס הענגט די נאַכטזינד איבער דער ערד, און דײַן גרויער טאַטע זיצט, דאָס לעמפּל צאַנקט, די שטוב שווײַגט און הערט: „אם אשכּחך, ירושלים“... טאַטע, דו שטייסט־אויף צו חצות?

שלמה — סטײַטש, דו... דו...

סימאַ — יאָ, איך שטער דיר, אויב נישט איך — איז אַנדערע. די געבילדעטע קרובֿים. אָבער איך פֿרעג דיך: ווער האָט מיך אין גימנאַזיע געשיקט? דו האָסט געוווּסט, אַז מען שרײַבט שבת אין

גימנאַזיע. האָסט געוווּסט, אַז איך וועל, ווי אַנדערע, פֿאַרוואַרפֿן די יידישקייט. האָסטו אָבער געזוכט אַ תּכלית פֿאַרן זון... אַ תּכלית — איז שוין רעכט. מעג מען...

שלמה — אָבער דו דאַוונסט דאָך אַפֿילו נישט!...

סימאַ — אַוודאי, פֿוןביידע זײַטן האָבן ביידע דורות געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן צו צעשטערן אַלץ, וואָס עס איז נאָר געבליבן פֿון אַמאָל, פֿון פֿאַר פֿערציק יאָר. ווי אַ היצקרענק איז אָנגעפֿאַלן אויף אַלעמען, און ווי אין היץ האָבן אַלע פֿיבערהאַפֿט געאײַלט צו צע־שטערן אַלע אַלטע פֿאָרמען פֿון אונדזער לעבן און קיין נײַע נישט געשאַפֿן. צעבראָכן אַלע אַמאָליקע בנינים, וואָס די זיידעס און די עלטער־עלטער־זיידעס האָבן געבויט, און קיין נײַע נישט געשאַפֿן.

שלמה — אָבער דו?...

סימאַ — אַלע, איך אויך. אָבער איך — מיר וויפֿל זײַנען וויס איך נישט: איינציקע, צענדליקער און אפֿשר טויזנטער — איך און מײַן דור ווילן מיר אָבער אָפּבויען, נײַע פֿאָרמען שאַפֿן, די ירושה פֿון די עלטער־זיידעס ראַטעווען, אויפֿקלײַבן די אַלטע ירושה פֿון דעם אַמאָליקן חיי־עולם און נעמען בויען די חיי־שעה. יעדן טפֿח פֿון דער ערד, יעדן ציגל פֿון מויער קומט אונדז אויס מיט די לעצטע כּוחות צו נעמען, פֿאַרשטשעמען[2] די ציין מיט פֿײַנלעכן ווייטיק און בײַקומען — אַז אַלץ איז קעגן אונדז, אַז אַלץ האַלט מלחמה מיט אונדז. און אַז עס איז שוין דאָ עפּעס, אַז עס בויט זיך שוין, אַז עס שטייען גערטנער געפֿלאַנצטע, פֿינפֿשטאָקיקע בנינים געבויטע, אַז עס ווערן שוין נישט חרוב קיין וועלדער — מען האַקט נישט! — אַז עס ליגן נישט קיין פֿעלדער פֿאַרלאָזן, קומסטו, למשל, קומסטו... הפֿקר, שרײַסטו, הפֿקר! ווער האָט אין דעם הפֿקר דעם גרעסטן חלק?

שלמה — סימע, ס'איז אַ העזה.

סימאַ — פֿאָטער, צום זיידן צוריק, צום עלטער־זיידן! מיינסט, איך זאָג, אַז איך בין גוט... דער אמתער ייִד שטייט נאָך הינטער

---

[2] צודריקן.

אונדז, ער דאַרף נאָך אָנקומען, נאָר איך, מיר, מאַכן מיר אַ וועג פֿאַר אים, אַ וואַרע — פֿאַרן צוקונפֿטיקן ייִדן... פֿאָטער, דאָס לעצטע מאָל: האָב חרטה, פֿאָטער! לאָז, לאָז, גיי איך שוין און וואַרף אים פֿון אויבן פֿון די טרעפּ אַראָפּ. לאָז, שיק איך אַ רײַטער אַנטקעגן און זאָג־אָן דעם, וואָס קומט, אַז דאָ איז מער קיין אָרט נישטאָ פֿאַר אים, אַז ער זאָל נישט קומען. לאָז, פֿאַל איך דער שוועסטער צו די קני און בעט... לאָז!...

שלמה — יום פנה כצל תומר...

סימאַ — פֿאָטער, דאָס לעצטע מאָל; ס׳איז נאָך ניט שפּעט.

שלמה — „אָמר שומר, אָתא בוקר"...

סימאַ — ענטפֿערסט נישט? טאָ זאָל ברענען. נאָר איך וועל, פֿאָטער, אָפּבויען ביזן לעצטן הויז, ביזן לעצטן טפֿח. אַלץ פֿון דאָס נײַ, אַלץ פֿון דאָס נײַ. אַנדערש און בעסער וועל איך אָפּבויען און קיין האַנט וועט שוין נישט וואַגן זיך אויף יענע בנינים צו הייבן.

שלמה — מורמלענדיק זײַן זמירות, גייט אויף לינקס.

סימאַ — פֿאָטער, ברענט עס? יאָ? ענטפֿערסט נישט? טאָ זאָל ברענען, זאָל ברענען!...

שלמה — אָפּ.

חנהקע — האַסטיק פֿון לינקס אָנקומענדיק. ווו איז מײַן ווײַס קלייד? ווו איז מײַן ווײַס קלייד? קלינגט; עס קומט־אָן דאָס דינסט־מיידל. געפֿינט מיר גיכער מײַן ווײַס קלייד, גיכער... באַמערקנ־דיק. אָ, סימע! ווי שפּעט איז דאָס? מען קומט באַלד פֿון באַן?

סימאַ — באַלד.

חנהקע — פֿאַרשטייסט, אין ווײַסן באַדאַרף איך זײַן אָנגעטאָן. מיט אַ מירטנצווײַג. אַ טײַערער גאַסט קומט צו מיר. אַזוי לאַנג גע־וואַרט אויף אים... טאָ זאָל ער זען: אין אַ ווײַסן קלייד מיט אַ מירטנצווײַג... וואָס שווײַגסטו?

סימאַ — שלעכט, חנהקע, שלעכט.

חנהקע — שלעכט? שלעכט מיט אַ מירטנצווײַג? ווילסט עפּעס ווייסן, סימאַ?

סימאַ — וואָס ?

חנהקע — וואָס דו דאַרפֿסט וויסן, וואָס איך ווייס און דאַרף דיר אויסזאָגן. אפֿשר דאַרף איך נישט, נאָר איך וויל. הײַנט וויל איך דאָס דיר אויסזאָגן, דיר זאָל וויי טאָן, דיר זאָל דאָס האַרץ מיט בלוט פֿאַרלויפֿן. הײַנט וויל איך, אַלעמען זאָל וויי טאָן, מען זאָל מיט די ציינער קריצן פֿון ווייטיק. ווילסט וויסן ?

סימאַ — חנהקע !

חנהקע — אָט, הער ! מײַן פֿרײַנדין זיענע, סימאַ, וואָס איז דאָ געווען, אויף וועלכע דו וואַרטסט, וועלכע דו האָסט ליב, מײַן פֿרײַנדין, נו, סימאַ, ווילסט וויסן ?

סימאַ — חנהקע, וואָס ?

חנהקע — מײַן פֿרײַנדין, סימאַ, איז — אַזאַ ווי איך !...

סימאַ — אָ !

חנהקע — און אפֿשר נאָך ערגער... טוט וויי ? שטאַרק ? טוט וויי דערפֿון, וואָס אַ כּלה איז אויף אײגענער שוועסטער ענלעך ? וועט אָבער דײַן שוועסטער זײַן הײַנט אין אַ ווײַסן קלייד מיט אַ מיר־טנצוויַג. צו דער דינסט. גיכער, גיכער אַ מאָל !... סימאַ, קריץ מיט די ציין, סימאַ ! אָפּ.

רחלע — קומט־אָן נאָך אַ לענגערער פּויזע : „פּרישלאַ ציכאָ־ניאַ דאָ דאָמו, / סטאַלאַ מאַצי קאַראַצי, / ליובאָ טי ציכאָניאַ אוטאָ־פּיסיאַ"[3] ...

סימאַ — רחלע, איך ווייס שוין !

רחלע — וואָס ?

סימאַ — ווי האָסטו געזאָגט : איך האָב מורא צו וויסן, דער וויפּלטער בין איך בײַ איר ?... ווייס איך שוין.

רחלע — נו, דער וויפּלטער ?

סימאַ — רחלע, רייץ נישט !...

---

[3] ציכאָניאַ איז אַהיימגעקומען, און ס'איז איר ביטער, און ס'האַלט דערבײַ, זי זאָל זיך דערטרינקען.

רחלע — איך? איך רייץ נישט. ווידער אַ שטילינקע ווער איך, גאָר אַ שטילינקע. גוט, וואָס עס וועט אָפּברענען. הײַנט האָט זיך אַלצדינג געענדיקט. צינדט מען פֿײַערן צוליב אַזאַ יום־טובֿ פֿון אַלץ פֿאַרענדיקן. מער זעען מיר זיך נישט, סימאַ. ווײַט וועל איך פֿון אײַך אַוועק. מיד בין איך, אָפּרוען וויל איך. ליגן שטיל, שטיל; און אַ מוטערהאַנט זאָל מיך אײַנוויגן. נישטאָ קיין מוטער, סימאַ!... שטראָפֿן וואָלט מיך אַ מוטער... „סטאַלאַ מאַצי קאַראַצי: / ליובאָ טי ציכאָניאַ אוטאָפּיסיאַ“...

סימאַ — רחלע, ווי צעפּײַניקט מיר זײַנען אַלע.

רחלע — אָט, אַ נאַכט. דאָ און דאָרטן. הערסט, סאַראַ רויִקייט, סאַראַ רויִקע פֿריילעכקייט. די זעלביקע נאַכט: דאָ און דאָרטן. דאָ איז אַ קעסלגרוב, אַ גיהנום, אַלע צעפּײַניקטע, אַלע פֿאַרהאַוועטע... אומרוען... איך בין נישט קיין ייִדיש קינד. מיך ציט אַהין... פּוי־זע. קומט די מוטער אין תּכריכים און זאָגט: געדענק, מײַן קינד, די יאָרצײַטליכט... פֿאַלט אויף מיר אַ טויטלעכע שרעק אַרויף... סימאַ, פֿאַר וואָס גערדויערט דאָס? פֿאַר וואָס צינדט ער שוין נישט?

סימאַ — ס׳אַ דאגה מיר; מיך אַרט דאָס שוין נישט. הײַנטיקע נאַכט האָט אַלץ צעשטערט, זאָלן נאָר כּוחות בלײַבן. אָט איז אָקערשט חנהקע געווען, אויך אַ צעפּײַניקטע, און געהייסן, איך זאָל מיט די ציין קריצן. קריץ איך, כּדי דעם ווייטיק בײַצוקומען. אָט הער איך דיך און פֿיל, ווי דאָס האַרץ פֿאַרלויפֿט מיט בלוט, פֿאַרשטשעמע איך ווידער די ציין, כּדי איבערצולײַדן. עס דאַרפֿן די כּוחות בלײַבן. הײַנטיקע נאַכט האָט אַלץ צעשטערט און פֿון מאָרגן, פֿון דער ער־שטער פֿרימאָרגן־שעה אָן באַדאַרף מען ווידער פֿון דאָס נײַ אָנהייבן, גאָר פֿון דאָס נײַ, גאָר פֿון דאָס נײַ. גיי נישט אַוועק, רחלע. איך ווייס שוין, זי איז שוין פֿון האַרצן אויסגעריסן, קום איך שוין נישט מער צו איר. איך האָב פֿריִער אויך געוווסט, נאָר נישט אַזוי. איצט ווייס איך דאָס אַנדערש, ערגער. מיינסט, איך האָב זי נישט ליב? נאָר מער וויל איך נישט. נישט באַשערט; ברענט דאָס אויך אָפּ. אַלץ אין איין פֿײַער. אַלע זײַנען מיר אין פֿײַער, דאַרף מען זיך ראַ־

טעווען. רחלע, גיי נישט אַוועק. פֿאַר די זינד פֿון אַנדערע דורות לײַדן מיר. מיר דאַרפֿן דאָס זינד אויסקויפֿן; דאַרף מען העראָישע מוטיקייט האָבן, פֿאַרשאָלטענע כוחות אַנטוויקלען און אָפּקומען און איבערקומען. מיר וועלן נאָך דאָס נײַע לעבן דערזען. פֿײַער ריי־ניקט!...

רחלע — איך וועל אַוועק, סימאַ. איך וועל שוין נישט דערזען. אין איין נאַכט בין איך אַלט געוואָרן, אַזוי אַלט, אַזוי ווי אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט... סימאַ, פֿאַר וואָס האָבן דאָס ייִדן קיין מאָנאַס־טירן[4] נישט? פֿאַר וואָס האָט דאָס גאָר נישט אַ ייִדישע פֿרוי ווו זיך אַהינצוטאָן פֿון איר צער. אָט איז פֿול מיט פֿײַן מײַן האַרץ, אָט שטיקן טרערן דעם האַלדז — אַזוי פּוסט, אַזאַ זינד ליגט אויפֿן גע־ וויסן, דער טרויער מאַכט מיד און ס'איז נישטאָ וווהין, נישטאָ וווהין...

סימאַ — הערט כמעט נישט; זוכט־אויס אין אַלע קעשענעס געעפֿנטע בריוו און ברענט זיי.

רחלע — סימאַ, ליבינקער, פֿאַר וואָס בלײַבט דאָס נאָר איין וועג פֿאַר מיר... ווי זאָגסטו? פֿײַער רייניקט?

סימאַ — פֿײַער היילט, פֿײַער רייניקט.

רחלע — וואָס ברענסטו דאָס?

סימאַ — גאָרנישט, רחלע — יוגנט!

רחלע — אַ! אַלץ אין פֿײַער, אַלע זײַנען מיר אין פֿײַער. לאַכט שטיל. האָסט מיך שוין אפֿשר ליב, סימאַ?

סימאַ — רחלע!

רחלע — איך לאַך דאָך עס; איך פֿרעג דאָך עס אַזוי זיך. איך גיי דאָך אַוועק, פֿרעג איך דאָס; דאָס געזעגן איך זיך. ווי מיינסטו, סי־ מאַ, וועסטו נאָך דערזען דאָס נײַע לעבן — דאָס נײַע, דאָס העלע און פֿאַרביקע לעבן? וועסטו דערזען, טאָ דערמאָן מיך דעמאָלט. דערמאָן, אַז איך האָב אויך אַ חלק, אַז איך האָב אויך צוזאַמען מיט אַלעמען אויסגעקויפֿט די זינד פֿון די דורות און געליטן פֿאַר זיי,

---

[4] אָפּגעשלאָסענע קלויסטערהיים (פֿאַר מאָנאַכן אָדער מאָנאַשקעס).

שטאַרק גע‌ליטן, סימאַ, זייער שטאַרק געליטן, אַז אין פֿײַער, וואָס האָט געריי‌ניקט, האָב איך געברענט... פֿאַרגעס נישט, סימאַ. אָפּ.

סימאַ — בלײַבט זיצן אין טיר פֿון דער וועראַנדע.

שרה און חנהקע — קומען־אָן פֿון לינקס; חנהקע — איבער־געטאָן אין ווײַסן.

שרה — חנהלע, טאָכטערל. נישט צו דער צײַט קומט ער. ווייסט, וואָס דאָ טוט זיך היינט?

חנהקע — איך ווייס, איך ווייס... צו דער צײַט, מאַמע, צו דער בעסטער צײַט. אַזוי לאַנג האָב איך געוואַרט אויף אים. אָט זעסט, ווי איך באַגעגן אים, ווי אַ כלה, ווי אין אַ חופּה־נאַכט, אין ווײַסן מיט אַ מירטנצווײַג. אַנטקעגן גיי איך אים: אָט וואַרט אַ יונג־פֿרוי אויף דיר...

שרה — טאָכטערל, וואָס איז דאָס מיט דיר?

חנהקע — גאָרנישט, מאַמע, גאָרנישט. זעסט נישט, אַז עס ציטערט מײַן האַרץ פֿון גליק; זעסט נישט, ווי גוט מיר איז. עס קומט דער בעסטער צו מיר... סימאַ, וואָס זיצסטו אַזוי? מיט די ציין געקריצט?... פֿאַר וואָס געדויערט דאָס? פֿאַר וואָס קומט ער נישט? פֿאַר וואָס האָסטו די בעסטע פֿערד נישט געשיקט?...

שרה — קינדערלעך, שלעכט, קינדערלעך. עס טוט זיך עפּעס בײַ אײַך און איך פֿאַרשטיי שוין נישט. אַלט איז די מאַמע, פֿאַר־שטייט זי נישט. ליבינקע, האַרציקע, איינציקע, וואָס איז דאָס מיט אײַך? ברענט היינט און עס טומלט אַזוי און איר זײַט אַזוי... טאָכטערל, חנהלע, האָסט אים נישט ליב?

חנהקע — איך האָב אים ליב, מאַמע; נאָר אים האָב איך ליב געהאַט, נאָר אים...

שרה — און איצט?

חנהקע — צעברענט, מאַמע, צו אַש געוואָרן.

שרה — וואָס טוט זיך דאָ היינט, קינדערלעך? צעברענט? פֿאַר וואָס דאַרף דאָס אַלץ צעברענט ווערן?

חנהקע — מאַמע, איך ווייס אויך נישט פֿאַר וואָס.

שרה — שלעכט, קינדערלעך. נישט איך פֿאַרשטיי שוין אײַך, נישט איך ווייס, ווי מען קען אײַך העלפֿן, ליבינקע... צעפּײַניקטע זײַט איר, זע איך שוין; נאָר ווי העלפֿט מען אײַך... ווי העלפֿט מען אײַך... ווייסט, רחלע, הײַנט בײַ נאַכט, באַלד...

שלום — קומט־אָן האַסטיק פֿון לינקס. אַז עס איז אַ מהומה, איז דאָך נישט שײַך. שלמה לויפֿט־אום ווי אַ גזלן און מען קען זיך מיט אים נישט צוגויפֿריידן. דער סוחר ווערט נעלם מיט אַ מאָל און איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס איך דאַרף מיט אים מאָרגן טאָן. דער אַזוי, יענער אַזוי — ווי משוגעים. לויפֿט־אַרויס רחלע און שיט מיר אָן נײַן מאָס רייד און איך פֿאַרשטיי אַ וואָרט נישט. די שטי־לינקע, קען קיין צוויי נישט ציילן, ווײַנט זיך פֿריִער פֿונאַנדער און איצט — אַ דרשה!... טפֿו, אויף מײַנע שונאים... באַמערקנדיק חנהקען. שאַ, יום־טובֿ! הדסים — הייסט דאָס, סוכּות אויף דער וועלט, איז דאָך נישט שײַך. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? איך בין דאָס דער משוגענער און איר די קלאָרע. שימע, שימע — שלאָפֿסט אָדער וואָס, שימע?

חנהקע — אַרויסגייענדיק אויף דער וועראַנדע. אַ־או! אַ־או!

סימאַ — וואָס ווילט איר, פֿעטער?

שלום — ברוך מחיה המתים! קוים דערמינטערט. וואָס איז מאָרגן מיט די פֿעלדער, זאָג מיר. מען פֿירט צי נישט? מען דאַרף דאָך עס וויסן — יאָ אָדער נישט?!

סימאַ — מאָרגן? די פֿעלדער? מאָרגן פֿירן פֿון די פֿעלדער? מאָרגן זאָל מען אַ גאַרב נישט רירן אויף די פֿעלדער. מאָרגן וועט זײַן אַן אַנדער אַרבעט.

שלום — וואָס פֿאַר אַן אַרבעט?

סימאַ — פֿעטער, מאָרגן, זאָג איך אײַך, וועט זײַן אַן אַנדערע אַרבעט.

שלום — רייד ווי אַ מענטש.

סימאַ — גלייבט מיר, פֿעטער.

שלום — צעדולט, איז דאָך נישט שײַך.

שלמה — קומט פֿון לינקס; פֿון דער וועראַנדע קומט לעווין. צוועלף אַ זייגער... הם... שימע, דו מאַכסט דאָס קונצן מיט מיר?

סימאַ — ניין. מיך אַרט דאָס שוין נישט. דײַן דעה.

שלמה — הם... שלום, גיי־אַרויס, זײַ אַזוי גוט, און קוק גוט אַרום דעם הויף און די פֿאַבריקן. מען האָט זיך דאָך אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט מיט פֿײַער.

שלום — אָבער וואָס איז מאָרגן מיט די פֿעלדער?

שלמה — גיי, מיר וועלן דערנאָך זען וועגן די פֿעלדער.

שלום — אָפּ.

פויזע

שלמה — שאַ, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יום־טובֿ אין מיטן נאַכט. צו לעווינען. ווי מיינט איר, דאָס איז איצט אַ מאָדע אַזאַ?

לעווין — איך ווייס נישט.

שלמה — האַ, דו וואַרטסט דאָס אויפֿן גאַסט דײַנעם. מיר האָבן זיך אונדזערע געסט און דו האָסט זיך דײַנע. דײַנע געסט קומען בײַ נאַכט. נאַכטגעסט. און וואָס זאָגט איר דערויף?

סימאַ — פֿאָטער, גענוג!

שרה — שלמה, איך בעט דיך!

חנהקע — לאָז צו רו! מײַן גאַסט קומט בײַ נאַכט... אַזאַ טאָכטער האָסטו. פֿאַרדריסט דיר, סימען פֿאַרדריסט אויך, וואָס ער האָט אַזאַ שוועסטער. ער וויל נישט אַזאַ כלה האָבן, ווי זײַן שוועס־טער איז. נו, און מיך פֿאַרדריסט אויך, אַך, ווי מיך פֿאַרדריסט. טאַ לאָזט מיך. לאָזט מיך אַליין פֿאַר זיך צו ענטפֿערן. איך לײַד פֿאַר זיך... פֿאַר וואָס גערדויערט דאָס? פֿאַר וואָס קומט ער נישט?...

לעווין — איך וויל אַוועקגיין, חנהקע. אפֿשר קענסטו אָן מיר?

חנהקע — איך קען נישט. ס'איז אַזוי שווער, ליבער, אַזוי שווער... מאַמע, דו פֿאַרשטייסט נישט?

שרה — ניין, טאָכטערל, איך פֿאַרשטיי גאָר נישט.

חנהקע — איז גוט אַזוי. איז דיר גרינגער, מאַמע. אַך, ווי

שוועד... לענגערע פויזע. **וואַרטן מיר. אַלע וואַרטן... טסס... גלעקלעך קלינגען... טסס... מען פֿאָרט נישט? טסס...**

לעווין — **מען שרײַט. הערט, מען שרײַט.** אַלע הערן זיך צו.

שלום — האַסטיק פֿון דער ווערענדע. **ראַטעוועט! עס ברענט! אַ, סאַראַ פֿײַער! און רחלע! נישטאָ רחלע!**

חנהקע — **אַ, זאָל ברענען!... זאָל ער קומענדיק זען. אײדער ער קומט זאָל ער זען, אַז עס האָט אויסגעברענט. זאָל ער זען סאַראַ בראַנדפֿײַער עס ברענט. זאָל ער זען, סאַראַ חורבן עס ווערט. זאָל ברענען!...**

קולות — **ראַטעוועט! ראַטעוועט! רחלע! ווו איז רחלע?! נישטאָ רחלע!**

סימאַ — **פֿײַער רייניקט!...**

פאָרהאַנג

# אן אומגליק[1]

## אײנאַקטער

די בינע שטעלט־פֿאָר אַ צימער אין אַ קלײנשטעטלדיקער שטוב. רעכטס — אַ טיר, טיפֿער — אַ ווינקל פֿון אַ גרויסן אויוון. פֿון אויוון בײַ דער לינקער וואַנט — אַ שפּאַניש ווענטל, מיט אַ סיצענעם פֿאָרהאַנג אויפֿן חלל פֿון דער טיר, וואָס פֿירט אין פֿאָדערהויז אַרײַן. לינקס — אַ גרויסער עסטיש. פֿרימאָרגן.

---

[1] פֿאַרעפֿנטלעכט 2 חדשים פֿאַר א. ווײַטערס אומקומען, 8 פֿעברואַר 1919, אין „די וואָך" נ׳ 4, ווילנע.

## 1טער אויפֿטריט

### ריוועלע און די רביצין

ריוועלע — אַ יונג מיידל; פֿאַראומערט, כמעט אַפּאַטיש. אַך־אַך־אַך! ווידער רעגן...

רביצין — אַ שטילע, פֿרומע ייִדענע. פֿאַר וואָס ענטפֿערסטו נישט?

ריוועלע — וואָס ווילסטו, מאַמע?

רביצין — איך וויל גאָר נישט. וואָס זאָל איך וועלן? נאָר ער גריזיעט[2] מיר. טאָג און נאַכט פֿרעגט ער מיך. ווייסט דאָך זײַנע טענות: דו פֿירסט קיין שטאָט. אַ רבס אַ טאָכטער, טענהט ער...

ריוועלע — טאָ וואָס טוט דעם רבס טאָכטער? איך זיץ דאָך, ווי אין אַ שטײַג פֿאַרשפּאַרט.

רביצין — פֿאַר וואָס זיצסטו שפּעט?

ריוועלע — טאַקע אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה! גאָט מײַנער, וואָס וועט דאָס זײַן, וואָס וועט דאָס זײַן?!

רביצין — וואָס זאָל זײַן? מען דאַרף זיך אונטערגעבן. מען מוז פֿאָלגן. זעסט דאָך, ווי איך פֿאָלג. איך אין דײַנע יאָרן בין שוין לאַנג נאָך דער חתונה געווען... און געפֿאָלגט, כסדר געפֿאָלגט... גיב זיך אונטער, טו ווי ער פֿאַרלאַנגט. עלנט — אַוודאי... נאָר וואָס קען מען העלפֿן? אַזוי לעבן מיר. אַזוי האָבן אונדזערע מאַמעס געלעבט, אַזוי דאַרף מען לעבן... און אַז דו טוסט עפּעס, טאָ באַהאַלט, ווי געהעריק. און דו היטסט זיך גאָר נישט. הײַנט, אַז דו ביסט נאָך געשלאָפֿן, איז ער געווען בײַ דיר און עפּעס אַ צונויפֿגעבונדענעם פּעקל געפֿונען. ווייס איך וואָס...

ריוועלע — וואָס פֿאַר אַ פּעקל?!

[2] עסט זיך אײַן, הערגייט די יאָרן.

רביצין — דאָס ווײס איך נישט. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן צו מיר אַ פֿאַרברענטער. דו באַהאַלטסט זיך עפּעס, טענהט ער. ער קוקט דיך נאָך, טאָכטער. איז טאָמער האָסטו עפּעס, זאָג מיר. ווייסט דאָך, מיר מעגסטו זאָגן, נישקשה.

ריוועלע — ניין, איך האָב גאָר נישט וואָס צו זאָגן.

רביצין — טאָמער האָסטו, מעגסטו מיר זאָגן, נישקשה. מיר מעגסטו... דערהערט ווי די טיר עפֿנט זיך, טאָן־ענדערנדיק. אַ, סאַראַ נאַוואַלניצע [3] !

## 2טער אויפֿטריט

די זעלבע, דער רב און ברוך

רב — אַ הויכער. אַ שטרענגער. נו! נו!

ברוך — אַ ייִד אַ קריכער. און דער אָרגאַניסט נעמט בײַ זיי אין קראָם אויף קאָנטע... האָט ער זיי צוגעלאָזן צו איר, און זיי האָבן זי געזען, די חצופֿה.

רב — וואָס הייסט געזען? גערעדט?

ברוך — אַוודאי גערעדט, ווי זשע דען? נאָר ווי קומט? עס העלפֿט נישט. פֿון תמיד אָן געווען אַ חצופֿה אַ מיידל, אַן אויס־וואָרף...

רב — פֿײַן! פֿײַן! דערלעבט יאָרן אין שטעטל. נישטאָ וואָס צו ריידן. פֿײַנע יאָרן דערלעבט... רוף זיי אַהער!

---

[3] אַ גאַסרעגן.

## 3טער אויפֿטריט

דער רב, די רביצין, ריוועלע

רב — אַט האָסטו, רביצין, האָדעוואַניע. אויך אַ בת־יחידה פֿון אונטער דער מאַמעס פֿאַרטעך. נעם זיך אַ מוסר אַראָפּ!

רביצין — וואָס? וואָס אַזוינס האָט פּאַסירט?

רב — צײַט שטעטל שטייט האָט נאָך אַזוינס נישט פּאַסירט. אַ ייִדיש קינד איז אין שמד אַוועק. אַ נאַרישע מאַמע האָט אַליין, בידים, אַ קינד צום שמד געפֿירט.

רביצין — וואָס רעדסטו — בידים?

רב — די האָדעוואַניע! חיים־לייב איז אַן ערלעכער ייִד. איך קען אים. ער וואָלט געפֿירט בדרך הישר, נאָר — אַ שוואַכער, נע־בעך, האָט קיין דעה נישט. האָט די מאַמע געפֿירט. אַלץ נאָכגעגעבן, אַלץ מעג מען. וואָס נאָר עס ווילט זיך. האָט זיך פֿאַרוועלט — אין קלויסטער אַרײַן. זעסטו, רביצין?

רביצין — וואָס האָב איך דאָ צו זען? וואָס רעדסטו, זאָלסטו געזונט זײַן.

רב — אַט וואָס דו האָסט צו זען! אָט זע, אַ טאָכטער, אַ בת־ישׂראל, אָט זע ווי זי זיצט: הערט, עס האָט אַן אומגליק פּאַסירט, און צו איר האָט דאָס נישט... וואָס זיצסטו אַזוי, פֿרעג איך דיך?

ריוועלע — גאָרנישט, טאַטע, פֿאַרטראַכט זיך.

רב — אין די עולמות־העליונים פֿאַרטיפֿט? צי די ערד דרייט זיך? פֿאַר וואָס טראַכטסטו נישט בעסער, ווי אַזוי אַ ייִדיש קינד באַ־דאַרף זיך אויפֿפֿירן, ווי אַזוי אַ טאָכטער באַדאַרף אומגיין בײַם טאַטן אין שטוב. דו גייסט דאָך אום ווי אַ פֿרעמדע, ווי צווישן שׂונאים.

רביצין — בײַס עפּעס אָן. עס איז דאָך שוין שפּעט.

רב — רביצין, מיש זיך נישט! געדענק, צו וואָס מען ברענגט אַ קינד מיט אַזאַ האָדעוואַניע. לאָז, איך באַדאַרף זיך מיט איר צו־

נויפרײדן. וואָס אַ טאָג מער, ווערט ערגער. הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז.

ריוועלע — איך בעט דיך, טאַטע, זאָל זײַן גענוג.

רב — וואָס? וואָט איז דאָס פֿאַר אַ דיבורים? וואָס טוט זיך דאָס הײַנט מיט דיר? הערסט, אַז בײַ אַ שכנה, איבער דער גאַס, איז אַ מײדל אין שמד אַוועק, און דו זיצסט ווי אַ הילצערנע. דיר איז דאָס נישט נוגע, קענטיק. און אַז דער טאַטע טענהט — דער טאַטע מעג טענהן, ער וויל, חס ושלום, נישט דײַן רעה — ענטפֿערסטו, וואַגסטו צו ענטפֿערן, מיט אַזאַ מויל. וואָס איז דאָס אַזוינס, האַ? פֿויזע. וואָס זײַט איר בײדע מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן? וואָס שווײַגט איר, פֿרעג איך אײַך?

רביצין — ביסט הײַנט בײזער ווי תמיד.

רב — הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז. אָט, איבער דער גאַס האָט אַ טאַטע־מאַמע אויסגעהאָדעוועט אַ משומדתטע. אַוודאי בין איך בײז, אַז אַ טאָכטער פֿאָלגט נישט, לאָזט זיך נישט מדריך זײַן, גײט־אום ווי אַ פֿרעמדע, און איז אײַנגעדרײט אין זיך ווי אַ קנויל. כּסדר פֿאַרביסן, כּסדר באַהאַלטן. וואָס באַהאַלטסטו פֿון מיר? איך זע, דו באַהאַלטסט עפּעס. פֿויזע. וואָס שווײַגט איר בײדע?

## 4טער טויפֿטריט

די זעלביקע, חיים־לײב, לאה און דער שמש

ברוך — זײ זײַנען שוין אַלײן געגאַנגען צו אײַך.

חיים־לײב — אַ קלײן־געוויקסיקער ייִד מיט אַ שפּיציק בערדל. געטראָפֿן אונדז דאָס אומגליק! פֿאַר וואָס קומט דאָס אונדז, רבי?

רב — פֿאַר האָדעוואַניע, ר׳ חיים־לײב, פֿאַר האָדעוואַניע.

לאה — אַ הויכע ייִדענע, אַ קרעמערקע. וואָס איז שײַך האָדע־וואַניע, האָבן מיר זי ווי אַן אויג אין קאָפּ טײַער געהאַלטן. אַ פּנים,

**גערשאַלעוועט עפּעס פֿאַר איר אָדער אַ מאָל אַ קרום וואָרט געזאָגט? מײַן טײַער פֿייגעלע, ווי אַ קאַנאַריקל איז זי אין שטוב געווען.**

חיים־לייב — **שלעכט, רבי, פֿאַרזינדיקט אונדזער קינד.**

רב — **איך מוז אײַך זאָגן, ר׳ חיים־לייב, אַז אויף אײַך ליגט די שולד. מען טאָר נישט לאָזן אַ ייִדיש קינד זאָל וואַקסן פֿון זיך אַליין, ווי גראָז אין פֿעלד. אַ ייִדיש מיידל באַדאַרף מען היטן. אַ שומר באַדאַרף זײַן אַ טאַטע בײַ זיך אין שטוב, אומגיין און צוימען צאַמען אַרום, נאָך אַ צאַם און נאָך אַ צאַם. טאָמער אַן איבעריקער צאַם, וועט נישט שאַטן חלילה.** צו ריוועלען. **זיץ נישט פֿאַרחלומט, רבֿקה! קענסט זיך קיין אַרבעט נישט געפֿינען? טו עפּעס!** ריוועלע און די רביצין אָפּ.

## 5טיר אויפֿטריט

### דער רב, חיים־לייב, לאה און ברוך

רב — **וואָרעם איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך אַרום. עס ליגט די טומאה און לויערט אויף אונדז ווי אַ חיה רעה, און ייִדישע טעכטער פֿאַלן אין איר נעץ אַרײַן און קומען־אום, און קומען־אום. דו, ייִדענע, האָסט דײַן קינד געפּטרט. איך ווייס, אײַער טאָכטער האָט אַ שם געהאַט אין שטעטל.**

לאה — **אַ פּנים, ווייס איך, ווי די דיבּוקים הייסן מיט אַ קינד זיך צו באַגיין? אַן אישה טוט, וואָס דאָס האַרץ זאָגט איר. אַן איינאיינציק קינד זיצט און נודיעט זיך; פֿאַררוקט זיך, אַז עס ווערט פֿינצטערלעך, אין אַ ווינקעלע און צעגיסט זיך ווי אַ קאַנאַריקל. ציטערט־אויף און חלשט פֿון צער אַ מאַמעס האַרץ. אַן אישה ווייס קיין דיבּוקים נישט. גיי איך צו איר און בעט זיך, אַליין בעט איך זיך בײַ איר: גיי ערגעץ וווהין, זוך זיך עפּעס אויס אַ פֿאַרגעניגן. ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? גיט אַן עצה, רבי!**

רב — איך האָב דאָך אײַך געשיקט רופֿן זיך מיישב צו זײַן.

לאה — מיר זײַנען שוין אַליין געגאַנגען צו אײַך.

רב — פֿאַרשטייט איר מיך, איז דאָס סתם אַזוי אַ שטות אָנ־געפֿאַלן אויף אַ ייִדיש קינד, איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג. איר זײַט איין מאָל געווען און עס האָט נישט געהאָלפֿן, גייט נאָך אַ מאָל. גייט מיט בייזן. אַוודאי, זאָגט איר, אַז מען וועט איר, חלילה, נישט אויפֿוואַרפֿן, אויב זי קערט זיך אום צוריק. אָבער אַחוץ דעם, דווקא מיט בייזן אַ טופּ מיטן פֿוס: דו, חצופֿה, ווי וואַגסטו אויף אַזאַ נבֿלה! פֿאַרשאָלטן וועסטו זײַן אויף דור־דורות, אויב דו האָסט קיין חרטה נישט. שעלט! מען מעג!

חיים־לייב — ווער קען דאָס, רבי?!

רב — אויב דאָס איז אַ שטות, וועט העלפֿן. נאָר אויב אָבער, חס ושלום, אַ מעשׂה, ווייס איך וואָס, אַ ליבע צי וואָס, איז שלעכט! אַ שייגעץ? אַ מעשׂה?

לאה — ניין, רבי, מיר ווייסן גאָר נישט.

חיים־לייב — פֿאַרבלענדט געווען, רבי.

רב — דאַרף מען זיך דערוויסן. פֿרעגט־אויס קודם־כּל אירע חבֿרטעס.

לאַה — מיר טראַכטן דאָס אויך.

חיים־לייב — דעריבער זײַנען מיר דאָס געקומען צו אײַך.

לאה — טאָמער וועלן מיר זיך עפּעס דערוויסן.

רב — וואָס קענט איר זיך פֿון מיר דערוויסן?

חיים־לייב — ווײַל מיר מיינען, אפֿשר... ווײַל... טאָ־מער...

לאה — טאָמער ווייס עפּעס אײַער טאָכטער, זאָל געזונט זײַן!

רב — וואָס רעדט איר? פֿון וואַנען זאָל דאָס מײַן טאָכטער וויסן?

לאה — אַ חבֿרטע, רבי.

רב — וואָס פֿאַר אַ חבֿרטע? רייד, ייִדענע, קלאָרע דיבורים.

לאה — מײַן טאָכטערס אַ חבֿרטע איז זי, ווייס זי אפֿשר...

רב — ידענע, וואָס רעדסטו? ווי קומט מײַן טאָכטער צו איר?!

לאה — וואָס האָב איך זי געדאַרפֿט טרײַבן. זי פֿלעגט קומען צו אונדז. מיט אונדזער טאָכטער חבֿרטעס געווען.

רב — רביצין, וווּ ביסטו? קום אַהער, איך דאַרף דיר האָבן!

**6טער אויפֿטריט**

די זעלביקע און די רביצין

רביצין — וואָס פֿאַרלאַנגסטו?

רב — זע, אַ נעבעכל! וואָס פֿאַרלאַנג איך? גאָרנישט, רביצין, גאָרנישט. וווּ איז רבֿקה? רבֿקה, קום־אַהער! רבֿקה!

**7טער אויפֿטריט**

די זעלביקע און ריוועלע

רב — קום אַהער נענטער, איך בײַס זיך נישט. אָט אַזוי. און דערצייל: פֿאַר וואָס איז זייער מיידל אין שמד אַוועק. דײַנע אַ חבֿרטע! אַ שיינע חבֿרטע אויסגעקליבן. און אַז דײַנע אַ חבֿרטע — ווייסטו, מוזסטו וויסן, טאָ דערצייל. פֿאַר וואָס איז זי אַוועק אין שמד?

ריוועלע — ענטפֿערט נישט.

לאה — אפֿשר ווייסטו עפּעס. דערצייל, ריוועלע. איר זײַט דאָך חבֿרטעס געווען.

ריוועלע — איך ווייס גאָר נישט!

דער רב — עס קען נישט זײַן. דו ווייסט, דו מוזסט וויסן.

די רביצין — הערסט דאָך, אַ קינד זאָגט, אַז זי ווייס נישט.

רב — מיש זיך נישט, רביצין! גענוג שוין מיט דײַן הדרכה! זעסטו, אין וואָס זי האָט זיך אַרײַנגעדרייט. דערצייל!

ריוועלע — ענטפֿערט נישט.

רב — וועסט מוזן דערציילן. אונטער אַ שלאָס וועל איך דיך האַלטן, ווי אין אַ תּפֿיסה וועסטו בײַ מיר זיצן, ביז דו וועסט מיר אויסדערציילן אַלץ פֿון א׳ ביז ת׳. דערצייל!

ריוועלע — ענטפֿערט נישט.

רב — דערצייל, זאָג איך דיר!

ריוועלע — דו הייסט דערציילן? גוט! איך דערצייל. פֿאַר וואָס זי איז אַוועק? עס איז איר ענג געווען. קיין זאַך נישט. אַלץ גוט. אַלץ ווי געהעריק. ווי עס פּאַסט פֿאַר ייִדן. נאָר ענג. ענג ווי אין אַ שטײַג.

רב — וואָס רעדסטו, פֿאַרשטיי איך נישט, וואָס הייסט ענג?

ריוועלע — געווען ענג. אַ ייִדישע שטוב איז ווי אַ שטײַג. אָפּגעצאַמט און ענג. חלשט אַ מיידלש האַרץ פֿון בענקשאַפֿט און רײַסט זיך... ווער ווייס, וווהין, נאָר פֿון שטײַג אַרויס.

רב — וואָס רעדסטו דאָ, פֿאַרשטיי איך נישט. וואָס האָט זי געוועלט?

ריוועלע — האַ? וואָס האָט זי געוועלט? וואָס האָט זי געוועלט, דאַרפֿט איר וויסן? איך וועל אײַך זאָגן. אָנגעשטרענגטע פֿוי־זע. אַ צעפּיעשטשעטע בת־יחידה. מאַלע וואָס עס פֿאַרווילט זיך אַ בת־יחידה, וואָס מען האָט נישט מדריך געווען. איר פֿרעגט מיך, וואָס זי האָט געוועלט? מאַלע וואָס עס קען זיך פֿאַרוועלן אַ צעלאָ־זענער...

רב — אָט אַזוי, אָט דאָס איז רייד פֿון אַ סטאַלן[1] מענטשן.

ריוועלע — צעלאָזן... ווײַל זי האָט קיין צוימען נישט גע־האַט אַרום זיך. אַ פּנים האָט ווער נאָכגעקוקט, זי זאָל נישט וואַקסן

---

[1] סאָלידן.

ווי גראָז אויפֿן פֿעלד... אַ פּנים האָט די מאַמע געוווּסט, ווי צו פֿירן אַ קינד, אַ ייִדיש מיידל, אין רעכטן וועג?

לאה — וואָס רעדסטו, ריוועלע?

רב — אומגעריכט, אומגעריכט! נאָר — ריכטיקע רייד, מײַנע רייד.

ריוועלע — האָט זיך איר ווער ווייס וואָס פֿאַרוועלט.

רב — האָסטו דאָך געוווּסט!

ריוועלע — געוווּסט. ווי זשע דען?

דער רב — טאָ סטײַטש?

ריוועלע — וואָס „סטײַטש“?

רב — סטײַטש, ווי דערלאָזסטו דערצו? באַדאַרפֿט נישט לאָזן! דערציילן איר טאַטן, מיר דערציילן!

ריוועלע — זעסטו, דווקא דאָס האָב איך נישט געקענט. וואָרעם... וואָרעם... מיר זײַנען דאָך חבֿרטעס געווען. ביידע אין איין וועג געגאַנגען. נאָר איך בין אָפּגעשטאַנען. אין לעצטן מאָמענט אַ שרעק אָנגעפֿאַלן.

רב — איך פֿאַרשטיי ווידער נישט. וואָס הייסט: דו מיט איר אין איין וועג, רחמנא ליצלן? וואָס רעדסטו?!

ריוועלע — גאָר נישט. נאָר אַז איר ווילט, אַז איר ווילט אַלע נישט אַנדערש, קען איך נאָך איצט אַלץ מיט אַ מאָל פֿאַרריכטן. איך קען גיין צו איר. קומט צוזאַמען! מען וועט אונדז צולאָזן, וואָס אַרט אײַך. וועל איך זי שוין איבעררײדן. איך וועל שוין אַלץ פֿאַרריכטן. איר וועט זען. טאָ קומט זשע, קומט!

רביצין — וואָס איז דאָס מיט דיר, ריוועלע? אַזוי אומגעריכט, מיט אַ מאָל?

רב — רביצין, מיש זיך נישט!

ריוועלע — גאָר נישט מיט אַ מאָל, מאַמע. שוין לאַנג, אַז איך קלײַב זיך אַלץ, גאָר נישט מיט אַ מאָל! נו, ווינטש מיר גליק, מאַמע! זעסט דאָך, ווהין איך גיי. קומט זשע, קומט!

חיים־לייב — נו, אפֿשר וועט דאָס זײַן די ישועה.

לאה — זאָל זײַן מיט גליק.

רב — הלוואַי.

ריוועלע — גייען מיר. חיים־לייב, לאה און ריוועלע אָפּ.

לענגערע פויזע

## 8ער אויפֿטריט

### דער רב און די רביצין

רב — אָט אַזוי באַדאַרף מען ריידן מיט אַ קינד! זעסט! אַז מיר זײַנען נישט גלײַך צו אַנדערע פֿעלקער. פֿאַר אַ ייִדיש קינד איז פֿול די וועלט מיט נעצן, פֿול מיט שטיינער אויף יעדן טריט. לאָז נאָר אָפּ, לאָז פֿון אויג אַרויס אַ ייִדיש קינד, פֿאַלט עס, נעבעך, אין נעץ אַרײַן. ווערט עס, נעבעך, געשטרויכלט. דאַרף מען היטן, ייִדן באַדאַרפֿן היטן זייער ביסל גוטס. וואָרעם ווען נישט, איז חס ושלום אַ סוף צו ייִדן... אַ דאַנק גאָט, עס גייט צום גוטן בײַ אונדז. אַ סטאַלער מענטש געוואָרן. נאָר דו, רביצין, ביסט אַ בעל־עוולה. וואָס טוסטו הינטער מײַנע פּלייצעס אַנדערש ווי איך פֿאַרלאַנג? אַז איך זאָג, זי זאָל זיצן אין שטוב, ווייס איך וואָס איך זאָג, טאָרסטו מיך נישט נאַרן. מילא, וואָס ביז איצט איז געווען, איז פֿאַרפֿאַלן. אפֿשר — נאָר צו גוטן. אפֿשר איז באַשערט, ווער ווייס, אַז דורך איר זאָל אַ ייִדיש קינד פֿון שמד אַרויסגעראַטעוועט ווערן. נאָר אויף להבא זאָג איך דיר אָן: הערסט, רביצין, דו זאָלסט נישט וואַגן זיך אַרײַנצומישן אין מײַן פֿירונג. איך ווייס וואָס איך טו... גיב אָנבײַסן.

רביצין — גרייט צום טיש און אָרעמען אָנבײַסן.

רב — גייט זיך וואַשן, זעצט זיך צום טיש, עסנדיק. און אם־ירצה־השם נאָך סוכות שטעל איך חופּה. בּישקשה, גאָט וועט העלפֿן מיט נדן. און אַז חתונה געמאַכט, איז שוין, אַ דאַנק גאָט, פּטור. בין

איך שוין אויס שומר און זי וועט ממילא ווערן אַ מענטש... אַ גאַנץ פֿײַנער מאַן דער פּרוש. אַן ערלעכער ייִד. אַ שטילער מענטש און קען גוט לערנען, אָבער גאָר גוט. נו, גאָט וועט העלפֿן... נאָר דאָס שטעטל באַדאַרף מען אָנהייבן צו ריי̆ניקן. גאָר אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך, אַלץ אַראָפּגעוואָרפֿן. צום שטעטל באַדאַרף מען זיך נעמען. ברוך, וואָס זיצסטו דאָרטן? קום אַרײַן!

## 9טער אויפֿטריט

### די זעלביקע און ברוך

ברוך — ברוכים היושבים!

רב — שאָקלט־צו מיטן קאָפּ.

# וויטער-בוך

צום אנדענק פון א. ווייטער

אַרויסגעגעבן פון דעם ווײַטער־פאָנד ביים פאַראיין פון די ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער און ז. רייזען

ברוך — עסט געזונטערהייט! שוין געווען אין דער היים. אַ ביס געטאָן און יוצא.

רב — ברוך, דו וועסט גיין צו אליהו דעם רופֿא און דו וועסט אים מתרה זײַן אין מײַן נאָמען. וועסט זאָגן: דער רבֿ האָט געזאָגט, מען זאָל אויפֿהערן בײַ אים אין שטוב נאַכט אין נאַכט אין קאָרטן שפּילן. דער רבֿ האָט אָנגעזאָגט, וועסטו אים זאָגן, אַז אויב ער וועט נישט פֿאָלגן, וועט מען אים מיט די פֿינגער פֿאַרטײַטלען.

ברוך — איך וועל גיין.

רב — און וועסט אַרײַנגיין צו לייזער דעם קצבֿ און זאָגן, ער זאָל אײַנהאַלטן זײַנע מוידן, זיי זאָלן נישט אומגיין מיט אַזאַ פּריצות [2] אין גאַס. און זאָלסט אים זאָגן: דער רבֿ האָט געזאָגט, אַז ער ווייס, וואָס עס טוט זיך בײַ אים אַלע שבת נאָך מיטאָג, און אַז איך הייס, אַז עס זאָל בײַ אים אין שטוב קיין איגרישקעס [3] פֿון בחורים מיט מוידן נישט זײַן.

ברוך — איך וועל גיין.

רב — און זאָלסט אַרײַנגיין צו חנא דעם קרעטשמער און זאָגן אים... דו זאָלסט אים זאָגן: אַז איך האָב אים גערופֿן אַהער, ער זאָל נאָך הײַנט קומען צו מיר.

ברוך — איך וועל גיין.

רב — און זאָלסט אַרײַנגיין צום לערער מיט דער קאָקאַרדע און זאָלסט אים זאָגן אין מײַן נאָמען, אַז איך שווײַג ביז אַ צײַט, אַז כּל־זמן ער איז שטיל, בין איך שטיל. נאָר אַז איך הער שוין, מען רעדט אויף אים, און אַז מען רעדט, טויג נישט. זאָג אים, אַז אין שטוב מעג ער זײַן, ווער ער וויל און וואָס ער וויל, נאָר אַז אויף דער גאַס, בפּרהסיא, זאָל ער זיך האַלטן מיט אַ שטאַט, ווי אַ מענטש, וואָרעם נישט, וועל איך נישט שווײַגן.

ברוך — גוט, איך וועל זאָגן.

---

[2] הפקרות. — [3] שפּילערײַען.

רב — מען מוז זיך נעמען רייניקן. אַיַ, מען דאַרף רייניקן! רוקט־אָפּ דאָס עסן. נאַ, גענוג! נעמט בענטשן.

רביצין — גייט־אָפּ פֿון טיש און שטעלט זיך בײַם אויוון.

ברוך — שטיל. איך וועל אײַך פֿרעגן, רביצין, בײַ נאַכט אויפֿן גאַניק זײַט איר דאָס געשטאַנען, הײַנט בײַ נאַכט?

רביצין — בײַ אונדז אויפֿן גאַניק?

ברוך — יאָ. דער וועכטער דערציילט: הײַנט בײַ נאַכט, אין מיטן נאַכט, איז עמעץ, אַן אישה, אויף אײַער גאַניק געשטאַנען און געשטאַנען מיט אַ פּעקל אין האַנט. פֿרעג איך דאָס — ווער? איר, אַ פּנים?

רביצין — ששש...

רב — האַ? בייזער. האַ? הייסט דורך זשעסטן צוגיין נענטער צו אים. האַ?

ברוך — בײַ נאַכט, דערצייל איך, דער וועכטער דערציילט, איז עפּעס אַן אישה געשטאַנען בײַ אײַך אויפֿן גאַניק. געשטאַנען, דערציילט ער, מיט אַ פּעקל אין האַנט...

רב — דערשטוינט. האַ?

עס הערן זיך האַסטיקע טריט

רביצין — דערשראָקן, גייט אַנטקעגן.

רב — אויפֿגעהערט צו בענטשן.

## 10טער אויפֿטריט

חיים־לייב — רבי, נאָך אַן אומגליק.

רביצין — שרײַט־אויס מיט אַ ווילדער שטימע. ריוועלע!...

חיים־לייב — אויך... געבליבן... אין שמד...

רב — גיט אַ פּאַטש אין טיש. אַ! שפּרינגט־אויף און בלײַבט שטיין אַן באַוועגונג.

פֿאָרהאַנג



א. ווייטער אויפן טויטנבעט

# דוד איינהארן



# ביאָגראַפישע שטריכן

דוד איינהאָרן, געבוירן 1886 אין קאַרעליטש, ווייסרוסלאַנד, אין אַ יחוסדיקער משפחה, האָט פון זיין פריער קינדהייט געפילט די גרויסע דראַמע פון יידישער צעטרייסלונג. זיין פאָטער, אַ דאָקטער אין דער צאַרישער אַרמיי, האָט מחמת זיין ברודערס אָפּשמדן זיך פאַרלאָזט זיין מעדיצינישע פּראַקטיק אין מיליטער, איז אַוועק אויף עטלעכע יאָר אין בית־מדרש לערנען, האָט זיך אָפּגעגעבן צו היילן אָרעמע יידן און, פונקט ווי ער אַליין איז געוואָרן שטאַרק פרום, אַזוי האָט ער אָפּגעהיט די קינדער זיינע, זיי זאָלן דערצויגן ווערן שטרענג רעליגיעז. אַזוי איז ד. אַוועקגעשיקט געוואָרן לערנען אין נאָוואַרעדאָק, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיינע מוסרניקעס.

צו 13 יאָר האָט ד. א. אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעיש. ער איז אָבער זיך צונויפגעקומען מיט אַרבעטערס, סאָציאַליסטיש געשטימטע, און איז אַוועק צום „בונד", אָנהייבנדיק דרוקן אין 1904 אין פּאַרטיי־צייטונגען און זשורנאַלן. שנעל פּאָפּולער געוואָרן ווי אַ ליריקער. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג, שטילע געזאַנגען (ווילנע 1909, זייטן 46, איבערגעדרוקט 1910, וואַרשע, זז' 64), איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק און לייענערס מיט באַגייסטערונג.

*

דוד איינהאָרן איז אָנגענומען ווי אַ שרייבער פון „בונד", כאָטש ער פאַרנעמט זיך גלייך אין די ערשטע יאָרן פון זיין דיכטערישן שאַפן אויף אייגענע וועגן, ווי אַ פאַרבענקטער נאָך טראַדיציאָנעלער יידישקייט, פון וועלכער ער איז אַוועק און וואָס ער האָט געזען אונטערגיין. זיין ליד „די בעריאָזקע" איז געוואָרן איינע פון די באַליבטסטע לידער פון יידישן געזאַנגרעפּערטואַר, פונקט ווי שפּעטער זיין „וויגליד" און זיינע לידער וועגן יידיש, וועלכע זיינען רעציטירט געוואָרן אַ סך יאָרן אין אַלע יידישע שולן.

נאָך זיין צווייט בוך, מיינע לידער, (נאָך דער 1טער אויפלאַגע, ווילנע 1912, פון 56 זייטן, איז באַלד, אין 1913, געקומען אַ צווייטע אויפלאַגע), איז זיין נאָמען פון אַלעמען אָנגענומען געוואָרן ווי אַן אָנזאָג פון אַ נייער ווענדונג אין דער יידישער פּאָעזיע.

פאַר זיינע פאַרבינדונגען מיט די רעוואָלוציאָנערע קרייזן זיצט ד. א. אין 1912 אַ האַלב יאָר אין ווילנער טורמע און מוז פאַרלאָזן רוסלאַנד. צו ערשט וווינט ער אין פראַנקרייך, דערנאָך אין

שוויץ. אין אָט די נײַע סביבות זײַנען אין אים פֿאָרגעקומען גרויסע שינויים. ער ווײַזט זיי אין שפּיל צביה (אַרײַן אין בוך צו אַ יידישער טאָכטער, ניו־יאָרק 1917), אַן אידייען־אויסטויש צווישן אַלט־יידישער אינטערפּרעטאַציע פֿון שיינקייט, ליבע, עראָטיק, און גריכישער אויפֿפֿאַסונג.

בײַם סוף פֿון 1טן וועלטקריג באַזעצט זיך איינהאָרן אין וואַרשע. ער אַרבעט ווידער מיט אין אַלע אויסגאַבעס פֿון „בונד", אין צײַטונגען, ווי אין זשורנאַלן, רעדאַקטירנדיק זײַן אַרבעטער־לוח און אונדזער גרוס. און אויפֿן אָרט פֿון ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן, אין וועלכע ער האָט פֿריִער זיך באַטייליקט, ווי אין ווילנער ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן (1908), זשיטלאָווסקיס דאָס נײַע לעבן (ניו־יאָרק 1913), ש. ניגערס יידישע וועלט (ווילנע 1914), ווערט ער אַ פּערמאַנענטער מיטאַרבעטער פֿון נ״י פֿאָרווערטס און דרוקט אויך פֿון צײַט צו צײַט אין די צוקונפֿט, איבער הויפּט אַרטיקלען, פֿעליעטאָנען, זכרונות און... פּאָלעמיק.

דאָס בוך שוואַרץ־רויט (בילדער און געדאַנקען, וואַרשע 1920) כאַראַקטעריזירט זײַן זשורנאַליסטישע נייגונג — צו אַ נײַעם שרײַבערישן פּעריאָד.

*

פֿאַרן אַריבערגיין צו אַ נאָך ברייטערער זשורנאַליסטישער אַרבעט האָט ד. א. אונטערגענומען אַ קאַמף קעגן „די יונגע" אין פּוילן, איבער הויפּט קעגן די געקומענע פֿון די סאָוועטישע קרײַזן. נאָך אין 1919 אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַלטער קאַציזנע „די תיבה", פֿריידיקנדיק אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף אָנגיין מיט דער קלאַסישער יידישער טראַדיציע פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון פֿרעמדע, נישט־יידישע ריכטונגען און טעמעס. דאָס זעצט ער פֿאָר (בשותפות מיט פֿישל לאַכאָווער) אין זשורנאַל „די עפּאָכע".

א. גייט־אַריבער ווינען אין בערלין. זײַן אינטערעס צום איבערזעצן תנ״ך ווערט פֿאַרשטאַרקט און ער דרוקט זײַנע אויפֿטוען אויף דעם פֿעלד (1922). א., וועלכער האָט נאָך אין וואַרשע איבערגעזעצט וויקטאָר הוגאָס ראָמאַן „דאָס 93סטע יאָר", זעצט־איבער אין בערלין עלזאַ לאַסקער־שילערס „דער וווּנדער־רב פֿון באַרצעלאָנאַ". עס דערוואַכט אין אים די אידיי אַנטקעגנצושטעלן זיך דער פּאָעזיע פֿון „די יונגע" אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און פּוילן דורך זײַן פּאָעמע רעקוויעם, נאָך די צען מיליאָן קרבנות פֿון דער 1טער וועלט־מלחמה.

*

מיטן אויפֿקום פֿון די יידישע פֿאָלקשולן אין פּוילן איז איינהאָרן אינספּירירט געוואָרן צו שרײַבן פֿאַר יידישע קינדער, און אי זײַנע מעשהלעך זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן ענטוזיאַסטיש פֿון די יידישע לערערס, אי זיי זײַנען דערשינען אין פּוילן אין באַזונדערע ביכעלעך: קאָרן־שוועסטערלעך, אַ מאַמעס טרערן, זיבן שטומע פֿייגעלעך און אַנדערע. אַ ריי פֿון זיי זײַנען דער־

שינען אין איבערזעצונגען, איבער הויפּט אין ענגליש.

*

אין 1924 באַזעצט זיך א. אין פּאַריז און פון דאַנען ווערט פאַרשטאַרקט זײַן קאַמף קעגן די ייִדקאָמוניסטן. זײַן ביכל אַן אָפענער בריוו צו הער אַלגין (נ״י 1924) פאַרטיפט נישט בלויז זײַן קעגן, נאָר אויך זײַן קאַמף פאַר — צוריק צו די ייִדישע טראַדיציעס. אין הונדערטער אַרטיקלען דריקט דאָס ד. א. אויס אין „פאָרווערטס“, וווּ ער ענ־דיקט־אויס זײַן פּרוכטיקע פּובליציס־טישע אַרבעט מיט אַ גרויסער צאָל קאַ־פּיטלען צווישן צוויי וועלטן, זכרונות פון זײַן לעבן, פון זײַנע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן פון דעם ייִדישן לעבן במשך אַ האַלבן 20־סטן יאָרהונדערט.

אין דעם צײַטאָפּשניט זײַנען דער־שינען: געזאַמלטע לידער (188 זז׳, בערלין 1925), וויאַלעט (103 זז׳, פּאַריז 1930), פון בערלין ביז סאַן פראַנסיס־קאָ (304 זז׳, וואַרשע 1930).

*

ווען די נאַציס זײַנען געשטאַנען בײַ די טויערן פון פּאַריז, איז איינהאָרנען געלונגען צו אַנטלויפן קיין ניו־יאָרק (1940). די שווערע איבערלעבונגען דריקט א. אויס אין אַ צאָל לידער וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין בוכ־פאָרעם א״ט אָב הרחמים (64 זז׳, נ״י 1948), אַ יזכור נאָך חורבן אייראָפּע.

אין נ״י 1952 דערשײַנט אַ נײַער באַנד געזאַמלטע לידער (272 זז׳), אַן אָפּקלײַב פון אַלע לידער, 1904—1951, אילוסטרירט פון זײַן זון בן איינהאָרן.

אין נ״י האָט א. אויך געדרוקט אין „קינדער־צײַטונג“ קינדער־מעשהלעך אין פּראָזע, אַ מעשהלע וועגן די ל״ו צדיקים, דער וואונדערלעכער קלעזמער.

דוד איינהאָרן האָט מיט זײַן שאַרפן קריטיקירן ראַדיקאַלע אידייען און זײַן אייגענע פּאַרטיי אַרויסגערופן אַ טיפע אומצופרידנקייט צווישן אַ סך פון זײַ־נע אַמאָליקע פאַרערערס און ער איז דורך דעם פאַראייַנזאַמט געוואָרן. און אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט איז ער אַוועק דעם 2טן מאַרץ 1973 אין עלטער פון 87 יאָר.

# 1

## אן עלנטער פון דער ווייטן

# מיין היים

מײַן נשמה געהערט,
מײַן נשמה געהערט
צו מײַן שטעטל וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
זייער ווייניק איז דאָרט
פֿאַר אַ גליקלעכן אָרט.
פֿאַר דערפֿאַר איז דאָרט הויך,
טיף דער הימל אָן ברעג.
און עס ציט זיך דורך אים
גאָטס געשטערנטער וועג.
און בײַ נאַכט, ווער עס וויל
אין גאָטס פּאַלאַצן זײַן,
מאַכט דאָס פֿענצטערל אויף,
קוקט אין הימל אַרײַן.

נישט דער ווײַנגאָרטן בליט,
נישט דער גאָלדעפּל גליט
אויף די פֿעלדער צעשפּרייט,
ווען אַ ווינטעלע ווייט,
כוואַליעס שטיל זיך פֿאַרשעמט
אונדזער אָרעמער ברויט.
דאָך געבענטשט זאָל ער זײַן
מער פֿון בוימל און ווײַן,
ווײַל ער שיצט אונדזער הויז
און דערקוויקט אונדזער זעל,
און דערלאָזט נישט די בויט,
וועלכע היט אונדזער שוועל.

און פֿאַרטראַכט איז דער וואַלד,
תמיד טונקל און קאַלט,
אומעט דרעמלט אין שויס
פֿון זײַן ביימער־גערויש.
נישט קיין יעגער־געזאַנג,
נישט קיין לוסטיק געקלאַנג —
אין אוראַלטן געשפּרעך
פֿון די סאָסנעס אין הייך
ווערט דאָס פֿויגל־געזאַנג
אויך פֿאַרטרויערט און ווייך.

דאָך מיר נאָנט איז זײַן ליד,
וואָס עס פֿליסט אַזוי מיד
אין מײַן אוראַלטער זעל.
אין דער זעל פֿון אַ ייִד
איז פֿאַראַן אַזאַ קוועל,
וועלכער פֿליסט ווי דאָס ליד:
נישט עס רוישט, נישט עס
ברויזט,
נאָר עס שטראָמט און עס קוועלט,
ווי די בענקשאַפֿט נאָך גאָט,
ווי דער צער פֿון דער וועלט.

מײַן נשמה געהערט,
מײַן נשמה געהערט
צו מײַן שטעטל וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.
דאָרטן, שטיל, אין אַ טאָל,
האָט מײַן זיידע אַמאָל,
אויף זײַן וועג דורך דער וועלט,
זײַן מנוחה געווילט,

און דעם טרויער דערהערט,
און דעם באָדן באַטרערט,
און דערנאָך, אין זײַן טרוים,
אין זײַן אַלטן, פֿאַרקלערט.

מײַן נשמה געהערט,
מײַן נשמה געהערט
צו מײַן שטעטל וואָס ליגט
אויף דער ליטווישער ערד.

## די בעריאָזקע

רויִק, רויִק שאָקלט איר ס'געלאָקטע, גרינע קעפּל,
מײַן ווײַסינקע בעריאָזקעלע, און דאַוונט אָן אַ שיעור.
יעדעס, יעדעס בלעטעלע אירס שעפּטשעט שטיל אַ תּפֿילה...
זײַ שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פֿאַר מיר!...



צייכענונג פון י. שלאָס

איך בין דאָ אַן עלנטער געקומען פֿון דער ווײַטן,
פֿרעמד איז מיר דער גאָט פֿון דאַנ׳ און פֿרעמד איז מיר זײַן שפּראַך,
נישט ער וועט מײַן טרויער זען און נישט פֿאַרשטיין מײַן תּפֿילה,
כאָטש איך וועל מתפּלל זײַן, מתפּלל זײַן אַ סך.

פון דעם ווײַטן מערבֿ האָט זיך טרויעריק פֿאַרגנבֿעט
אין די דינע צווײַגעלעך אַ ראָזער, צאַרטער שטראַל
און אַ לײַכטן קוש געטאָן די בלעטעלעך, די קליינע,
וועלכע האָבן דרעמלענדיק געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

Lento (פאַמעלעך)



פון די ברייטע פעלדער איז אַ ווינטעלע געקומען
און דערציילט די בלעטעלעך לעגענדעס אָן אַ שיעור...
עפּעס האָט אין האַרצן טיף בײַ מיר גענומען בענקען:
זײַ שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויף פאַר מיר!...

## מײַן ליד

מײַן ליד איז געפֿאַנגען אין ריטעם פֿון טרױ׳ריקע, שטילע גערזאַנגען,
עס סודען די װערטער, װי בלעטער װאָס װעלקן און פֿאַלן פֿון בױם;
עס ציִען זיך פֿערזן נאָך פֿערזן, װי בײטן מיט שפּעטיקע זאַנגען
פֿון אונטער אַ הימל אַ גרױען, װאָס זיפֿט מיט אַ רעגעלע קױם...

אַזױ אַ מחנה יתומים, װאָס בלאָנדזשען אָן טאַטן אָן מאַמען —
אַזױ זוכן־אום מײַנע לידער — אַ זעלע װאָס זאָל זײ פֿאַרשטײן,
און שטיל אין דער װעלט, מיט דער עלנטער, אײנזאַמער שכינה צוזאַמען,
באַקלאָגן זײ פֿאַר זיך דעם חורבן און זוכן אַ טרײסט אין געװײן.

פֿאַרװאָגלט אײַך, לידער, פֿאַרװאָגלט! געפֿינט װוּ אַ שול אַ פֿאַרלאָזטע,
װוּ ס׳דאַװנען די פֿײגעלעך שחרית, און מעריבֿ — דער נאַכטיקער װינט.
פֿאַרװאָגלט אײַך! טאָמער געפֿינט זיך נאָך דאָרטן אַן אױג אַ פֿאַרטרערטע
און ס׳מורמלט נאָך „טאַטע״ און „מאַמע״ אױף ייִדיש אַ ייִדישע קינד.

## ל י ט ע

עס האָט מיך געפֿאַנגען דער אומעט, װאָס שװעבט אױף די טונקעלע פֿעלדער
און רוט אױף די אײנזאַמע בײמלעך, װאָס שטײען צעװאָרפֿן אױף זײ;
דער קלאָרער, פֿאַרטרױערטער הימל, װאָס קוקט אַ פֿאַרװײנטער אַרונטער
דורך װײַסלעכע, זײַדענע נעפּלען, דערפֿילט מיט אַ צערטלעכן װײ;

די ראָזע און שטילע פֿאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאַסן, אַ קרענקלעכן שײַן;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף, ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן;
די טעג, וואָס דערשײַנען פֿאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זײַן;

די שמאָלינקע טײַכלעך, וואָס בלאָנדזשען פֿון אונטער ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קלײנע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אומענדלעכע
שטרעקעס,
ווי אײנציקע ליכטיקע טרוימען אין תהום פֿון אַ שוואַרצן געפֿיל.

עס האָט מיך פֿאַרכּישופֿט דאָס לאַנד, ווו די זון קוקט־אַרויס
דורך אַ נעפּל;
דאָס לאַנד, ווו עס קומען קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך
קײַקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וואָס בענקט אין אַ טרויער און האָפֿט אין זײַן
שטענדיקן צווייפֿל;
דאָס לאַנד, ווו עס האָט זיך געוועבט מײַן פֿאַרבענקט און
פֿאַרחלומטע ליד.

1906

## פון יידישן געסל

1

דאָס ענגע געסל האָט פֿאַרהילט אַ זײַדן שאָטן,
אַ וואַרעם ווינטל האָט די הײַזעלעך פֿאַרוויגט,
ווי קלײנע קינדערלעך, דערשראָקענע צוזאַמען,
אַ דעכל בײַ אַ דעכל שטייען זיי געדריקט.

אַ מילדער, געלבער שײַן צעגיסט זיך פֿון די פֿענצטער
און וועבט זיך הימלעך אײַן אין פֿאָרהאַנג פֿון דער נאָכט.

פֿון אַלטן קלויסטער קומען אײַנזאַם — ווײַטע קלאַנגען,
וואָס שוועבן אויף דעם ענגן געסעלע פֿאַרטראַכט.

ווי שטיל עס איז אַרום... עס ציטערן די שטערן.
די שכינה אָטעמט־אָפּ אין טיפֿן, בלויען רוים.
אַ שמייכל שוועבט אויף איר פֿאַרטרויערט בלאַסן פּנים...
און אויף דעם געסל רוט אַ בענקענדיקער טרוים.

2

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. אַ צערטלעכער געלעכטער.
אַ שעמעוודיקער קוש. אַ לײַכטער דריק אין האַנט.
אַ פֿענצטערל אַ קליינס, אַ ביימעלע אַ יונגס.
אַ ווייכע באַנק פֿון גראָז, וואָס טוליעט זיך צום וואַנט...

אַ טונקל־בלוי געוועלב מיט גינגאָלדענע שטערן.
אין שטילקייט פֿון דער נאַכט דאָס זשומען פֿון אַ גריל.
אַ ווײַטער רויש, וואָס קומט צו שווימען פֿון דעם טײַכל.
אַ ווינטעלע אַ שטילס, וואָס גליטשט זיך אויפֿן גראָז...

דער ברעג פֿון האָריזאָנט, וואָס הייבט שוין אָן צו בלייכן.
אַ ווײַסער טיול, וואָס הילט דאָס ענגע געסל אײַן.
אַ לעצטער, לאַנגער קוש. אַ שטילער קלאַפּ אין לאָדן.
און נאָך דעם ווײַטע טריט, וואָס קלינגען־אָפּ געהיים.

1908

## אָמר אַביי

אין דרויסן איז פֿרילינג. אין דרויסן איז וואַרעם...
עס ציִען זיך שטראַלן, ווי גאָלדענע פֿעדעם,
ווי גליקלעכע רגעס אין אייביקן אומעט,
און נעמען ווי אָרעמס פֿאַרליבטע אַרומעט,

אוּן גלעטן די באַקן, און קושן די אויגן,
און ווערן אין ליכטיקע נעצן צעצויגן.

אין דרויסן איז פֿרילינג. עס שמייכלט די זון
דורך די בלאָטיקע שײַבלעך פֿון אַלטן בית־מדרש:
אַ פֿאַליע פֿון גאָלד האָט פֿאַרשעמט דעם נר־תּמיד,
ער קוקט איצט אַרויס פֿון די שטראַלן, די יונגע,
אין כּעס מיט זײַן אייביקן רויִקן פֿלעמל,
אַזוי ווי אַן אַלטער, אַ שוואַכער קנאי
אויף פֿריילעכע, יונגע, צעלאָזענע קינדער.
אַפֿילו די יאָרצײַט, וואָס ברענט אויפֿן עמוד,
האָט ערגעץ באַהאַלטן איר שײַן נאָך אַ טויטן,
אַזוי ווי צווישן אַ מחנה צדיקים —
אַ שטילער, פֿאַרשעמטער, פֿאַרטריבענער זינדער.
ווי גוט עס איז איצט אויף דער לאָנקע, ווי וואַרעם...
דאָס וואַסער אין טײַכל — ווי קלאָר און ווי זויבער!
אַרום, אויף די פֿעלדער, צעשפּרייט זיך אַ צויבער.
און דאָ, אין בית־מדרש, איז אַלץ נאָך פֿאַרטרויערט,
אַן אייביקער צער פֿון די ווינקעלעך לויערט
און קוקט מיט פֿאַרדראָס אויף די שטראַלן, די נײַע:
— אוי, אָמר אַבײַי! אוי, אָמר אַבײַי!

נאָר קומען די נאַכט וועט מיט זילבערנע שטראַלן,
מיט וואַרעמע ווינטלעך, מיט גוטע חלומות,
און איך וועל פֿאַרמאַכן די אַלטע גמרא,
פֿאַרלאָזן דעם גרויסן, פֿאַרקלערטן בית־מדרש
און גיין אויף דער לאָנקע, וווּ גרעזעלעך וואַקסן...
דאָרט וועלן שוין וואַרטן אויף מיר פֿיר באַקאַנטע:
מײַן טײַערע ליבע, מײַן שיינע הדסה,
אַ ווערבע אַ שטילע, אַ טײַכל, אַ קלאָרס, —
און אויבן אַ גוטע לבֿנה, אַ בלאַסע.

דערוויַל איז נאָך טאָג, די גמרא איז אָפֿן...
האָב כּוח אויף וואַרטן, האָב קרעפֿטן אויף האָפֿן,
און לערן, ביז קומען די שעה וועט, די פֿרײַע...
— אוי, אָמר אַבײַ! אוי, אָמר אַבײַ!...

1906

# אידיליע

איך וויל, אַז מײַן ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגן, אַ ייִדישן געסל,
ווו ס'שטייען די הײַזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פֿון שעפּסן, ווען ס'שרעקן זיי וועלפֿישע צײנער.
אַן עדות זאָל זײַן די לבֿנה, און קיינער,
חוץ מיר, זאָל נישט קענען פֿאַרנעמען די קושן,
וואָס וועלן זיך טראָגן וואָס העכער און העכער
צום ליכטיקן הימל, צום בלוילעכן אָפּגרונט,
וווּהין עס וועט קוקן מיט בליקן פֿאַרבענקטע
די, וועלכער כ'וועל שענקען מײַן ליבע.

און ווען איך וועל גיין מיט מײַן ליבסטער שפּאַצירן,
זאָל אונדז נישט באַגלייטן דעם נאַכטיגאַלס טרעלן,
נאָר שטיל זאָל זיך טראָגן פֿון ערגעץ אַ ווײַטן,
אַ טונקל באַלויכטענעם, ניד'ריקן פֿענצטער,
אַ שטילער, פֿאַרטרויערטער ייִדישער ניגון,
וואָס זאָל אין אַ חלום אַ ווײַטן פֿאַרוויגן,
אַ חלום פֿון זיסע און צערטלעכע שמאַרצן,
און טיפֿע, נאָך נישט קיין באַוווּסטע פֿאַרלאַנגען,
וואָס שוועבן ווי עכאָס פֿון אײנזאַמע קלאַנגען,
פֿון וועלכע עס וועבט זיך מײַן ליבע...

און זײַן זאָל מײַן ליבסטע אַ בלאַסע, פֿאַרקלערטע,
מיט אויגן פֿאַרחלומטע, אָפֿענע, צאַרטע,
און בלוי, אַזוי ווי אין פֿרילינג דער הימל,
וואָס קוקט דורך אַ דורכזיכטיק שלייער פֿון טיולן;
מיט שוואַרצע, צעוואָרפֿענע, זײַדענע לאָקן,
וואָס זאָלן באַזוימען איר פּנים, דאָס בלאַסע,
וואָס רעדט נישט פֿון טויט און פֿון בלומען וואָס וועלקן,
נאָר עפּעס פֿון שטילע, באַהאַלטענע קרעפֿטן,
וואָס רײַסן באַהאַלטענערהייט זיך צום לעבן,
אין פּערל פֿון ריינע, קרישטאָלענע טרערן,
וואָס פֿאַלן, און פֿאַלן פֿון ליבע.

און זײַן, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פֿון יענע
געבויגענע, פֿינצטערע, אָרעמע הײַזלעך,
ווו ס׳לעבט און עס לײַדט די זעל פֿון מײַן אומה,
ווו ס׳ריידן פֿון שמאַרצן נאָר בליקן נאָר שטומע.
און האָבן זאָל זי אויך אַן אַלטינקע מאַמען
מיט אויגן וואָס וויינען און קושן צוזאַמען,
מיט בייניקע הענט, וועלכע האַלטן אין גלעטן,
מיט טרוקענע ליפּן, וואָס שעפּטשען נאָר ברכות.
און ליב זאָל זי האָבן איר אָרעמע מאַמע —
די, וועלכע וועט בענטשן מײַן ליבע.

און שטיל, אין אַ קליינינקן קאַמער, אין ערגעץ
אַ קליינעם, געבויגענעם, פֿינצטערן הײַזל,
זאָל אונדז דערנאָך בענטשן אַ גרײַזגרויער זיידע,
וואָס וועט אונדז דעם חלום פֿון פֿאָלק איבערגעבן,
צו טראָגן אים ווײַטער מיט גלויבן אין לעבן.
און מוטיק, געאָרעמט, זאָל איך מיט מײַן ליבסטער
אַוועקגיין צום לײַדנדן פֿאָלק און אים שענקען
1905 די אײביקע, הייליקע ליבע...

## אין אַ פאַרכישופטן קרייז

(פון בוך „צו אַ ייִדישער טאָכטער״)

עס רינגלען מיך אַרום אַ קרײַז פון שיינע פרויען,
פאַרשיידן אין געשטאַלט, אין פּאָזע און אין קלייד.
און אַלע זײַנען גרייט מיר פרײַ זיך צו פאַרטרויען,
דערפילן מײַן פאַרלאַנג אין אַלע אַרטן פרייד.

דאָך וווּנדערלעך, אין שײַן פון ראָזן תּאווה־ליכט,
פאַרמאָגן אַלע גלײַך דײַן צניעותדיק געזיכט.

אָט וויגט זיך פרײַ פאַר מיר אַ יונגע באַיאַדערע.
איר קערפּער, ווי אַ שלאַנג, באַוועגט זיך ריטמיש שטיל.
און פון דעם בונטן שמוק און ברוינעם גלידערשפּיל
צעפלאַקערט זיך אַרום די גאַנצע אַטמאָספערע.

אָט וואַרף איך זיך צו איר, אָט קוש איך זי און דריק —
נאָר פּלוצלינג שײַנט מיר אויף דײַן צניעותדיקער בליק.

דער גאָלדשמוק אויף די בריסט פאַרוואַנדלט זיך אין טיכער,
די פאַלבן פאַלן שטרענג און הילן אַלצדינג אײַן,
די ליפּן זײַנען פול און פעסט געדריקט אין פּײַן
און שטיל פאַרגליווערט רוט דער שוואַרצער לאָקן־וויכער.

נאָך פלאַטערנדיק אין פלאַם פון ערשטן תּאווה־ברי —
שוין פאַל איך בעטנדיק צו איר אויף מײַנע קני.

און ליגנדיק אַנטציקט פאַר די פאַרהילטע גלידער,
אין שטרענגן נאָנענקלייד, אין שוואַרצן, קאַלטן טוך,
באַהאַלטן מערקט מײַן אויג דײַן קליין געטאָקטן שוך
און ס'אײַנגעצוימטע לוסט באַהערשט מײַן תּפילה ווידער.

און ווידער זע איך זי נאָך מיידלש אומבאַוווסט,
זיך נייגנדיק צו מיר אין האַלב דערוואַכטער לוסט.

דאָס שוואַרצע נאָענקלייד ווערט פֿאַר מײַן אויג דורכזיכטיק
און פּרעכטיק קוקט־אַרויס דאָס ווײַסע לײַב פֿון איר.
די יונגע שלאַנקע פֿיס — זיי ציטערן צו מיר,
און אַלצדינג ווערט אַרום ווי אָנגעצונדן ליכטיק.
אָט פֿליק איך אויף דאָס טוך; דער קערפּער שטראַלט אין ליכט,
נאָר — גאָט! — עס שמייכלט מיר דײַן מוטערלעך געזיכט...
גלײַך ווי אַ יונגע בלום, וואָס עפֿנט־אויף איר בעכער
דער הייסער פֿרילינגזון, זיך זעלבער אומבאַוווסט,
פֿון לעבן ווי באַרוישט, דערפֿילט מיט יונגער לוסט,
דערהייבט זי שטיל צו מיר איר פֿולן כּוס אַלץ העכער.
און איידער איר האָט נאָך באַרירט מײַן הייס באַגער —
געקילט מײַן בוזעם האָט דײַן שוועסטערלעכע טרער.
און ווידער דעק איך צו געהייליקט אירע גלידער,
דאָס טוך איז אָבער ווײַס, און זי איז ווי אַנטציקט.
די באַקן רויטלען זיך, די ברעמען פֿאַלן נידער,
איר קערפּער איז פֿאַרשעמט, איר זעלע איז באַגליקט.
און דרעמלענדיק אין לוסט צעוויקלט זי די פֿליטער,
די היפֿטן ווערן רונד און מיך נעמט־דורך אַ ציטער.
דאָס איז דער פֿריִער האַרבסט, די רײַכע, פֿולע שיינקייט,
די שלאַנקע, רונדע פֿיס, די אויפֿגעבליטע בריסט,
דער פֿולער, פֿעסטער גוף, וואָס שטורעמט און געניסט,
אַנטהילט פֿון יוגנטקלייד און אומבאַוווסטער ריינקייט.
אָט וואַרף איך זיך צו איר ווי צו אַ צײַטיק פֿרוכט —
און ווידער האָט זיך מיר דײַן ריינער בליק געדוכט.
עס רינגלען מיך אַרום אַ קרײַז פֿון שיינע פֿרויען,
פֿאַרשיידן אין געשטאַלט, אין פּאָזע און אין קלייד.
און אַלע זײַנען גרייט מיר פֿרײַ זיך צו פֿאַרטרויען,
דערפֿילן מײַן פֿאַרלאַנג אין אַלע אַרטן פֿרייד.
דאָך ווונדערלעך, אין שײַן פֿון ראָזן תּאווה־ליכט,
פֿאַרמאָגן אַלע גלײַך דײַן צניעותדיק געזיכט.

## ווי ווייט דו זאָלסט נישט זיין

ווי ווײַט דו זאָלסט נישט זײַן, וועל איך דיר שיקן גריסן.
דו ביסט די לעצטע, וואָס דערמאָנט מיך אין אַ היים.
און אויסער דיר — וויל קיינער מיך נישט וויסן,
און אויסער דיר — דערמאָנט מען מיך דאָ קוים.

און זאָל איך וועלן דאָ אָן דיר אַ ווינקל האָבן,
און זאָל מײַן קאָפּ, חוץ דיר, דאָ אויפֿזוכן אַ שויס,
ווייס איך נישט וווּ מײַן זיידע ליגט באַגראָבן,
ווייס איך נישט וווּ עס איז מײַן טאַטנס הויז.

מײַן וועג צוריק צום וויג איז פֿול מיט טיפֿע גריבער,
און אָפּגעברענט איז שוין דעם זיידנס שול פֿון לאַנג.
און אויב איך בענק וואָס — איז עס צו דיר אַריבער,
און אויב איך זינג נאָך ווען — צו דיר איז מײַן געזאַנג.

1910

## טרויעריקע געדאַנקען

געגרייט מיטן וואַנדערער־שטעקן דאָ שטיי איך
פֿאַרלאָזן. עס פֿרעגט מיך נישט קיינער, וווּ גיי איך.
און גלײַך ווי אַ פֿויגל, וואָס ציט זיך צו דרום,
צעשפּרייט איך צו דיר אין מײַן בענקשאַפֿט דעם אָרעם.
איך רוף דיך באַהאַלטן בײַ מיר אין מײַן זינען —
צי וועל איך געפֿינען?

איך האָב דײַנע טריט אויפֿן גראָז, אויפֿן ווייכן,
בײַ מיר אין מײַן גאָרטן גענומען אַלס צייכן.
וואָס ווײַטער, וואָס ווײַטער האָב איך זיי פֿאַרלאָרן...
דאָ שלענגלט אַ טײַכל, דאָ כוואַליעט זיך קאָרן.

איך שטיי ביז עס הייבן מיר טרערן אָן רינען —
צי וועל איך געפֿינען?

ווער ווייס, ווו מײַן אומענדלעך וועג וועט מיך פֿירן,
און בלאָנדזשענדיק קען איך דײַן בילד נאָך פֿאַרלירן,
און קומענדיק ווען צו דײַן שוועל שוין אַ מידער,
אַ קראַנקער, צו זוכן אַ רו פֿאַר די גלידער,
וועל איך פֿאַר אַ ווינקל, פֿאַר עסן דיר דינען,
נישט וויסנדיק ווער, און בלײַבן און פֿרעגן —
צי וועל איך געפֿינען?

1910

# אַ חלום

אַ פֿרעמדע שטאָט, אַ נעץ פֿון גאַסן,
איך גיי און גיי און זוך אַ טיר,
וואָס זאָל מײַן שטילן קלאַפּ דערקענען
און זאָל זיך עפֿענען פֿאַר מיר.

איך גיי פֿון שטוב צו שטוב אָן ענדע,
בײַ יעדער — בלײַבט די טיר פֿאַרמאַכט;
אָט קלאַפּ איך, דאַכט זיך, אין דער לעצטער
און בעט אַן אָפּרו אויף דער נאַכט.

איך שטיי און קלאַפּ, עס פֿאַלן שאָטנס,
עס ציִען וואָלקנס זיך אין הייך.
אָ, גאָט, די לעצטע טיר זי רירט זיך...
עס פֿרעגט אַ פֿרויענשטים מיר ווייך.

די טיר זי עפֿנט זיך אין גאַנצן,
עס הילט מיך אײַן אַ צאַרטע ליכט,

עס שטייט אַנטקעגן מײַן געליבטע,
אַ שמייכל שוועבט אויף איר געזיכט.

אין האַנט האַלט זי אַ ליכט, די צווייטע —
זי נעמט־אַרום מײַן מידן קאָפּ.
איך פֿאַל און קוש די שוועל די לעצטע,
פֿון לעצטן ווינקל, וואָס איך האָב.

1910

## אַ וויגליד

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
שלאָף, מײַן טײַערער, און רו;
ווייל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קען מען נאָך געפֿינען,
אַלצדינג קריגט מען דאָך פֿאַר געלט;
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
מער נישט איינע אויף דער וועלט.

דאָס איז דאָך אַ גאָטס מתּנה,
ווען עס איז נאָר באַשערט.
ווי איז דעם, וואָס האָט קיין מאַמען
אויף דער גרויסער, וויסטער ערד!...

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי דער צער זאָל זײַן נישט גרויס,
תּמיד קען מען אים פֿאַרוויגן
אין דער מאַמעס שטילן שויס.

אַליע־ליוליע, אַליע־ליוליע —
ווי די זינד זאָל זײַן נישט שווער,
אַפּוואַשן וועט תּמיד קענען
זי דער מאַמעס ריינע טרער.

שלאָף, מײַן טײַערער, מײַן ליבער,
מאַך די אויגן צו און רו!...
ווויל איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמען —
אַליע־ליוליע־ליו!...

1910

## בטחון

אַ שטילע נאַכט.
אַ שטערן פֿאַלט
פֿון הימל טיף
און ווערט נישט באַלד...
איך הייב מײַן אויג
און נייג מײַן קאָפּ;
מײַן היטער וואַכט
און היט מיך אָפּ;
מײַן היטער וואַכט,
מײַן היטער וואַכט...
און שיקט זײַן גרוס
מיר דורך דער נאַכט.

דער וועג איז ווײַט
און איך בין מיד;
די שטילע נאַכט,
זי זינגט איר ליד.

פֿאַרטרוי דײַן קאָפּ
מײַן שטילן שויס
און שלאָף, און שלאָף,
אויף מאָרגן האָף:
דײַן וועג צום סוף
איז ווײַט און גרויס...

1911

# 2

# חלומות אין מדבר

## און גרויס איז דער מדבר...

און גרויס איז דער מדבר, אין וועלכן איך וואַנדער...
דאָס ווינטל פֿאַרווייעט מײַנע עלנטע טריט.
אַך, ווינטל, דו ווינטל, פֿאַרווי ניִשט די צייכנס,
די צייכנס וואָס ווײַזן אַז איך האָב געלעבט...

און ברייט איז דער מדבר, נאָר ענג איז אין האַרצן,
און אָפֿט מאָל פֿון ענגשאַפֿט שטיל קאַפּעט אַ טרער...
אַך, זעמדלעך, איר זעמדלעך, ניִשט שלינגט־אײַן די טרערן —
די צייכנס וואָס ווײַזן, אַז איך האָב געבענקט.

הויך, אויבן, צעשפּרייט זיך אַ פֿינצטערער הימל...
איך פֿיל, ווי עס רוקט זיך אַלץ נענטער דער טויט.
פֿאַרשיט מיך, דו ווינטל! אַך, שלינגט מיך אײַן, זעמדלעך!
זאָל קיינער ניִשט וויסן דעם סוף פֿון מײַן וועג...

1915

## עס ווערן געבוירן חלומות...

עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן,
ווי בלומען אין מיטן דעם בליִען,
וואָס ווערן געריסן אין פֿרילינג־יום־טובֿים
אויף קראַנצן
פֿאַר העלדן, פֿאַר שיינע וואַקכאַנקעס [1],
צו צירן — אין זייערע פֿריילעכע טאַנצן.

---

[1] (מיטאָלאָגישע פיגור) פריסטערינס בײַם גאָט פון ווײַן.

עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן,
ווי זאַנגען אויף גאָלדענע צײַטיקע פֿעלדער,
וואָס פֿאַלן אין גלאַנץ פֿון דער שטאָלענער קאָסע,
און נאָך דעם געבונדן אין גאָלדענע גאַרבן,
צעפֿירט מען זיי פֿריילעך מיט לידער אין שײַער.
פֿאַראַנען אויך טרוימען, וואָס ווערן פֿאַרגליווערט
אין שטיינערנע בילדער, אין פֿאַרבן אויף לײַוונט,
אין ביכער פֿאַרשטויבטע, אין שיינע געבײַדן...
זיי בלײַבן, ווי שטילע און שטומע מצבֿות
אויף קבֿרים פֿון אַלטע פֿאַרגעסענע טרוימערס,
ווו ס׳בלִיִען שוין אַנדערע פֿאַרביקע בלומען
און ס׳פֿאַלן די שאָטנס פֿון אַנדערע ביימער.

נאָר ווײ איז צו די, וועלכע ווערן געבוירן,
ווי שפּעטיקע בלומען אין קויטיקן האַרבסט;
וואָס שטייען געבויגן אין קעלט און אין טרויער
און ווערן מיט בלאָטיקע טראָפּנס פֿאַרגאָסן.
אַ פֿוס אַ פֿאַרשמוצטער וועט גלײַכגילטיק קומען
און וועט זיי צעטרעטן, די ליכטיקע טרוימען,
דערשטיקן זיי רוִיק און שטיל, ווי עס ווערן
דערשטיקט די נשמות פֿון יונגינקע פֿרויען
אין די אָרעמס פֿון מאַנען — געקויפֿטע און אַלטע,
ווי זייערע ריינע פֿאַנטאַזיעס פֿון יוגנט;
אין קושן פֿון שמוציקע וועלקנדע ליפּן,
אַזוי ווי אַ שיינע, פֿאַרמשפּטע געטין,
וואָס מוז צו די נאָך בלִיִענדע ברוסטן
טוליען מיט עקל אַ קויטיקן שאַרבן —
עס ווערן געבוירן חלומות און שטאַרבן...

1907

## אין דער פרעמד

אַלץ איז מיר פֿרעמד, אַלץ איז מיר ווײַט,
נישטאָ קיין אָרט, וווּ בלײַבן דאָ
עס שײַנט די זון, דער הימל בלאָ,
נאָר מיר גייט יעדער שטראַל פֿאַרבײַ...
אַלץ איז מיר פֿרעמד, אַלץ איז מיר ווײַט.

די זון פֿאַרגייט
און פֿלאַקערט שטיל אין מערבֿ־זײַט.
איך שטיי און זע, ווי פֿײַן זי גליט
און גייט־אַוועק...
און פֿול מיט בענקשאַפֿט און מיט שרעק,
צעשפּרייט איך מײַנע הענט צו איר
און בעט זיך שטיל: — אַך, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פֿרעמד און אַלצדינג ווײַט.

פֿאַרגאַנגען איז די זון...
און טיף אין הימל גייט אַ פֿאַרבנשפּיל.
עס בלאָזט דער ווינט און פֿליט־אַוועק,
און כ׳בעט אים שטיל:
אָ, נעם מיך מיט, אָ, נעם מיך מיט!

געקומען איז די נאַכט.
עס רירט זיך נישט
קיין איינציק בלעטל פֿון קיין בוים.
דאָס טײַכל מורמלט נאָר געהיים
און שווימט־אַוועק...
און כ׳בעט עס שטיל: אָ, נעם מיך מיט!
דאָ איז מיר פֿרעמד און אַלצדינג ווײַט.

1906

# איך בייט די וווינונגען

איך בײַט די וווינונגען און בײַט די ערטער,
און וואַנדער, האָפּנדיק פֿון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפֿן וועל איך נאָך אַ מאָל מײַן יוגנט
און שטאַרבן קושנדיק איר צאַרטע האַנט.

עס שווימען טויזנטער, פֿאַר מיר, געזיכטער
אין גרויסן שטורעמדיקן מענטשנטאַנץ —
די שטילע האָפֿענונג — זי מאַכט מיך ניכטער,
די טיפֿע רויִקייט — זי מאַכט מיך גאַנץ.

עס ליגט די אייביקייט בײַ מיר אין האַרצן
און וועבט די פֿעדעם פֿון מײַן אַלטן טרוים,
און טרייסט און ווינקט צו מיר מיט שטערן ווײַטע
פֿון טיפֿן נעפּלדיקן לעבנס־תהום.

איך ווייס, עס דרעמלען נאָך אין זײַנע נעפּלען
די גרינע אינדזלען פֿונעם ווײַטן גליק.
און ס'לעבט אַן אויסלייזער פֿאַר אַלע מענטשן,
וואָס וועט נאָך אומקערן מײַן פֿרייד צוריק.

איך בײַט די וווינונגען און בײַט די ערטער,
און וואַנדער, האָפּנדיק פֿון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפֿן וועל איך נאָך אַ מאָל מײַן יוגנט
און שטאַרבן, קושנדיק איר צאַרטע האַנט.

# אײנזאַמע

אײנזאַמע !
װער װעט זיך טײלן מיט אונדזערע לײדן —
װער ?
דערטרונקען אין פֿינצטערע נעכט װעלן װערן
די בענקענדע טענער פֿון אונדזערע לידער,
און קײנער נישט,
קײנער,
װעט לאָזן אַ טרער . . .

אַ מײדל װעט אפֿשר אַ מאָל אונדז פֿאַרנעמען
און ס'װעט איר פֿון מיטלײד אין האַרצן פֿאַרקלעמען.
אַ פֿרײַנד װעט אַ מאָל, אפֿשר, זיפֿצן באַהאַלטן,
אַ קרובֿ װעט שענקען אַ טרײסטװאָרט אַ קאַלטן,
נאָר קײנער נישט,
קײנער,
װעט פֿילן דעם צער . . .

אײנזאַמע װעלן מיר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען,
און זוכן נישט װיסנדיק װאָס.
נאָר װײל איז צו די, װעלכע װעלן געפֿינען
אַ סטעזשקע, אָן דערנער, װוּ רױִק צו בלאָנדזשען:
אַ הײַזל אַ שטילס, װוּ טרױמען צו שפּינען,
אַ זאַמד צו דערשלינגען די טרערן װאָס רינען —
װײל איז צו די אױף דער װעלט ! . . .

1907

## צווישן די זאַנגען

צווישן די זאַנגען,
פֿון טרויער געפֿאַנגען,
זוך איך אַ שטעגל, וואָס פֿירט צו אַ היים.
די זון איז פֿאַרגאַנגען...
עס טראָגן זיך קלאַנגען
פֿון קלויסטער צו מיר,
און זאָגן:
„בײַ אונדז איז אַ היימאַט פֿאַר דיר...

עס שטייט אונדזער טורעם
באַשיצט פֿון אַ שטורעם
מיט דעמבעס אוראַלטע,
וואָס היטן זײַן רו.
מיר וועלן דיך וויגן,
אויף גראָז וועסטו ליגן —
עס וועט אונדזער ניגון
דיר וועבן דעם חלום
פֿון אייביקער רו...“

די קלאַנגען — זיי זײַנען געוואָרן אַנטשוויגן;
איך זע נאָר דעם גאָלדענעם צלם פֿון טאָל.
ער פֿינקלט אין פּורפּור
און ברענט ווי אַ פֿלאַקער
און שפּריצט אויף די ביימער מיט בלוט און מיט שטאָל.
אַט דאַכט מיר, אין שאָטנס, צווישן די שטאַמען
שטייט־אויף מיטן פֿינקלענדן נעפּל צוזאַמען
אַ גרײַזגרויער מאַן מיט אַ שטעקן אין האַנט.
די אויגן פֿול טרערן, מיט בלוט אויפֿן שטערן,
איין האַנט אין דער לופֿטן, ווי זי וואָלט זיך ווערן,

אַנטקעגן דער װײַסער, דער קלויסטערשער װאַנט.
אַט עפֿנט זיך, דאַכט מיר, דער טרויער פֿון קלויסטער.
פֿון װײַטן באַװײַזן זיך רײַטערס אויף פֿערד.
אַפֿריִער רײַט אײנער פֿאַרװיקלט אין שװאַרצן,
עס פֿלאַמט װי אַ פֿאַקל זײַן שטאָלענע שװערד.
עס טראָגן זיך טענער פֿון אָרגל.

**דער רײַטער**

דערנענט זיך צום אַלטן, װאָס ציטערט פֿאַר שרעק.
עס װאַרפֿט די לבֿנה איר זילבערנעם אָפּגלאַנץ
און װײַזט אים צװישן די שטאַמען דעם װעג.

עס טראָגן זיך טענער, עס צינדן זיך ליכטער,
עס פֿלאַמען, די פֿענצטער פֿון קלויסטער אַרום.
אַט הייבט ער, דער שװאַרצער, זײַן שװערד אויפֿן אַלטן,
דער אַלטער װערט שטאַלצער, פֿאַרגליװערט און שטום
עס שלײַכן מאָנאַכן פֿאַרװיקלט אין װײַסן,
עס ציִען זיך מאָגערע פֿינגער און רײַסן
אומשולדיקע ליליעס פֿון טויִקן גראָז.
די שװערד האָט דערגרייכט ביז דער ברוסט פֿון דעם אַלטן,
עס רוקט זיך זײַן ברוסט צו דעם שאַרף, צו דעם קאַלטן,
די ליפּן זײַ פֿלוכן דעם שװאַרצנס געבאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אויף די ליליעס, די װײַסע,
עס ציטערט דער קלויסטער פֿון לעצטן אחד!

— — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט איז אַראָפּ
און פֿאַרלאָשן די שטראַלן.
דאָס בילד איז פֿאַרשװונדן.
לעם [1] מיר, אויף אַ זאַנג.

[1] לעבן, נעבן, בײַ.

האָט שטיל זיך צעפֿינקלט אַ טראָפּן, אַ קלאָרער,
און קוקט אויף מיר עלנט, און קוקט אויף מיר באַנג.
אין ערגעץ פֿון ווײַטן דערגרייכט מיר אַ בת־קול
אַזוי ווי אַן עכאָ... מיר דאַכט, אַז איך הער:
זוך ווײַטער דײַן היימאַט!
נישט דאָ וועסטו רוען,
ווו ס׳טראָגן זיך תּפֿילות
בײַם גלאַנץ פֿון געווער,
ווו יעטוועדער קלאַנג איז דײַן זיידנס אַ קללה
און יעטוועדער טראָפּן — דײַן זיידנס אַ טרער.

## יעדער מענטש האָט דאָך...

יעדער מענטש האָט דאָך אין הימל זײַן שטערן,
יעדן איז אונטן זײַן וויגל באַשערט.
פֿאַלן־צו שאָטנס — דאַן טרייסט אים דער הימל,
ציִען זיך וואָלקנס, פֿאַרוויגט אים די ערד.

בלאָנדזשעט ער — פֿרעגט ער דעם וועג בײַ די שטערן;
ווערט ער פֿאַרמאַטערט, דאַן זוכט ער זײַן וויג;
מער נישט — איך אײנער האָב בײדן פֿאַרלוירן,
בײדע באַשיצערס פֿון מענטשלעכן גליק.

אומזיסט הייב איך אויף מײַנע אויגן צום הימל,
אומזיסט זוך איך רו אינעם בלעטער־געררויש;
אײביק וועט בלײַבן מײַן אויג אָן אַ שטערן,
אײביק וועט בלײַבן מײַן קאָפּ אָן אַ שויס.

1910

# ייִדיש

ווערטער אין תּמימות,
קינדערשע ווערטער,
זײַנען געוואַקסן,
ווי גראָז אויף די ערטער.

שמעקעדיק, זאַפֿטיק,
אין טוי פֿון פֿרימאָרגן,
האָבן זיי אײנער
דעם צווייטן פֿאַרבאָרגן.

שטיל זיך געסודעט,
פֿאַרשעמט און באַשיידן,
מער נישט דער ווינט
האָט געוווּסט, וואָס זיי ריידן.

אַמאָל נאָר פֿלעגט קומען
אַ דיכטער פֿאַרלאָזן
און שטיל זיך געלייגט
אינעם שויס פֿון די גראָזן.

דאָן פֿלעגן זיי פֿלוצלינג
בײַ אים אין די טרוימען
צעוואַקסן אין וועלדער
פֿון אוראַלטע בוימען.

וואָס האָבן אין גרינעם,
אין הייליקן שווײַגן,
דעם הימל געצערטלט
מיט זייערע צווײַגן.

אָ, זאַפֿטיקע לאָנקעס
פֿון מײַנע חלומות,
אײַך האָט מען צעקאָסעט [1]
אויף גראָז פֿאַר בהמות.

איצט וויקלט אײַך אײַנעט
אַ הימל אַ גרויער
און איבער זיי נידערט
דער טוי פֿון מײַן טרויער.

פּאַריז 1926

[1] צעשניטן, אָפּגעשניטן (מיט אַ קאָסע) ווי גראָז אין פעלד.

# 3

# עס צאנקט דער נר - תמיד

# געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
פֿאַרשלאָסן שטייט איינזאַם די שול.
די פֿענצטער פֿאַרשלאָגן און שאָטנס
פֿאַרשעמטע זיי מאַכן זיי פֿול...

עס ליגט ווי אַן אייביקער טרויער
אַריבער די נאַקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פֿון כּהונה
פֿאַרבראָכענע רוען צוויי הענט...

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
נישטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין;
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תמיד
בײַ זיך אין זײַן ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פֿון אָרון
די שכינה אַן עלנטע שטייט;
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער —
און שוואַרץ ווי די נאַכט איז איר קלייד.

און ס'דוכט: אירע ליפּן — זיי מורמלען
אַ שטילע, אַ לעצטע געבעט —
און ס'הערט זיך אַ שטים פֿון פּרוכת:
צו שפּעט, מײַן געטרײַע, צו שפּעט!...

## מיר וועלן פֿאַרבלייבן אין שול

מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול,
ביז די טריט פֿון דעם לעצטן אין ווײַט וועט פֿאַרשווינדן,
און ס'וועט דעם נר־תּמיד פֿאַרלעשן דער ווינט,
דאַן וועלן מיר ווידער זײַן ליכטל אָנצינדן.
מײַן קינד!
עס טאָר זיך נישט לעשן,
מען טאָר נישט פֿאַרגעסן
צו שטעלן אַ יאָרצײַט דער שכינה פֿון פֿאָלק.
מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול...
און שחרית, און מנחה און מעריב פֿאַר אַלע
דאַן וועלן מיר דאַוונען און בעטן אַליין...
און ווען עס וועט קומען פֿון שבת די כּלה,
דאַן זאָלסטו פֿאַרמײַדן געוויין.
מײַן קינד!
מען טאָר נישט באַטריבן —
זי איז אונדז געבליבן
דער איינציקער פֿרײַנד פֿון אַמאָל...
מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול...
די שול דאַרף קיין עולם פֿון טויזנטער מענטשן:
פֿון אייביק אָן היטן יחידים איר פּראַכט.
זי וועט, ווי אַ מאַמע, אונדז טוליען און בענטשן,
ביז וואַנען ס'וועט קומען די אייביקע נאַכט.
מײַן קינד!
נאָך אונדז וועלן זינגען די פֿייגעלעך שירה,
דער נאַכטווינט — ער וועט אונדז באַוויינען אין חצות.
פֿאַר נאַכט, אין דעם שײַן פֿון פּורפּורנע שטראַלן,
וועט סודען שטיל נעילה אַ טרוקענער גראָז...
מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין שול...

## ווען דו וועסט אַוועקגיין...

ווען דו וועסט אַוועקגיין — תהילים וועל איך זאָגן.
פֿאַר דעם אַלטן ספֿר וועל איך זיך באַקלאָגן.
דאָרטן, ווו אַזוי פֿיל טרערן שטילע פֿאַלן,
איינזאַם וועט מײַן טרער איר ווינקל אויך געפֿינען.

דאָרטן האָב איך קבֿרים טײַערע, געליבטע.
עס קוקן שטיל מײַן מאַמעס אויגן די באַטריבטע.
און פֿון יעדער שורה פֿליסט צו מיר איר תּפֿילה,
פֿול מיט טרײַער ליבע, ווי אַ טרייסט אַ שטילע.

און פֿאַר נאַכט, אין שעה פֿון וויכן, מילדן קימער,
צושליסן וועל איך די טיר בײַ מיר אין צימער,
אויפֿמאַכן דעם ספֿר, און מיט זײַן אַלטן ניגון
וועל איך אין מײַן זעל דעם טיפֿן צער פֿאַרוויגן.

און אין חלום וועט מײַן טרוים־געליבטע קומען,
נישט אין ווילדע טענץ, פֿאַרצירט מיט בונטע בלומען;

אין דער אַלטער שול, דאָרט ווו די ווײַבער זײַנען,
וועט אַ הייליק שטראַל איר בלאַס געזיכט באַשײַנען.
דורך די פֿענצטער לײַכטן וועלן מיר פֿון אויבן
אירע צאַרטע בליקן, פֿול מיט טיפֿן גלויבן.

קיינער וועט נישט זײַן, נאָר איך מיט איר אין איינעם.
אויפֿגעבונדן מיט אַ ווײַטן טרוים אַ שיינעם,
וועלן מיר צוזאַמען, ווײַט פֿון אַלע מענטשן,
בעטן גאָט, ער זאָל די ליבע אונדזערע בענטשן.

# אַ ברייוו

דאָס בלוט פֿון קדושים פֿליסט אין מײַנע אָדערן.
אַ טאָכטער פֿון מאַרטירערס ביסטו, קינד!
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פֿאָדערן
גערעכטיקייט פֿאַר אַלץ וואָס לײַדט אַצינד.

די רו לאָז־אָפּ, מײַן טײַערע, אַן אַנדערן.
נישט אונדז געהערט פֿון פֿלאַנצונגען די פֿרייד.
דעם שטעקן נעם, מײַן קינד, און לאָמיר וואַנדערן:
די וועלט איז ברייט און פֿול מיט טיפֿן לייד.

אונדז איז באַשערט דאָס וויסטע פֿעלד צו אַקערן
פֿון מענטשלעך גײַסט און מענטשלעכן געמיט,
מיט הייליק פֿלאַם דעם דאַרן סנה צו פֿלאַקערן,
נישט האָבנדיק די פֿרייד בשעת ער גליט.

די גאַנצע וועלט, מיט דערנערקרענץ באַקרוינענדיק,
אַליין, אַליין זיך בלוטן אונטער זיי...
די גאַנצע וועלט, מיט ליבעגלאַנץ באַשײַנענדיק,
פֿאַרגייט אַליין אין דעם גת שמני[1]־ווײ.

דערפֿאַר האָט גאָט, די גאַנצע וועלט באַשענקענדיק,
באַגנעדיקט אונדז מיט יענעם טיפֿן בליק,
וואָס קען אין תּהום פֿון לײַדן, זיך פֿאַרבענקענדיק,
דערזען דעם גלאַנץ פֿון ווײַטן, גרויסן גליק.

דאָס בלוט פֿון קדושים פֿליסט אין מײַנע אָדערן,
אַ טאָכטער פֿון מאַרטירערס ביסטו, קינד!
מיר מוזן גיין אין וועלט און דאָרטן פֿאָדערן
גערעכטיקייט פֿאַר אַלץ וואָס לײַדט אַצינד.

1912

[1] פֿון בעסטן קעלטער.

# אַ תפילה

אָ, גרויסער גאָט!
איך בעט דאָך אַזוי ווינציק.
ווי קליין עס איז און נישטיק מײַן באַגער:
אַ קבֿר גיב מיר נאָר,
ווו איך זאָל רויִק ליגן
און פֿאַלן זאָל אויף אים
מײַן אייגן קינדס אַ טרער.

און ווויסן זאָל איך, ווען איך וועל מײַן אויג פֿאַרמאַכן,
אַז אונטער יענעם בוים, וואָס וועט מײַן רו באַשיצן,
וועט אין אַ זומערטאָג אַן אור־אייניקל זיצן
און ליי׳נען שטיל פֿון מײַן מצבֿה־שטיין
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך פֿון מײַנע אָבֿות,
און ליי׳נענדיק די ווערטער — כאָטש פֿאַרשטיין.
ניין!
איך דאַרף נישט דײַנע הימלען...
אויב זײַן אַ שאָטן איז מיר דאָ באַשערט,
נעם־צו בײַ מיר די אייביקייט פֿון אויבן
און שענק מיר דאָ
אַ ווינקל אויף דער ערד.
דאָס איז די ערגסטע שטראָף:
צו שטאַרבן אויף די וועגן —
נישט וויסן, וועלכער פּוס
וועט טרעטן אויפֿן אָרט,
ווו ליגן וועט מײַן קאָפּ
און שוועבן מײַנע טרוימען,
ווו אָפּקלינגען אין לופֿט
וועט שטיל מײַן לעצטע וואָרט.

# עלעגיעס

אַ צער פֿון טויזנט דורות ליגט אויף מיר.
דער גרויסער פּײַן געשטשעמפּלט האָט מײַן שטערן.
מײַן טײַערע, ווער ווייס, צי איך וועל ווען
דעם שופֿר פֿון מײַן אויסלייזונג דערהערן!

מײַן טײַערע, איך ווייס נישט וואָס איז שווער,
צי הבֿלס טויט, צי קינס לאַנגע לעבן,
נאָר מיך באַשטראָפֿט אין צווייען האָט מײַן גאָט:
ער האָט דעם צער פֿון בײדן מיר געגעבן.

אַליין בין איך פֿון אַלעמען פֿאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פֿון אַלע מענטשן —
ווּ נעמט מען, זאָג, די כּוחות פֿון אַמאָל,
אין פֿײַערן גיין — און גאָט פֿון דאָרטן בענטשן!

2

פֿאָרויס איז גאָר נישטאָ. דער וועג וועט זײַן אומענדלעך...
באַהאַלט זיך ערגעץ ווּ און גיב זיך אָפּ דײַן טרוים.
נישט וואַרט אויף אים, מײַן פֿרײַנד, ער וועט צו אונדז נישט קומען —
דערשלאָגן ליגט ער בײַ די טויערן פֿון רוים.

נישטאָ קיין רחמים מער; דער הימל איז פֿאַרשלאָסן;
די שכינה איז אַוועק, געלאָזן אונדז אַליין.
און גרויס איז אונדזער צער, ער שטײַגט־אַריבער וועלטן,
און מיר — מיר זײַנען מיד אַנטקעגן אים און קליין.

דער זיידע איז שוין טויט. די ליכט אין שול פֿאַרלאָשן.
דאָס לעצטע אויג פֿאַרמאַכט, די לעצטע וואַנט צעשטערט.

אין טרייסט איז נאָך פֿאַראַן: עס וועט מיט אונדז צוזאַמען
אויך אונטערגיין די לעצטע גאולה פֿון דער ערד.

3

פֿאַר דײַנע אַלטע חורבֿות שטיי איך פֿול מיט מורא
און גלייב, עס וועט אין זיי אַ גרויסער נס געשען...
ווער ווייס, צי שרײַבט מען איצט נישט דאָרט אַ נײַע תּורה
און פּלוצלינג וועט די וועלט אַ נײַע ליכט דערזען.

ניין, ניין, ניט קלאַפּ, ניט רוף אין פֿרעמד פֿאַרמאַכטע טירן —
אַ נײַער נבֿיא וועט נאָך אויפֿטרעטן דײַן שוועל
און וועט די גאַנצע וועלט אין דײַנע וועגן פֿירן
און הייסן טרינקען פֿון דײַן אַלטן וואונדערקוועל.

אַ, גאָט, דערגרענטער שוין דעם נס, און זאָל ער קומען.
עס בייגן זיך די קני פֿאַר מידיקייט און צער.
זאָל ווידער אויפֿבליִען דער וואַנדערשטאָק מיט בלומען,
זאָל ווידער אויפֿטאָן זיך דער העלער רחמים־שער!

1912

## משיח

עס קלינגען די קייטן בײַם טויער פֿון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפֿענע וווּנדן.
זיי וויטיקן, קינד מײַנס, מיט אונדזערע לייד,
און ווערן נישט קיין מאָל פֿאַרבונדן.

און טויזנטער יאָרן פֿאַרגייען אַזוי
אין שטילע יסורים בײַם טויער.
און טיף אין אים קלײַבט זיך דער אייביקער ווי
און ס'וואַקסט אַלץ דער אייביקער טרויער.

נאָר תשעה־באָב, ווען עס קומט האַלבע נאַכט
און פֿול ווערט מיט רחמים דער הימל,
דאַן פֿאַלן צוויי שטערן אַראָפּ, און ער ווערט
פֿאַרוויגט אין אַ הייליקן דרימל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע אין שטערן,
און טרייסט אים און ווײַזט אים די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט באַהאַלטענע טרערן.

1912

## עס געהערט מיין נשמה...

מײַן פֿאָלק, עס געהערט מײַן נשמה דײַן טרויער,
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצן פֿאַרהילט,
וועט זי אייביק זיצן, מיט בענקשאַפֿט דערפֿילט,
בײַ דיר, אויף דײַן אַלטן צעוואָרפֿענעם מויער...

און דאָרט, אויף די חורבות פֿון בלאַסלעכע שטראַלן,
וועט זי איינזאַם שפּינען מײַן צערטלעכע ליד,
וואָס וועט דיך דערגרייכן פֿאַרחלומט און מיד,
און שטיל אין דײַן זעלע ווי פּערל צעפֿאַלן...

מײַן ליד וועט אַן איינזאַמע תּפֿילה דיר ווערן,
אַ בעכער פֿאַר דײַנע פֿאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דײַן טרויעריקן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פֿאַרוויגן!...

1908

# ווו זאָל איך בעטן?

ווו זאָל איך בעטן?
בײַ וועמען, בײַ וועמען?
ווער וועט מיר מײַן איינזאַמע תּפֿילה פֿאַרנעמען?
דער איינציקער בלײַבט מיר דער אַלטער פּרוכת,
דער אַלטער, פֿאַרשטויבטער —
בײַ אים, אין די פֿאַלבן,
פֿאַרבאָרגן מײַן פּנים וועל איך און אָן כּוחות
אײַנדרעמלען.
און זאָל אין מײַן חלום דער זיידע מיך זאַלבן
פֿון כּוס, ווו עס רוען די אייביקע טרערן;
דערבײַ זאָל בײַ יעטוועדן שטענדער אַ שאָטן
פֿון קידוש־השם בײַ אַ ליכט שטיין געבויגן.
אַ ציטער פֿון פֿלעמלעך
און אויגן פֿול גלויבן
צו מיר, צו דעם עלנטן, זאָלן זיך הייבן;
און שטיל מיר פֿאַרטרויען די הייליקע סודות
און זײַן פֿון מײַן תּפֿילה די איינציקע עדות.
ווער ווייס?
אפֿשר וועט זי שוין זײַן גאָר די לעצטע
און קלאַפּן די לעצטע אין הימלשן טויער,
וואָס וועט זיך נאָך איר שוין אויף אייביק פֿאַרמאַכן,
אַזוי ווי די טיר פֿונעם אַלטן בית־מדרש,
אַזוי ווי דער סידור, וואָס ליגט אויפֿן עמוד,
אַזוי ווי דער אָרון, ווו ס'רוען די ספֿרים,
אַזוי ווי אין האַרצן בײַ מיר איז דער טרויער.

# 4

## ...צ׳ען זיך די שאטנס

# די אַנטלאָפֿענע כּלה

רויִק איז אין פֿאַקט[1] און ליכטיק,
אין דער גרויסער שטוב איז ציכטיק,
געלער זאַמד איז אויפֿן באָדן
און די טישן פֿול באַלאָדן
שטייען מיט די בעסטע עסנס:
ווײַסע חלות, פֿלעשער ווײַנען,
שיסלען פֿיש און היגער פֿעטע,
און די ליכט, ווי שטערן שײַנען.
נאָר מען זעט קיין געסט נישט דאָרטן.
רויִק בלאָזט דער ווינט פֿון גאָרטן,
וויגט די פֿאָרהאַנגען די ווײַסע,
טראָגט־אַרײַן די ווײַטע קלאַנגען,
גלײַך אַ קלאָגן, גלײַך אַ שאַלן,
גלײַך אַן עולם וואָלט געשריִען:
אָ, די כּלה איז פֿאַרפֿאַלן!

אין אַ ווינקל שטייט דער חתן,
האַלט אין האַנט זײַן ליכט פֿאַרלאָשן;
בלאַס און אײדל קוקט זײַן פּנים
דורך די שוואַרץ געקרויזטע פּיאות;
טיף צום ברוסט דער קאָפּ געבויגן,
מיט אַ שרעק אין זײַנע אויגן,
שטייט ער אינעם ווינקל חדר

---

[1] אַ ווירטשאַפט פון מילכיקס (מילך, פוטער, קעז, אייער).

און די אַטלעסענע קליידער
גיבן־איבער שטיל דעם שוידער
פֿון זײַן שלאַנקן, דאַרן קערפּער,
וועלכער ציטערט בײַ די שאַלן:
„גאָט, די כּלה איז פֿאַרפֿאַלן".

איינער איז ער דאָ געבליבן
אין אַ ווינקל, ווי פֿאַרטריבן,
אַלע זײַנען ווו פֿאַרשוווּנדן,
גלײַך אַ ווינט וואָלט זיי צעטראָגן —
ווער אין הויף און ווער אין שטעטל,
ווער צום רבֿ און ווער צום פּריץ,
ווער עס האָט געלאָזט זיך יאָגן
צו דעם וואַלד מיט ווילדן קלאָגן,
מיט געשרייען און מיט שאַלן:
— גוואַלד, די כּלה איז פֿאַרפֿאַלן!

לאַנגזאַם צי׳ען זיך די שאָטנס
פֿון די טונקעלע קאַשטאַנען,
און מיט זיי צוזאַמען קומען
אַלע געסט און מחותּנים.
— זאָגט פֿון וואַנען? זאָגט פֿון וואַנען? —
פֿרעגט זיך איינער בײַ דעם צווייטן.
— איך פֿון שטעטל... איך פֿון פּריץ...
און איך קום פֿון וועג פֿון ברייטן...
אומעטום געזוכט, געפֿרעגט זיך
און קיין אײנציק שפּור געפֿונען.
— און דער פּריץ? זײַן בן־יחיד
איז אויך הײַנט פֿון הויף אַנטרונען,
אויף דעם ווײַסן פֿערד אַנטלאָפֿן
איז ער גלײַך מיט דעם באַגינען.

— און דער פּריץ? שמייכלט רויק,
זאָגט, ער וועט אים שוין געפֿינען.

שטיל פֿאַרצווייפֿלט שטייען אַלע.
ס׳קלאָגט די מאַמע פֿון דער כּלה
און דער טאַטע רײַסט זיך קריעה.
מ׳שפּאַנט די פֿערד שוין אײַן אין וואָגן,
ס׳לייגט דער שמש אויף די חופּה
און דער חתן ווי דערשלאָגן
שלײַכט מיט מידע טריט צום וואָגן.
טויט פֿאַרגליווערט איז זײַן פּנים,
ס׳רינגלען אים די מחותּנים.
ס׳קנאַקט די בײַטש. עס רוישן רעדער.
ס׳יאָגט אַ שטויב. און פֿון די סעדער,
וואָס רינגלט־אום דעם פּאַקט, טוט שאַלן
און יאָמערן אַ פֿרויען־שטימע:
— ווי, די כּלה איז פֿאַרפֿאַלן! —

די נאַכט פֿאַלט־צו מיט קילע טויען;
פֿון וואַלד גייט־אויף אַ האַלבּ׳ לבֿנה;
ס׳בליכן שטיל די ווײַטע שטרעקעס,
פֿאַרהילט אין טונקל גרינע דעקעס.
די פֿערד — זיי שלעפּן זיך פֿאַרשלאָפֿן.
עס דרעמלען אַלע מחותּנים.
דער חתן זיצט — די אויגן אָפֿן,
מיט טרערן איינזאַמע פֿאַרלאָפֿן —
עס חלומט זיך אים אַלץ די כּלה:
צוויי שוואַרצע צעפּ און פֿײַער־אויגן
און איבער זיי אַ קלאָרער שטערן,
געשטיצט אויף שוואַרצע ברעמען־בויגן;
די ווינקלען נאָז צונויפֿגעבלאָזן

דעם שלאַנקן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן
מיט עפּעס אַ געהיימען שמייכל
באַהאַלטן אין די פולע ליפּן,
וואָס קאָנען הייס און זינדיק קושן
און הייליק פּליסטערן אין היכל.
— מײַן זינדיק הייליקע, געטרײַע...
און פּלוצלינג... שאַ... צוויי רײַטער פרײַע
דעם וואָגן יאָגן נאָך פון הינטן.

עס הילכט דאָס וועלדל זיי אַנטקעגן,
עס בייגט דאָס גראָז זיך בײַ די ברעגן,
גלײַך ווי עס וואָלטן זיך געטראָגן
צוויי לײַכטע ווינטן אויף די וועגן.
— ווער איז דאָס, ווער? אָ, גאָט אין הימל!
דער חתן כאַפּט זיך אויף פון דרימל
און זעט פאַר זיך צוויי שלאַנקע רײַטער:
דער ערשטער איז דער יונגער פּריץ
און גלײַך לעם אים אַ ביסל ווײַטער
אַ שלאַנקע פרוי... אַ בליק... אַ שמייכל...
— אָ, גאָט, דאָס איז, דאָס איז מײַן כּלה...
עס שפּרינגען־אויף פון וואָגן אַלע,
אַ ווילדער קרעכץ... אַ פרעך געלעכטער...
— פאַרפלוכטע פון ישׂראלס טעכטער,
אַ קללה דיר פון אַלע ייִדן!
— דאָבראַ נאָץ, זשידזשי[2]!
— גריסט די מאַמען!...
און פּלוצלינג אויפגעמישט צוזאַמען
האָט זיך אַ לאַכן און אַ קלאָגן

[2] (פּויליש) אַ גוטע נאַכט, ייִדן!

און נאָך דעם שטיל פֿאַרשטומט געוואָרן,
נאָר מער נישט פֿון דעם חתנס וואָגן
האָט זיך אַ שטימע נאָך געטראָגן,
געוויגט זיך אין די בלאַסע שטראַלן:
— אַ, גאָט, מײַן כּלה איז פֿאַרפֿאַלן!...

בערן 1913

## עלילת־דם

1

נאַכט און שטערן, און דאָס רוישן
פֿון אַ ווײַטן קוואַל אויף שטיינער;
גרינע ווענט פֿון בלעטער פֿײַכטע,
און דעם ווינטלס טריט די לײַכטע
אויף די שפּיצן פֿון די ביימער...
אַ געשלענגלט וועג, אַ גאָלד'נער
צו אַ טיר מיט מעש באַשלאָגן;
איבער איר אַ בילד אַ היילִיקס,
קוים באַלויכטן מיט אַ לעמפּל,
אין דעם שאָטן פֿון אַ גרויסן
און אַן אַלטן, גרויען טעמפּל.

נאַכט און שטערן. אין דעם שוואַרצן
אָפּגרונט פֿון די אַלטע דעמבעס
פֿינקלען־אויף אין טוי פֿון אונטן
בלעטער גרינע, רויט באַזוימטע,
בײַ אַ פֿאַקלגלאַנץ אַ ווײַטן,
אין אַ ווינקל שטיל באַהאַלטן,
סודען זיך אין פֿרילינג־שווײַגן

אַ מאָנאַך אין צוויי געשטאַלטן...  
— אַלץ איז צוגעגרייט?  
— דער בעכער  
מיט דעם בלוט איז דאָרטן, פֿאָטער...  
— נאָר געדענקט... דער קלענסטער פֿעלער!...  
— זאָל דער פֿײַכטער קלויסטער־קעלער  
אונדז פֿאַרשלינגען, אויב מיר ווען...  
— מאָרגן, ווען דער גלאָק וועט קלינגען?  
— זײַט געזיכערט אויף די מענטשן...  
— בענטש אונדז, פֿאָטער!  
— זײַט אין פֿרידן! —  
אײַך וועט שוין דער הימל בענטשן...  
— — — — — — — — — — — — — —  
אויסגעלאָשן איז דער פֿאַקל...  
ווידער שאָטנס, ווידער שטערן.  
אין דעם פֿײַכטן גראָז, דעם ווייכן,  
קאָן מען קוים די טריט דערהערן...

2

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען,  
עס צאַנקט נאָך אין מערבֿ איר שײַן.  
באַגלייט פֿון דרײַ גאָלדענע שטערן,  
איז רוזק דער יום־טובֿ אַרײַן.  
עס לײַכטן די פֿענצטער אין געטאָ,  
די טישן — זיי שטייען געגרייט;  
און שטיל איבעם קלויסטער, דעם אַלטן,  
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלץ נענטער און נענטער.  
עס ברענען די הייליקע ליכט.

אין יעטוועדער שטוב שטייט אַ מאַמע,
פֿאַרדעקט מיט די הענט איר געזיכט.
עס רינען פֿאַרלאָזענע טרערן
און ווערן אין געטאָ צעשפּרייט,
און שטיל אינעם קלויסטער, דעם אַלטן,
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערן — זיי ווערן פֿאַרשוווּנדן.
דער בעכער איז, דאַכט זיך, שוין פֿול.
עס שטייען די קינדער און וואַרטן,
דער טאַטע זאָל קומען פֿון שול.
די פּנימלעך לײַכטן פֿון שׂמחה,
אין בגדים אין נײַע געקליידט,
און שטיל אינעם קלויסטער, דעם אַלטן,
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פֿון שנײַ איז נאָך ווײַסער דער טישטעך,
עס ווינקט פֿון די כּוסות דער ווײַן,
עס דאַכט זיך, אַז אייביק, אַז אייביק
וועט רויִק און ליכטיק דאָ זײַן;
עס דאַכט זיך, אַז אַלץ איז פֿאַרגעסן,
פֿאַרשוווּנדן די אייביקע לייד...
נאָר שטיל אינעם קלויסטער, דעם אַלטן,
באַהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אָט גנבֿעט זיך איצטער פֿון דאָרטן
אַ מענטשל מיט אײַליקע טריט.
באַהאַלטן צווישן די ביימער,
פֿון אויגן פֿון פֿרעמדע געהיט.
אָט קומט ער שוין נעענטער צום געטאָ,
עס הערט זיך פֿון קלויסטער אַ קלאַנג...

דער טויט האָט פֿאַרלאָזן זײַן ווינקל
און גנבֿעט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

3

פֿון דער שול: די לײַכטער ברענען
און אין דער פֿינצטער קוקט די נאַכט...
עס שטייט דער עולם שמונה־עשׂרה
און האַלט די אויגן צוגעמאַכט...
עס ציטערט יעדערן אין האַרצן
אַ שטראַל פֿון פֿרייד און שטילער רו.
פֿאַרטיפֿט איז יעדער אין זײַן תּפֿילה
און זעט נישט ווי די שרעק קומט־צו.

עס זעט נישט קיינער, ווי באַהאַלטן
אַן אורח איז אין שול אַרײַן
און אין אַ ווינקל, ווי אַ גנבֿ,
פֿאַרשטעלט, פֿאַרדעקט זיך פֿון דער שײַן;
ווי שלעכט עס פֿינקלען זײַנע אויגן,
ווי בייז עס שלענגלט זיך אַרום
די ליפּן שטיל אַ לײַכטער שמייכל,
און ווערט פֿאַרשווונדן נאָך דעם שטום.

אָט ענדיקט זיך שוין באַלד די תּפֿילה.
עס וואַרט דער חזן אויפֿן רבֿ,
וואָס שטייט אין מזרח, ווי פֿאַרגליווערט,
גלײַך ווי פֿאַרזונקען אין אַ שלאָף.
נאָר צײַטנווײַז לויפֿט־דורך אַ ציטער
זײַן שוואַרצע קאַפּאָטע פֿון זײַד
און ס'רינט אַ טרער אויף זײַנע באַקן,
וואָס זײַנען ווײַסער נאָך פֿון קרײַד.

עס שטייט דער רבֿ און זעט נישט קיינעם,
באַהערשט האָט אים אַ שלאָף געהיים.
שטיל און צעשפּרייט פֿאַר זײַנע אויגן
האָט זיך אַ מוראדיקער טרוים.

ער זעט: די שול, זי שטייט אין פֿלאַמען
און פֿול מיט ייִדן ביז דער טיר,
און קיינער קאָן קיין וועג געפֿינען,
אויף זיך צו ראַטעווען פֿון איר...
עס הערט זיך שרעקלעכע געשרייען...
אָט זעט ער, ווי דער דאַך — ער פֿאַלט.
נאָר פּלוצלינג האָט אַ שטראַל אַ ווײַסער
די אויגן זײַנע ווי באַשטראַלט.

און צו זײַן אויער איז דערגאַנגען
אַ קול, וואָס האָט אים שטיל געזאָגט:
— עס דרעמלט נישט און שלאָפֿט דער היטער
פֿון די וואָס זײַנען דאָ פֿאַריאָגט.
און אויפֿגעמאַכט האָט ער די אויגן.
און פּלוצלינג!... גרויסער גאָט!... אָ׳ גאָט!...
פֿון גאַס דערנענטערט זיך אַ טומל,
אַ שרעק פֿאַלט אויפֿן עולם אָן.
עס קומט אַלץ נענטער צו אַ בייזער קלאַנג פֿון שווערדן
און שווערע טריט... אַ הויך, אַ קלויסטעריש געזאַנג...
עס ברעכט זיך אויף די טיר... אַ מענגע שוואַרצע מאַסקעס.
פֿאַרויס אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנט...
דערשראָקן שײַנט דאָס ליכט אין שפּיגל פֿון די קאַסקעס;
עס וואַרפֿט אַ בייזן גלאַנץ דאָס בלאַנקע מעש פֿון זיי...
אַ שטיל פֿאַרשטיקטער „אוי" —
פֿאַרגליווערטע געזיכטער...
עס לעשן זיך די ליכט;

דער שאָטן ווערט געדיכטער...
דער גלח נעענט זיך מיט פּעסטע טריט אַהין,
ווו ס'שטייט דער אָרון־קודש, שטאָלץ פאַרהילט אין סודות,
און פּלוצלינג שנײַדט די שטילקייט דורך אַ פּרעכע שטים...
עס וואַקסט נעם גלח אויס דער אײַנגעהילטער אורח,
עס ציט זיך צום פּרוכת אויס אַ דאַרע האַנט,
אַזוי ווי זי וואָלט גרייט געווען צו זאָגן עדות.
און ס'קלינגען־דורך די ווערטער שאַרף, מיט ווּט[1]:
— אָט דאָרטן, דאָרטן שטייט דער בעכער מיט דעם בלוט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שאַ... ס'רירט זיך דער פּרוכת אויפן אָרון;
עס מורמלט יעדערער אַ תּפילה פאַר זיך שטיל:
אָ, גרויסער גאָט!... נישט לאָז אונדז גיין פאַרלאָרן...
ווּעמענס האַנט — אָ, וווּנדער! — עפנט ביידע טירן?
ווּעמענס ליכט באַלײַכט די ספרי־תּורות דאָרט?
עס שטייט דער עולם, ווי פאַרגליווערט פון דעם ווּנדער...
קיינער וואַגט זיך נישט צו רירן זיך פון אָרט.

— — — — — — — — — — — — — — —

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם מאַכן־אויף זיך ביידע טירלעך פון דעם אָרון,
ווי די טויערן, וואָס פירן אין דער אייביקייט אַרײַן,
און אין אויסבעט פון די שאָטנס, ווו די ספרי־תּורות רוען,
פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינטשיק און צעשפּרייט אַ געלן שײַן.

פלאַמט אַ ליכטל אויף אַ קליינטשיק
נעבן בעכער פול מיט בלוט,
ציטערט אין זײַן רויטן שפּיגל,
אויף אַ רגע נישט גערוט;
ציטערט, ציטערט, ציטערט, ציטערט...

---

[1] צאָרן.

און פֿון בימה הייבט זיך אויף,
ווי אַ זײַל, אַ ייִד, אַן אַלטער,
און צום אָרון שטײַגט ער אויף;
די באָרד, ווי זילבער ווײַס און זויבער,
ווי אַ שטראַל איז יעדער האָר,
און די אויגן פֿול מיט צויבער,
און דער שטערן הויך און קלאָר;
אײַנגעוויקלט אין אַ קיטל,
מיט אַ פֿעלגורט [2] אויף די לענדן...
אָ, דאָס איז דער אַלטער נבֿיא
פֿון די הייליקע לעגענדן...
אָט אָ נעמט ער אָן דעם בעכער,
הייבט אים העכער, העכער, העכער...
מאַכט אַ ברכה אויף דעם בלוט...
און דאָס בלוט הייבט־אָן צו זידן...
ווערט אין קלאָרן ווײַן פֿאַרביטן,
און דער ווײַן הייבט־אָן צו פֿינקלען
אין פֿאַרשיידענע קאָליאָרן,
און ווי דורך אַ בליץ דערשלאָגן,
פֿאַלט דער אורח קעגן אָרון,
און דער גאַנצער צויבער, פּלוצלינג,
ווערט אין שײַן פֿון ליכט פֿאַרלאָרן.

4

מענטשן פֿיר, אַ טראָגבעטל אַ שוואַרץ,
אויף אים אַ מת פֿאַרוויקלט אין אַ טוך;
אַ נאַכט פֿון אומרו אָטעמט אויפֿן שולהויף,

---

[2] אַ פּאַס פון פעל, אַ גאַרטל.

עס ציט דעם אָטעם עמעץ שווער אין אים.
עס טראָגט זיך דורך אַ פֿלוך.

דער קלויסטער, וואָס נישט ווײַט, הייבט לאַנגזאַם אָן צו קלינגען.
דאָס טראָגבעטל גייט־אָפּ און נעענט זיך צו אים.
עס מאַכט זיך אויף אַ טיר. עס צינדט זיך אָן אַ פֿענצטער.
אַנטקעגן עפֿנט זיך אַ צווייטע טיר געהיים.
עס פֿרעגט אַ שטים:
— דאָס האָט מען אים געטראָגן?...
עס ענטפֿערט ווער: „פֿאַרשאָלטן זאָל ער זײַן!...“

1911

## די קרעטשמע פֿון ניט־געבעטענע געסט

דו, וואָס וואַנדערסט ווי אַ פֿויגל אָן אַ נעסט
און קאָנסט פֿאַר זיך קיין ווינקל ניט געפֿינען,
קענסטו די קרעטשמע פֿון ניט־געבעטענע געסט,
ווו די יאָרהונדערטער ווי טראָפּנס שטילע רינען?

דאָרט זיצט דער בלינדער בעטלער פֿאַר דער טיר
און וואַרט, און וואַרט, און שטאַרט אין טיפֿן שטומען.
גיי אים פֿאַרבײַ און גריס אים שטיל פֿון מיר
און זאָג: — משיח איז נאָך ניט געקומען.

דאָן גיי־אַרײַן — דאָרט ליגט אַ בינטל שטרוי —
און צי־אויס דײַנע מידע, שווערע גלידער.
בײַ נאַכט וועסטו פֿאַרנעמען אָן אַלטע שטים,
וואָס שטאַמלט דײַנע שענסטע יוגנט־לידער.

גלייב מיר, איך האָב דאָרט לאַנגע טעג פֿאַרבראַכט
און לאַנגע נעכט געהערט דעם אַלטן שטאַמלען;

דאַן פֿלעגן אַרום מיר אין שוואַרצער נאַכט
די געסט, די ניט־געבעטענע, זיך זאַמלען.

זיי פֿלעגן מיך באַטראַכטן לאַנג און טיף
מיט גרויסע טרויער־אויגן אַן געדאַנקען,
ווי רײַזנדע פֿון אַן אונטערגייענדיקער שיף,
ווי פֿרײַנד אַרום אַן אָפּגעזאָגטן קראַנקן.

עס איז געווען אַ שווײַגן שווער געשפּאַנט,
אַן איינזאַמקייט, אַ קוים צום איבערטראָגן,
און יענע אַלטע שטים אונטער דער וואַנט,
וואָס האָט דעם שיר־השירים אויסגעזאָגט אין קלאָגן.

גלייב מיר, עס איז אַ לאַנגע, שווערע שול.
דערפֿאַר איז איצט מײַן איינזאַמקייט געהאַמערט
ווי האַרטער שטאָל — אַ פּאַנצער קעגן די
וואָס האָבן מיך אין שׂנאה אײַנגעקלאַמערט,

וואָס ווילן מיך צעמאָלן אין אַ שטויב
און אײַנבייגן, דערנידערן מײַן גלויבן.
גיי דאָרט און לערן זיך צו זײַן אי בלינד, אי טויב,
און גלײַך נאָך יעדן נייג זיך ווידער שטאָלץ דערהויבן.

פּאַריז 1938

# 5

# צען מיליאָן

# צען מיליאָן

רעקוויעם

I

ווײַטער זון־אונטערגאַנג.
נעפּלען לייגן זיך אויס,
ווי אַ בלוטיקער שוויס
אויף דער טונקעלער ערד.
אָוונטקלאַנג.
באַנגער גלאָקן גלין־גלאָן,
פֿון די ווײַטקייטן, הערט,
קומט עס טרויער אָן,
ווי אַ כוואַליע־געוויין,
ווי אַ קלאָג פֿון אַ שטאָט,
טאָן נאָך טאָן, טאָן נאָך טאָן,
יאָגט זיך אָן און פֿאַרגייט
און באַגלייט פֿון דעם קלאַנג,
אויפֿן נעפּליקן פֿאָן,
גייען לאַנג,
גייען באַנג,
גייען שטום,
צען מיליאָן.
איינער נאָכן צווייטן,
איינער נאָכן צווייטן,
אַ גרויע לוויה פֿון טויטע...
די בלייכע געזיכטער
דערהויבן אַרויף,
די ליפּן פֿאַרמאַכט,
די אויגן שטאַר אָפֿן,
גלײַך בלינדע, וואָס ווײַזן
דער וועלט זייער נאַכט,
גלײַך טרוימענדע וואַנדלערס
אין שלאָפֿן.
שטיל גייען זיי, גייען זיי,
לאַנגזאַמען טראָט,
דעם איינזאַמען וועג
צו דעם גרויזאַמען גאָט
און צייכ׳נען די וואָלקנס
מיט בלוטיקן שפּור,
און וויקלען אין טויטשרעק
די גאַנצע נאַטור.
אומענדלעך, אומענדלעך...
אַ ריי נאָך אַ ריי...
אָ, ציילט זיי! אָ, ציילט זיי!
איין טויזנט און צוויי,
פֿינף טויזנט,
צען טויזנט,
הונדערט טויזנט,
געזיכטער...

געשטאַלטן...
חלומות...
מיליאָנען...
שׂונאים און פֿרײַנד,
אַלע פֿאַראײנט,
שטומע געפּירט
פֿון דער זעלביקער האַנט.
אַלע צו גלײַך
קערנער פֿון זאַמד,
שאָטנס פֿון טויט
אינעם טונקעלן לאַנד.

אָט שלײַכט פֿאַר אײַך פֿאַרבײַ.
אַ לוסטיקער פּראַנצויז.
אַ שטילער, שווײַגט,
ער איז שוין איצט ניט לוסטיק...
ווי פֿליטער נאָר
אַרום אַ טויטער רויז
פֿאַלן אַרום אים
די יונגע טרוימען זײַנע:
אַ לעצטער זונענגלאַנץ
נאָך גוסטט אין זײַן בליק,
און ס׳זינגען אַרום אים
פּאַריזער העלע גאַסן;
עס לאַכט דער קאַרנאַוואַל,
עס יובלט די מוזיק
און ס׳וויגן זיך אין טאַנץ
הייס־אויגיקע פּראַנצויזינס.
אַן אַלטער קאַשטאַן בליט...
אַ מײַלכל גליט...
אַ צאַרטע ברוסט...
אַ בליק...
אין לאַנגע נעכט פֿול לוסט,
און לאַנגע טעג פֿון גליק...

און דאָרט אין נעפּלען, זעט,
אַ רוס אַ הויכער טרעט:
די אויגן בענקענדיקע
אין בלויען רוים.
אין ווײַטע ווײַטקייטן
צעלייגן זיך די פֿעלדער,
אַ ווײַסינקע בעריאָזקע
פֿליסטערט, ווי אין טרוים;
אַ גייער וואַנדערט ווו
אויף ברייטע וועגן,
צווישן סאָסנעס גרינע
קלינגט אַ מאָנאַסטיר;
אַ פֿישערליד צעוויגט זיך,
שווימט פֿון וואָלגאַס ברעגן;
און אונטער ווערבעס גרויע,
אויף אַ שטיין געבויגן,
זיצט אַליאָנושקאַ
מיט טרויעריקע אויגן;
עס זינגט אַ דאָרפֿיש כאָר
און ציט, און נאָגט, און מאָנט,
און ס׳רוישט אַן אַלטער וואַלד
בײַם ברעג פֿון האָריזאָנט...

אָט שטײַגט אַ דײַטשער דאָרף
צווישן בערגער גרינע:
די דעכער רויטלען זיך,

אין רו פֿון מיטאָגשײַן;
גלײַך ווי אַ וועכטער בליקט
דער טורעם פֿון דער קירכע,
אין מאַנטל אײַנגעהילט
פֿון גרינעםווילדן ווײַן;
און אויף די טרעפּ דאָרט שטייט
אַ שוועסטער צי אַ כּלה
און היט דעם ברייטן וועג,
וואָס פֿירט אין דאָרף אַרײַן.
ווי אָרגלען דונערן
די כוואַליעס פֿונעם באָרדזעע;
ווי האַרפֿן פֿונעם ריין;
ריטערס שטאָלצע שטײַגן
שטרענג פֿון אַלטע שלעסער;
עלפֿן לײַכטע פֿירן
בלויע פֿרילינגטענץ;
קינדער־מעשׂהלעך
צעשיטן זיך אין קרענץ
און פֿאַלן גלײַך ווי טויטע
בלומען אויף די בייטן.
אָ, זעט, און נאַכט פֿאַרגייט
איינער נאָכן צווייטן
פֿון דײַטשן איינזאַמע
אַ טויט אומענדלעך קייט...

אָט ציִען פֿאַרבײַ אויך
אין פֿעסקעס און טורבאַנען[1]:
אינדיער, טערקן, נעגער
און זואַוון.

[1] קײַלעכיקע טערקישע היטלען.

אויף ווייסטע הייסע זאַמדן —
דאָרט קלאָגן ווו אויף זיי
שוואַרצאויגיקע זולייקעס;
עס וואַרפֿן לאָטאָס קרענץ
אויפֿן גאַנגעס שטילע פֿרויען;
און ס׳גייען־אויס ווי ליכט
אונטער די שווערע שלייערס
פֿאַרבענקטע ווײַבער ווו
אין איינזאַמע הארעמען,
און ס׳שלײַכן טרויעריק
די אומגעטרייסטע מאַמעס
צווישן טונקעלע
און שטאַרע קיפּאַריסן...
אָ, וויפֿל חופּות,
וואָלטן זיך אין לופֿט צעשפּרייט!
און וויפֿל פֿעלדער וואָלט
דאָס לעבן נאָך פֿאַרזייט!
אָ, וויפֿל קינדער וואָלטן
נאָך געבוירן ווערן,
אייניקלעך, אור־אייניקלעך,
און וויפֿל וואָלטן נאָך
די זון באַגריסט.
און גליקלעכע צו איר
פֿאַרליבטע הענט געצויגן!
אויגן טויזנטער
וואָלטן איר גאָלד געזויגן
און נאָך דעם בענקענדיק
אין אָוונט זײַד געטרוימט.

און גאָט געזוכט ביים שײַן
פֿון גרויסע, ווײַטע שטערן
דאָרט אין די טיפֿע, בלויע,
מזרחדיקע נעכט...

פֿון שטאָלצן, אַלטן רוים,
פֿון נעפּלדיקן לאָנדאָן,
פֿון בלומיקן יאַפּאָן,
פֿון דעלהי און באָמביי,
פֿון די סיבירער טײַגעס,
אַראַבישע מדבריות —
עס קומט!
עס גייט!
עס נעמט קיין סוף ניט אָן!
אומענדלעך ציִען זיך
די צען מיליאָן!...
צען מיליאָן...
זיי שוועבן, זיי שוועבן,
איינער נאָכן צווייטן,
אַ טויטער נאָך אַ טויטן,
אַ טויטער נאָך אַ טויטן,
ווי בלאָסלעכע נעפּלען
איף האַרבסטיקע פֿעלדער...
קיין קלאַנג
און קיין טראָט,
און קיין שטים,
און קיין ריר,
נאָר פּנימער,
קעפּ,
און געשטאַלטן אָן שיעור...

און ס׳בליקן די אויגן
ווי שרעקלעכע ליכטער,
און מאַנען און ברענען...
אָ, דעקט־צו די טויטע!
פֿאַרהענגט די געזיכטער!
מיר קענען נאָך גאָנטע
און ליבע דערקענען.
באַהאַלט זיי אין שוואַרצע
אין קילע אָרונות —
דאָס זײַנען מיליאָנען
פֿאַרגליווערטע מתים,
און לאָזט אָט די גרויסע,
די שוואַרצע לוויה
דורכציִען די וועלט.
מחנות גרויע קראָען
וועלן זיך צעשפּרייטן
און איבער אונדזערע קעפּ
דאָס ליד פֿון שלאַכטפֿעלד
קרעכצן,
די גייערס וועלן כליפּען,
שאַקאַלן וועלן וויינען;
נאָר שטום ביי יעדן אָרון
פֿון בײדע זײַטן גיין
וועלן דעם טויטנס פֿרײַנד,
און נאָנטע און באַקאַנטע,
דעם גאַנצן ערדקוגל,
ווי שוואַרצע לאַנגע בענדער
פֿאַרוויקלען וועלן זיי
די שורות פֿון אָרונות.
און פּוסט וועט ווערן, וויסט

אין אַלע שטעט און דערפֿער —
די גאַנצע מענטשהייט
וועט דאַן נאָכגיין דער לוויה,
ווײַל יעדעס שטיבל האָט
אַ טויטן אין דער רייע...

II

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
דאָס גאַנצע בלוט פֿאַרזאַמלען,
דאָס בלוט פֿון צען מיליאָן
אין איין פֿאַרשאָלטן ים,
און אויסבויען בײַם ברעג
פֿון איינזאַמע מצבֿות
אַ שטילע, שטילע שטאָט
פֿון פֿינצטערע פּאַלאַצן,
און דאָרט אַרײַנזעצן
די אַלע קריג־פֿאַרברעכערס,
די הענקערס פֿון דער וועלט,
געזאַלבטע קינדער־מערדערס,
געווילטע פֿרויען־שענדערס,
וואָס האָבן פֿײַערלעך,
אין פּורפּורנע געווענדער,
צוגעטראָגן האַס און מאָרד
אויף אַלע שטילע לענדער!
אָ, זאָלן זיי זיך דאָרט
אין דעם פֿאַרשאָלטן ים
טאָג־טעגלעך דרײַ מאָל באָדן!
אפֿשר וועט די שרעק,
די רויטע שרעק פֿון טויט,
כאָטש איין מאָל זייער האַרץ
מיט קאַלטן אײַז באַלאָדן.
אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
צונויפֿקלײַבן די קעפּ
פֿון אַלע צען מיליאָן
און אויסבויען פֿון זיי
אַ שויערלעכן[2] טעמפּל,
און דאָרט אַרײַנזעצן
די פּריסטערס פֿון דער וועלט,
וואָס האָבן טויט געבעטן,
און יעדע שלאַכט געבענטשט,
און יעדן מאָרד געהייליקט,
און, שטײַגנדיק צו גאָט,
אויף לײַבער פֿרום געטראָטן —
אָ, זאָלן זיי דאָרט שטיל
דעם גאָט פֿון שחיטות דינען
און קוקן טאָג ווי נאַכט
די שאַרבנס אין די לעכער!
אָ, אפֿשר וואָלט די שרעק,
די שוואַרצע שרעק פֿון טויט
כאָטש איין מאָל זיי אין האַרץ
מיט נעגל קאַלט געדרונגען.

אָ, ווען מען וואָלט געקאָנט
פֿאַראייניקן צוזאַמען
פֿון אַלע צען מיליאָן
דעם לעצטן וויגעשריי,
דאָס קריצן פֿון די ציין,

[2] אויפֿטרייסלענדיקן.

דאָס יאָמערן און בעטן
פֿון די וואָס ס'האָט צעפּליקט
דער גיהנומדיקער פֿלאַם!
פֿון גאַזגיפֿט דערשטיקט
און לעבעדיק פֿאַרשאָטן,
פֿון מענטשנהענט צעהאַקט,
פֿון פֿערדנפֿיס צעטראָטן,
פֿון די וואָס האָבן לאַנג
געזונקען אינעם שליים,
ביז ס'האָט די שוואַרצע ברייִ
זיי קאַלט דאָס האַלדז פֿאַרגאָסן,
און צוגעדעקט מיט שמוץ
דעם לעצטן גסיסה־רוף!
וואָס פֿאַר אַ שטורעמווינט
עס וואָלט דאַן אויסגעבראָכן!
וואָס פֿאַר אַ הוראַגאַן
וואָלט אויפֿגעשטאַנען דאַן!
עס וואָלט דער הימל הויך
צעריסן גלײַך ווי פּאַרמעט
און אָפּגעווישט פֿון דר'ערד
די קרעציק אַלטע וועלט.

III

די טויטע שטייען־אויף,
די גלאָקן שלאָגן שטורעם.
דער אָונט־הימל ברענט.
די ברעגן טריפֿן בלוט.
דער דונער קנאַלט.
ווי אַ שטויב צום הימל
שטײַגן זײַלן רויך
און וואָלקנס קײַקלען זיך
אין פֿלאַמען אויפֿן באָדן,
און טורעמס טראָגן זיך,
ווי בלעטער אין דער הויך.
דאָס ציט זיך ניט פֿאַרבײַ
קיין שוואַרצע וועלט־לוויה!
מען טראָגט קיין מתים ניט
פֿאַר אײַך אין שטיל געוויין!
דאָס שוועבן צען מיליאָן
צעיאָגטע רויטע אָדלערס,
ווי פֿלאַמענדיקע וואָלקנס
אויפֿגעקנוילט געדיכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן,
דערוואַכטע קבֿרים־ברידער,
ווי נקמה־באַטאַליאָנען
צו דעם וועלטגעריכט.
דאָס שוועבן צען מיליאָן
אַ שרעקלעך חובֿ צו מאָנען,
אַ חובֿ פֿון בלוט און פֿלייש
און העלע יונגע יאָרן.
ווי גרויס דאַרף זײַן דער האַס!
ווי שטורעמדיק דער צאָרן,
געטורעמט הויך אין בערג,
ווי אַ צעיאָגטער ים!
ווי שוידערלעך די שטראָף!
ווי הערלעך די נקמה,
וואָס פֿלאַקערט איבער זיי
גלײַך ווי אַ הייליקער פֿלאַם!

VI

האַלבע נאַכט.
פֿעלד און ווינט.
וואָלקנס ציִען,
גלײַך, ווי מחנות פֿייגל בלינד.
וויסטע ווײַטן.
זאַמדיקע בערגלעך.
טויטע שטעט אויף טויזנט מײַל.
אויסגעשפּרייט אויף אַלע זײַטן,
לאַגערט אַ מיליאָנען־חיל.
ניט קיין אָטעם, ניט קיין וואָרט,
ניט געשלאָפֿן, ניט געוואַכט,
יעדער זעלנער אויף זײַן אָרט
שטאַרט און וואַרט די האַלבע נאַכט.

האַלבע נאַכט.
די ווײַטן ברומען —
עס האָט די שעה געשלאָגן באַנג.
האַלבע נאַכט... אין תּהום,
אין שטומען,
פֿאַלט אַן עכאָ פֿון אַ קלאַנג:
וויגט זיך אום,
וויגט זיך אום,
ווי אַ לעצטער לייבנברום,
הייבט זיי אויף און פֿאַלט־אַנידער,
וועקט און שרעקט דאָס פֿעלד אַרום;
עפֿנט־אויף די שטילע גריבער,
דרינגט־אַרײַנעט אומעטום.

שאַלט אין שוואַרצן קבֿר שווײַגן,
טרייסלט־אויף די טויטע ביינער,
און די מתים נעמען שטײַגן,
ווי די קראָטן
פֿון די שטיינער,
ווי די שאָטן
פֿון די קבֿרים,
קומען־אָן פֿון אַלע זײַטן:
ווער צו פֿוס און ווער צו רײַטן
אויף זײַן טויטן ביינערפֿערד,
ווער עס טראָגט דעם קאָפּ אין אָרעם,
ווער אין ברוסט אַ טעמפּע שווערד.
ווי די גראָזן פֿון דער ערד
וואַקסן זיי געדיכט, געדיכטער,
אַלץ די זעלביקע געזיכטער:
ווײַסע קנאָכן, שוואַרצע לעכער,
איינער ענלעך צו דעם צווייטן,
ווי אַ שאַרבן צו אַ שאַרבן,
ווי אַ טויטער צו אַ טויטן.
גלײַך, ווי קנוילן, קנוילן פֿליגן
אין אַ הייסן שווערן טאָג,
הייבן זיי זיך אויף און וויגן
לאָזן זיך צוריק אַראָפּ.
זאַמלען־אויף זיך און צעשפּרייטן,
פֿולן־אָן דעם גאַנצן רוים,
קײַקלען זיך אין אַלע גאַסן,
שטייען אונטער אַלע פֿענצטער,
קנאַקן מיט די האַרטע ביינער

יעדן שלאָפֿיקן אין טרוים.
טריק־טראַק, טריק־טראַק...
אין די ליידיקע קאַפּעען,
אין די קירכן און שפּיטעלער,
אין פֿאַבריקן און געשעפֿטן,
אין די שולן און געריכטן,
נאַכט־אַזילן, טאַנצזאַלן,
פֿרויען־הײַזער, ווײַן־לאָקאַלן,
אומעטום, אין אַלע ווינקלען,
גייט דער מתים־קאַראַהאָד.
שפּרייט מיט גרויע אומעט־נעצן,
קבֿרים־לופֿט און גסיסה־יאוש,
מידיקייט פֿון טויטע גלידער
און דעם פּוסטן שאַרבנשפּאַט.
טריק־טראַק, טריק־טראַק...
אויף די טרעפּ און אין די
שטיבער
טאַנצן געסט פֿון קאַלטע גריבער,
טאַנצן געסט פֿון שוואַרצן סוד.
ווער עס האָט אַ טויטן חתן,
ווער אַ טאַטן, ווער אַ מאַן,
אַלע, אַלע, וועלכע טראָגן
אויף די פּלייצעס קבֿרים־לאַסט.
יעדן, יעדן אין דער פֿינצטער
וויגט זיך אויף די טרעפּ זײַן
גאַסט.

טריק־טראַק, טריק־טראַק...
אויסגעלאָשן אַלע פֿלאַמען!
נישט נקמה, נישט קיין שטראָף,
איבער אַלעמען צוזאַמען
מתים־טאַנץ און וויסטער שלאָף.
ביז דער טאָג וועט קומען ווידער,
קנאַקן מיט די האַרטע גלידער,
און עס קלינגט דאָס טויטנליד:

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
ווער גייט שנעל אין קאַראַהאָד?
איינער איז בײַ אונדז ניטאָ!
אַלצדינג ענדיקט זיך אויף גראָד:
נומער טויזנט, טויזנט צען,
הונדערט טויזנט און מיליאָן.

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
נעמט זיך אַלע פֿאַר די הענט!
ווער עס האָט זיי,
און ווער ניט —
דער זאָל טאַנצן אין דער מיט.
רעגימענט בײַ רעגימענט!
באַטאַליאָן בײַ באַטאַליאָן!

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
פֿרעגט ניט קיינעם ווער ער איז,
פֿרײַנד צי שונא, אָרעם, רײַך —
אַלע זײַנען בײַ אונדז גלײַך:
קיינער האָט זײַן גרוב געוויילט
און די וווּנדן ניט געציילט.
קבֿרים־ברידער זײַנען מיר,
נומערן, וואָס קיינער קאָן״.

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
קנאַקט די ביינער אינעם טאַנץ!
מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ —

פֿאַרן טויט איז אַלצדינג גאַנץ.
היי, קאַפּעליע, גיט דעם טאָן,
הייבט דעם טויטן ניגון אָן״:

„איר, די קריצערס פֿון די ציין,
איר, די ווערגערס פֿון געוויין,
כאָרכלער אינעם אייגן בלוט,
יאָמער אין דער לעצטמינוט,
פֿויסטנפּויק און וויגעשריי —
שטעלט זיך אַלע אין איין ריי!

ווער אַ מוטערקלאָג עס קאָן,
זאָל זיך שטעלן אויבן אָן!״

„טריק־טראַק, טריק־טראַק...
שנעלער, איבער שטאָט און
דאָרף,
איבער וואַלד און איבער פֿעלד,
אונדזער טאַנצזאַל איז די וועלט!
היי, מאַכט ברייטער ברייט די
ראָד,
ביז עס קרייט דער רויטער האָן!״

## דוד אײנהאָרן

# אַ באַלאַדע פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

האָט מײַן שכן מיך פֿאַרטריבן
און זיך אין מײַן הויז פֿאַרקליבן.

נע ונד, גלײַך ווי דער ווינט,
גיי איך אום מיט ווײַב און קינד.

פּלוצלינג זע איך אויף די וועגן,
ווי מײַן שכן קומט אַנטקעגן.

— היי, מײַן שכן, זאָג מיר: ווער
האָט דיך אויך פֿאַריאָגט אַהער?

— גאָט זאָל זיך אויף מיר דערבאַר׳מען!
ביט געקאָנט זיך דאָרט דערוואַר׳מען,

ווי איך האָב דײַן הויז גענומען,
איז אַ פֿרעמדער אָנגעקומען

און מיך פֿון דײַן הויז פֿאַרטריבן,
און אַליין זיך דאָרט פֿאַרקליבן.

זיצן מיר זיך אויף אַ שטיין
און מיר טראַכטן ווו צו גיין.

אויבן ליגט אַ גרויער הימל,
אונטן וועלקט אַ בלויער בלימל,

זאַמדיק, פּײַכט, ליגט ווײַט דער שליאַך,
ניט קיין פּאַרקאַן, ניט קיין דאַך.

פּלוצלינג, זע: עס קומט פֿון ווײַטן
אונדזער פֿרעמדער ווילד צו רײַטן,

מיט אַ טוך דעם קאָפּ פֿאַרבונדן
און דאָס בלוט טריפֿט פֿון די וווּנדן.

— היי, דו פֿרעמדער אויפֿן פֿערד,
ווער האָט דיך אַהער באַשערט?

— גאָט זאָל זיך אויף מיר דערבאַר'מען,
ניט געקאָנט זיך דאָרט דערוואַר'מען.

בײַ די לעצטע אָוונט-שטראַלן
זײַנען רויבערס מיך באַפֿאַלן,

הויז און שײַער — אַלץ פֿאַרברענט,
קוים זיך ראַטעווען געקענט.

האָבן מיר זיך אויפֿגעהויבן,
אָן אַ גאָט און אָן אַ גלויבן,

און זיך אין דער ווײַט געלאָזן,
גלײַך ווי שפּרײַ פֿון ווינט געבלאָזן,

קעגן ווינטער, שניי און קעלט,
דורך אַן אויסגערויבטער וועלט.

# 6

# איבער דער שטאָט

# אַ לאַנד נאָך קיין מאָל ניט געזען

און אָפּטער דאַכט זיך מיר,
איך האָב מײַן וועג פֿאַרלאָרן:
ער ציט זיך אַזוי גלאַט
צווישן צײַטיקע קאָרן,
קיין גרוב ניט פֿאַרן פֿוס,
קיין שטיין ניט פֿאַר די קני,
און לאָנקעס גרינע ווײַט,
און סטאַדעס פֿעטע קי;
אַ מילדע מיטאָגזון
און הײַזער בײַ דער זײַט,
און אָפֿן יעדע טיר
פֿאַר פֿרעמדע פֿון דער ווײַט;
און שטיל בײַ יעדער שוועל
דער באַלעבאָס זיך שטייט,
און ציט דיר אויס זײַן האַנט
און האַלט דעם טיש דיר גרייט.
אַ וווּנדערלעכע לאַנד!
נאָך קיין מאָל ניט געזען...
האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט ווו?
האָב איך מײַן ציל פֿאַרזען?
צי איז דאָס בלויז אַ בילד
פֿון שׂטן אויסגעוועבט?
צי האָט מײַן גלויבן שוין
אין גאָט זיך אויסגעוועפּט?
דאָס איז די מידקייט,

וואָס וויגט מיך אַזוי איַין,
וואָס האָט פֿאַרשיכּורט מיך
ווי אַלטער, שטאַרקער וויַין.
דאָס איז דער צווייפֿל שוין,
וואָס בייגט מיר מיַינע קני,
דאָס שווערע לאַנגע גיין
און ניט־באַצאָלטע מי.
באַלד וועל איך אָט אַזוי
זיך לייגן שטיל ביַים ברעג
און מיט אַ האַלבן בליק
דערזען מיַין וויסטן וועג:
צוקאָפּנס בלויז אַ שטיין,
אַ דאָרן ביַי די פֿיס,
פֿון קיינעם ניט געגלעט;
באַטראַכטן ווי דער ווינט
פֿאַרוויית מיַין לעצטן טראָט
און אויסגיין אָט אַזוי —
דערבאַרעם זיך מיַין גאָט!

פּאַריז, מיַי 1939

## פרילינג אויף דער שטאָט

1

ביַי נאַכט האָט צוגעדעקט די שטאָט
אַ שווער געלאָדענער געוויטער.
מידיקייט, ווי הייסער בליַי,
שלעכטער שנאַפּס,
זינדיקע פֿאַרלאַנגען,

ווי גרינע קריכנדיקע שלאַנגען.
אַ ביטערקייט אין מויל
און טאַבאַקרויך אין אויג.
טרינקערס אין די שענקען
האָבן פֿויל
געזויגן דעם אַבסענט [1],
און פֿון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען
דערזען צום ערשטן מאָל
די טונקעלע פֿאַרשטויבטע לעמפּלעך
און די פֿאַרשמירטע ווענט,
די שוואַרצע שפּאַלטן
אינעם מאַרמאָר פֿון די טישלעך
אין די פֿאַרראָסטע ברוינע
פֿלעקן אויף די שפּיגלען.
און נאָך דעם, שלעפּנדיק די פֿיס
מיט אַן אומבאַקאַנטער שרעק,
פֿאַרבײַגעשלײַכט
די אַלטע קלויסטערווענט,
די פֿינצטערע שפּיטעלער;
און ציילנדיק די עכאָס
פֿון די טריט.
מיט שווייסיקע און קאַלטע פֿינגער,
געדריקט דעם שליסל
פֿונעם טויער.
און אַז די לעצטע מויד
האָט טרויעריק,
מיט גראָבע רייד,
פֿאַרלאָזט איר גאַסנעק,

---

[1] אַלקאָהאָל.

האָט, ענדלעך, אויפֿגעפּלאַצט
דער שוואַרצער דעק,
און אָפּגעבראָכן האָט דער הימל
דעם גאַנצן עקל
פֿון דער שטאָט:
דעם גאַסנשטויב,
דעם גאַזאָלין,
די ריחות פֿון די יאַטקעס,
רעסטאָראַנען,
דעם שאַרפֿן מענטשנשווייס,
די ביליקע פּאַרפֿומען
צוזאַמען מיטן רויך פֿון די פֿאַבריקן.
די שטאָט איז פּלוצלינג
שטיל געוואָרן,
טויט...
נאָר ערגעץ ווו
האָט נאָך געכאָרכלט אַ מאָטאָר —
פֿאַרשפּעטיקטע שיכּורים.
און אין די אַלטע געסלעך־היילן,
שטיל,
געשפּאַנט,
מיט לויער פֿול,
צו צווײ,
צו דרײַ,
אויף שטילע גומענע רעדער
די קרימינאַל־פּאָליציי,
פֿון צײַט צו צײַט,
באַגלייט מיט אַ רעפּאָרטער,
און הינטער זיי —

דער אַמבולאַנס
מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענער שװעסטער.

2

אין לופֿט האָט װי אַ ליכטקײט
דורכגעװײט.
גרינער אַמעטיען [2]-גלאַנץ,
העלער בלוי,
ביז טיף אין צאַרטן ראָז —
אַ ליכט פֿון אױסגעטרוימטע װעלטן.
אין די שפּיטעלער
איז דאָס אָט׳מען
רויִקער געװאָרן.
די קראַנקע
האָבן אױפֿגעהערט צו קרעכצן,
אין האַלבן שלאָף,
די יוגנט זיך דערמאָנט;
די טויטע מאַמעס
זײַנען שטיל אַראָפּ,
מיט קילע הענט
אין חלום זיי געצערטלט;
און אויף די בלויע ברעמען
האָבן טרערן זיך באַװיזן,
קלאָרע,
קינדערשע;
און אױסגעװײנט
האָבן די קראַנקע

[2] פּיאָלעט-קאָליר.

אין אָפּגעשוואַכטן פּיבער
דעם גאַנצן צער,
די איינזאַמקייט פון לעבן,
באַליידיקונג,
אַנטוישונג און פאַרדראָס.

3

אין די רעווירן [3]
האָט דער פרישער פאַנג
זיך, ענדלעך, אויסגעלייגט
אויף די פאַרשמירטע נאַרעס.
נאָך שעהען לאַנג
אַרומלויפן אין קאַמער,
פאַרפאָלגט פון אייגענעם
קאָשמאַר,
פון חשד, פון האַס,
האָט ענדלעך מיד
דער קערפּער נאָכגעגעבן
און זיך אַליין
פאַרשיכורט מיטן שלאָף:
ווי טויטע נאָך אַ שלאַכט,
אין פרישן בלוטפאַרשמיר
מיט אייגענעם און פרעמדן,
באַוועגונגלאָז,
אָן טרוימען און וויזיאָנען.
בלויז פון די גראַטעס
האָט אַ בלוי באַרויזטע ליכט
געראַנען, ווי פאַרגעבונג,
און אויסגעגלעט אַ פאַלב
אויף אַ פאַרקרימטן פּנים.
און פון אַ ווינקל האָט
ווער אָפּגעאָטעמט שטיל,
נישט וויסנדיק אַליין,
געמורמלט
„פאָטער אונדזער“...

4

אַ העלע ליכט
האָט אָפּגעווישט די שטערן.
אַן אַלטע פרוי
מיט אַ צעפרעסן פּנים
און אָפּגעפוילטער נאָז
האָט הוסטנדיק
געטאָן אַ בלאָז
און אויסגעלאָשן שנעל
אַ רויט לאַמטערן.
פון טײַך האָט אויפגעטויכט
אַ גרויער נעפּל
און אָפּגעדעקט
די שוואַרצע קוילן־באַרקן [4],
דערנאָך געבליבן הענגען
אויף לאַסטקראַנען און מאַסטן.
פון ערגעץ אויף אַ דעק
געוואָיעט האָט אַ הונט,

---

[3] קרײַזן. — [4] טראַנספּאָרט־שיפן.

און אונטערן בריק
האָט פֿײַפֿנדיק געגאַוועוערט
אין באָרד אַרײַן
אַן אַלטער וואַגאַבונד
און אויסגעכראָפּעט
דעם לעצטן שלאָף פֿון מאָרגן.
און פּלוצלינג האָט
אַ טשוויטש געטאָן אַ פֿויגל:
טשיק...
טשיק...
טשיריק...
אין גאַס איז דורכגעפֿאָרן
דער מילכמאַן מיט די קאַנען,
אַ טויערסקריפּ.
טריט.
אַ ווײַטער פֿײַף פֿון באַנען,
דאָס וואַסער האָט ווי בלוט
גענומען רינען.
באַגינען...

5

און אויפֿן אַכטן שטאָק
געשטאַנען איז אַ קינסטלער
און מיט דער האַנט
געגלעט די לאַנגע האָר.
און פֿון זײַן בוידעמשטוב
דעם פֿאַרבנשפּיל באַטראַכט:
דעם דעכער־ים,
דעם דינעם מאָרגן־שלייער,
וואָס האָט אין העלן גרוי
די פֿאַרבן אײַנגעזאַפּט;
די שטילקייט
און דעם נעפּל,
און דאָס ליכט.
די שטאָט האָט זיך
פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאַנדשאַפֿט.
און אים האָט זיך געדאַכט:
ער איז אַ וואַנדערער,
אַ פֿרײַער וואַנדערער,
ווו אין אַ ווילדן לאַנד:
חורבֿות,
היילן,
פֿעלדזן,
גרויע וואַלגער־שטיינער,
ווילדע שטרויכן,
איינזאַמקייט
און גאָט...
און דאָס, וואָס רייכערט זיך
דאָרט בײַ די ברעגן —
ווולקאַנען רויך,
און דער אַספֿאַלט וואָס גלאַנצט

שטילע וואַסערן,
און דאָס וואָס ווײנט
און קרעכצט הינטער דער וואַנט,
אַ סאָוועגעסט אין פֿעלדז.
ער האָט זיך אָפּגעקערט,
און מאָרגן בין השמשות

מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס
געלעגן איז פֿאַרשלאָפֿן
זײַן מאָדעל,
עליזאַוועט,
די שנײַדערקע פֿון הויף.
איר פּנים האָט גערויזט,
דאָך האָבן זיך
די ווינקלען פֿון איר מויל
געקרימט, ווי אויף צו וויינען.
און פּלוצלינג האָט
דער וועקער פֿון קאַמין
גענומען האַסטיק קלינגען
און נאָך אים
האָבן זיך
צעיאָמערט די סירענעס.
פֿון אַלע זײַטן
טרויעריק, צעצויגן,
גלײַך ווי זיי וואָלטן
עמעצן באַקלאָגט.

6

דער נעפּל האָט זיך אויסגעוועפּט.
און איבער דעכער,
לעכער,
ווענט
און קוימענס,
שמאָלע הויפֿן,
ניט געקערטע גאַסן,
האָט די זון גענומען שטײַגן,
ווי אַ געשפּענסט, —
אַ רויטער קאָפּ,
פֿאַרהילט אין ברוינעם רויך.
די גאַנצע שטאָט
האָט אָנגעהויבן גליִען,
ווי אַלטער אײַזן.
און פּלוצלינג אויפֿגעשטיגן
פֿאַרן קינסטלער
אין אַ שרעקלעכער וויזיאָן,
אַ בילד פֿון דאַנטעס גיהנום.
דער רויטער קאָפּ —
אַ ריז מיט פֿײַערדיקע בײַטשן.
אַ שמיץ איבער דער שטאָט,
דאָן נעמען דונערן
די שטאָרן פֿון די קראָמען,
פֿאַבריקן־קלאַג
און אַלטער טירנסקריפּ.
אַ צווייטער שמיץ,
און פֿון טיר און טויער
נעמט לויפֿן ווילד
אַ האַלב פֿאַרשלאָפֿן פֿאָלק:
ווײַבער,
מענער,
קינדער.
עס ציטערט דער אַספֿאַלט
פֿון האַסטיקן געיעג,
ווי פֿון אַ שׂריפֿה,
ווי פֿון אַ שווערן אומגליק
און אין געלאַף —
דאָס קלינגען פֿון טראַמוויַען

אין אויטאָבוסן־ברום,
און סטאַדעס רויטע, געלע, גרינע אויטאָ־אָקסן
מיט אַ געברום
אין מיטן פֿון דער מחנה.
און אַלץ צוזאַמען
טרײַבט,
שפּאַרט,
יאָגט,
ביז די גאַסן
ווערן פֿול געשטאָפּט,
געלאָדן אַזש צום פּלאַצן.
אין רעכטן קעסלגרוב —
אַ פּלאַץ פֿון זיבן גאַסן.
צוזאַמענשטויס...
אַ טרויער־פֿאַעטאָן
און לוקסוס לימוזינע,
צווישן זיי צעקוועטשט
אַ לאַסטוואָגן מיט קוילן.
און פּלוצלינג איז געבליבן
אַלצדינג שטיין.
געשריי,
געוואַלד,
קללות
און געבריל
פֿון אַלערליי בהמות און פֿון חיות.
און איבער אַלץ
אַ הייסע פֿרילינגזון,
און ליכט,
ווי פֿליסיקער מעטאַל,
וואָס דריקט די ברוסט

און שווינדלט פֿאַר די אויגן,
און צאַפּט דעם שווייס,
און מאַכט דאָס בלוט געדיכט,
שפּאַרט־אָן מיט רויטע
אָדערלעך די אויגן
און טריקנט־אויס
דעם לעצטן זאַפּט פֿון מויל.

7

מיטאָגרו.
אַ לעכצן נאָך אַ רעגן.
אויף די קאַשטאַנען
ליגט אַ שטויב.
דאָס בלײַעכץ, וואָס אויף זיי,
ווי אָפּגעברענטע ליכטלעך,
האַלב צעשמאָלצן,
אין אַ געלן וואַקס.
דער הימל בלוילעך געל
און אָפּגעקראָכן,
ווי דער סופֿיט
פֿון אַ פֿאַרלאָזטן פּאַלאַץ.
עס שמעקט די לופֿט
מיט צוגעברענטן פֿלייש,
מיט ציבעלע,
מיט שווייס,
מיט גאַזאָלין
און רעדעראײל.
איצט זײַנען פֿול
די קליינע רעסטאָראַנען.

און פֿאַר די טישלעך
מיט פֿינף פֿאַרטעמפּטע חושים
פֿון אַרבעט און פֿון היץ,
זיצן מענטשן,
ווי אין האַלבן שלאָף,
מיט צײַטונגען
פֿאַרהאָנגען די געזיכטער.
און פֿון די צײַטונגען
מיט גרויסע אותיות
קריכט אַ שרעק,
פֿאַרשמירט אין בלוט און תּאווה,
מיט אַ פֿאַרשטיקטן כאָרכלען
און לעצטן גסיסה־רוף...
הרוגים פֿון דער נאַכט...
אָט שלײַכט אַ יונגע פֿרוי
אין גאַנצן נאַקעט,
שטײַפֿע בריסט
און פֿײַן געקרײַזלטע האָר.
איר קערפּער אָבער
איז צעטיילט אין שטרײַפֿן,
גענייט מיט נעט,
גלײַך ווי אַן אויסגעשטאָפּטער
מאַנעקין...
„ניט ווײַט פֿון פֿינפֿטן בריק,
בײַם אַלטן שיפּוס־קאַנאַל,
האָט זיבן אין דער פֿרי
אַן אַרבעטער געפֿונען אַ פּאַקעט
מיט טיילן פֿון אַ פֿרויען־קערפּער...
דער מערדער אומבאַקאַנט" — — —

„אין צפון־טייל פֿון שטאָט,
אין אַ האָטעל,
אַ יונגן־מאַן
דעם קאָפּ צעשמעטערט
מיט אַ האַרטן אײַזן —

דער מערדער אומבאַקאַנט״ — — — —

אין מזרח־טייל פֿון שטאָט
אַ קליין דערשטיקטע קינד —

דער מערדער אומבאַקאַנט״ — — — —

און פּלוצלינג כאַפּט־אַרום
אַ קעלט דעם מידן לייענער.
לעם אים, בײַם צווייטן טיש,
דאָרט זיצט אַ יונגער־מאַן,
מיט אַ פֿאַרוואַקסן פּנים,
אין גרויסע, שוואַרצע ברילן.

„דער מערדער אומבאַקאַנט״ — — —

און יענע דאַמע דאָרט,
מיט פֿינגער ווי צום ווערגן.
דאָס קינד...

„דער מערדער אומבאַקאַנט״ — — —

עס שמעקט מיט בלוט,
און זויער ווערט אין מויל.
עס לייגט זיך ווי אַ שאָטן
אויף דער שטאָט
אַ שטילער, שוואַרצער חשד.
מען טאַפּט די קעשענעס,

מען מײַדט זיך העפֿלעך אויס,
מען טראַכט פֿון שאַפֿן זיך געווער
און דעטעקטיווע אַרבעט.
און זע:
אָט קומט די צווייטע פּראָצעסיאָן
מיט שטילע טריט —
די זעלבסטמערדערס פֿון נעכטן.
פֿינף, זעקס, זיבן, אַכט,
פֿאַרהילט אין אײנזאַמקייט, אין נאַכט.
און פּלוצלינג נידערט פֿון די
סאַלקעס, קעלערן און בוידעמס
די אײנזאַמקייט פֿון יעדן מאַן אַראָפּ.
און יעדער זעט
זײַן גרויען וווינונג־צימער,
אין שפּיגל — זײַן פֿאַרלאָשן בליק,
און אוי, אין מיטן פֿון סופֿיט —
דעם בראָך פֿון לאָמפּ
און, וויגנדיק,
פֿון אַלטן קאָרב די שטריק.

8

די זון האָט טרוקן
אָנגעגליט
די יוועליר־וויטרינעס;
עס האָבן גיריק
זיך צעפֿינקלט די בריליאַנטן;
בראַסלעטן,
רינגען,
אוירינגלעך

און האַלדזבענדער —
זיי האָבן ווי געגאַרט
נאָך צאַרטן מענטשנפֿליש.
די תּאווה האָט פֿון זיי
געשטראַלט מיט אַלע פֿאַרבן
און אָנגעצונדן שטיל
די אויגן פֿון די מוידן,
וואָס האָבן זיך געדרייט
אַרום די שפּיגל־פֿענצטער
און דאַרשטיק נאָכגעקוקט
איעדן מענערטראָט.
זיי האָבן שטיל געשאַצט
דעם ווערט פֿון די קאָסטיומען,
דעם קאַפּעלוש,
די געלע שיך.
דאַן האָבן זיך די רויטע ליפּן
אויסגעקרימט
ווי אָנגעשוואָלענע ווונדן,
די בליקן האָבן אויסגעגלאָנצט
ווי קאַלטער שטיין —
דער אָפּגלאַנץ פֿון בריליאַנטן.
די קורצע קליידלעך
האָבן אויסגעפּאַכט פּאַרפֿומען.
די פֿלאַכע בריסט —
קאַלט אָפּגעשוויצטן לײַב.
פֿרילינג אין דער שטאָט —
געפֿאַרבטע בלומען
אויף דראָטן אָנגעשטעקט.

בײַם ראָג שטייט שטאַר אַ פֿרוי
און האַלט אַ קאָרב פֿיאַלקעס —

א פּרילינג־רעגן
נידערט אויף דער גאַס.

9

די גאַסן זײַנען לער.
די שאָטנס — לענגער.
פֿאַר די קאַפֿעען
זיצן מענטשן שטום
און זופּן לימאָנאַד:
פֿאַראַרעמטע רענטיאַרן,
באַנק־באַאַמטע אָן א שטעל,
געשעפֿטסלײַט אָן געשעפֿט,
בירזשע־מעקלערס אָן אַגענטן.
די זאָרג האָט זיי אַרויסגעיאָגט
פֿון שטוב.
איצט זיצן זיי
און וועבן זיך געדאַנקען.
דער קאָפּ —
אַן אָנגעגליטער זאַמד:
רולעטקע,
קאָרטן,
פֿערדגעיעג,
געפֿעלשטע טשעקן,
און אפֿשר ווערן
א באַשיצער פֿון א מויד...
זיי האַלטן צײַטונגען
און לייענען זייער גורל
און וועגן זיך:
דאָ תּפֿיסה,
דאָרטן גאָלד.

10

א קילער ווינט
פֿאַרבלאָנדזשעט האָט אין שטאָט
און זיך צעדרייט
אין רעדלעך פֿאַר די ראָגן.
עס האָבן מיטגעטאַנצט,
פֿאַרוועלקטע פֿאַר דער צײַט,
בלעטער געל,
רעקלאַמע־צעטלעך,
פלאַקאַטן־שטיקלעך,
אָפּגעפּליקט פֿון וואַנט.
א טאַנץ —
גלאַט אין דער וועלט אַרײַן...
די זון איז שוין געשטאַנען
הינטער דעכער.
און ווידער איז אין גאַס
געוואָרן א געלאַף.
מען האָט געיאָגט,
געשפּרונגען אויף די אויטאָס
און אָנגעהאַנגען זיך
אויף יעדן אויטאָבוס —
אַן אומגליק איז געשען.
איצט לויפֿט די שטאָט צוריק
פֿון פֿײַער אינעם וואַסער.
א שׂריפֿה האָט צעגליט
דעם גאַנצן מערבֿ
און אָנגעצונדן אַלע
פֿענצטער אין דער הויך.

שטויב און רויך,
און שוויס,
און טויטע אויגן,
אָן שרעק,

און אימפּעט אָן אַ צוועק —
עס קאָכט.
עס רוישט.
און טיף, אין מיטן טומל,

די שטימען פֿון די צײַטונג־ייִנגלעך:
— אין כינע ברענט...
— עס פֿלאַקערט נאָך אין רוסלאַנד...
— אינדיע רייכערט זיך...
— אַראַביע צינדט זיך אָן...
— אין ענגלאַנד הערט מען סמאַלינעס...

מען כאַפּט אין לויף
אַ צײַטונג מיט די בשׂורות.
אויף אַלע דעכער
צינדן זיך סיגנאַלן,
און טויזנט פֿײַערן
און פֿײַערדיקע אותיות,
און ראַדיאָ־מיקראָפֿאָנען
מיט ווילדע שטימען:
— אַכטונג!
— וואָרענונג!
— העלאָ!
— הערט!
נאָר קיינער וויל ניט הערן

און קיינער וויל ניט זען.
מען יאָגט די רו,
פֿון מידיקייט פֿאַרפֿאָלגט.

און אין אַ ווינקל,
אײַנגעטונקט אין שאָטן,
שטייט אַ בלינדער בעטלער
און טרילערט אויף אַ פֿלייט
אַן אַלטע לידל:
„דער פֿרילינג האָט צעעפֿנט
אַלע בלומען
און אויך מײַן האַרץ שטייט
אָפֿן איצט פֿאַר דיר“...

11

און אויפֿן אַכטן שטאָק אין בוידעמשטוב,
געשטאַנען איז דער קינסטלער און געקוקט.
אַ וואָלקן ברוין, מיט בלויען שטאָל באַזוימט,
האָט אויף דער שטאָט פֿאַמעלעך זיך גערוקט.

פֿאַרכמורעט, שטרענג און ברומענדיק פֿאַר זיך,
געלאָדן שווער מיט פֿײַער און מיט וואַסער,
פֿון צײַט צו צײַט האָט דורכגעצאָקט אַ בליץ.
פֿאַרצויגן האָט דעם ברוין אַ גרוי אַ נאַסער.
אַנטקעגן האָט עס ווונדערלעך געבלויט:
אַ הימל קלאָר, פֿול אייביקייט, אין פֿריידן —
אַ שטילער ים, וואָס שפּיגלט־אָפּ אין זיך
די אומבאַקאַנטע ברעגן פֿון גן־עדן.
און אונטן, ווײַט די שטאָט, ווי אַ מיראַזש,
מיט אירע טורמעס, בריקן און פּאַלאַצן,
מיט ליכטער פֿול, מיט אומרו און מיט רעש,
גלײַך ווי אַ קעסל אָנגעשפּאַרט צום פּלאַצן.
און פּלוצלינג איז די שטאָט געוואָרן בלאַס,
דערוואַרטונגפֿול, אָן אָטעמס און אָן קלאַנג:
די דעכער האָט אַ טויטע ליכט באַדעקט,
ווי בבֿל אין פֿאַרנאַכט פֿון אונטערגאַנג.
דער קינסטלער האָט דעם קאָפּ צוריק געווענדט,
דאָרט איז עליזאַוועט געזעסן בלייך,
ווי אין געבעט צונויפֿגעלייגט די הענט,
און האַסטיק האָט די טיר זיך אויפֿגעמאַכט,
גלײַך ווי אַ ווינטשטויס וואָלט זי אויסגעריסן.
אין צימער איז דער שלאָסער זשאַן אַרײַן,
אין האַנט אַן אָונטבלאַט, די ליפּ ביז בלוט פֿאַרביסן.

— וואָס איז געשען?

— דאָרט זע!

און זשאַן האָט שטאַר די פֿינגער אויסגעצויגן,
גלײַך ווי אַ וואָרזאָגער צום שוואַרצן קוימענוואַלד:

— וואָס זעען דײַנע אויגן?

— פֿאַרשוווּנדן איז דער רויך...

— די קעסלען שטייען קאַלט...
— און איצט...

דער טורעם־זייגער האָט געשלאָגן ניין.
אַ בליץ.
און אַלע ליכטער האָבן זיך פֿאַרלאָשן.
עליזאַוועט האָט זיך צום קראַן געוואָרפֿן.
— קיין וואַסער איז נישטאָ!
— דער גאַז האָט אויפֿגעהערט!
— איז די רו געקומען אויף דער ערד...

דער וואָלקן האָט אויף שטיקער זיך צעריסן
און ס'האָט אַ שטראָם פֿון וואַסער און פֿון פֿלאַם
געגומען ווילד די בלינדע שטאָט פֿאַרגיסן.
און שטימען דריי האָבן אין רעש געשריִען,
גלייך ווי אַ הימען צום אומבאַקאַנטן גאָט:
— פֿרילינג, פֿרילינג,
פֿרילינג אויף דער שטאָט!

1928

## האַרבסט אויף דער שטאָט

באַלאַדעס

### פּראָלאָג

גייט די האַרבסטזון אַרונטער —
אַ קופּערנער באַל
אין די פֿענצטער גליט־אויף
ווי אַ בלוטיקער שטראַל.
עס נעמט רוישן אַ טונקעלער

וואַלד אויף דער שטאָט.
פֿעלדזן שטײַגן אַרום
כוואַליעסרויש פֿונעם ים.
און די נאַכט —
פֿיר אומהיימלעכע ריזיקע ווענט,
און די שטאָט, ווי אַ ברונעם
אַ טיפֿער, וואָס ברענט.
בלויז אַ ליכטיקער פֿונק
אינעם אייביקן גראָ
בלויז אַ ציטער, אַ כוואַליע,
בלויז די זאָרג און די נויט,
ווי צוויי אַלטע אין וואַלד,
גייען שטיל און געניגט
אויפֿן נאַסן אַספֿאַלט.
פּלוצלינג עפֿנט זיך אויף
אין דער איינזאַמער גאַס
אַ טיר פֿון אַ הויף
און אַ דיכטער דערשײַנט
אָנגעפֿולט מיט אַ ליכטיקן
טרויער, ווי ווײַן,
און אַ ווייכער מוזיק,
ווי אַ שטילער געוויין.
דאַן דערהערט ער אין לופֿט,
ווי אַ קלאַנג פֿון אַ גלאָק,
און די צײַט נעמט אים שווימען
אַ טאָג פֿאַר אַ טאָג,
און כוואַליעס פֿון שטימען,
פֿאַראײנט אין אַ קלאַנג,
און דער צער פֿון דער וועלט
ברעכט-אויס, ווי אַ קוועל,

און די שטאָט ווערט אים פּלוצלינג
ווי דורכזיכטיק העל.

— 1 —

## אויף אַן אַרבעטער־באַל

ענג איז דער זאַל. די לופט
געדיכט.
פון די לאָמפּן טריבער ליכט.
די האַרמאָשקע שפּילט אַ ליד
און די פּאָרלעך טאַנצן מיד.
— און דו אַרבעטסט ?...
— אין פאַבריק.
— פון דער וואָך ?...
— ניין, פונעם שטיק.
— און פאַרדינסט ?...
— צוועלף פראַנק אַ טאָג.
— און דו וווינסט ?...
— אין זעקסטן שטאָק.
— האָסט אַ פריינד ?...
— אַ מאַמע בלויז.
— און די מאַמע ?...
— שאַפט אין הויז.
— און דער טאַטע ?...
— טויט אין קריג.
— ביסט נאָך דאַן ?...
— געווען אין וויג.
— מאָרגן ?...
— וועט דאָס זײַן ווי הײַנט.
— פאַר וואָס זוכסטו ניט קיין
פריינד ?...
— ביסט אַ לץ. אַ פריינד מיט
געלט
זוכט זיך בעסערס אויף
דער וועלט.
— ביסט גאַנץ שיין !
— דו מיינסט דאָך : יונג...
דאָס ברענגט נאָך ניט
דעם חופּה־רינג.
— און קומט דער רינג ?...
— איז עס אַ קייט.
און קומט אַ קינד,
דאַן הייסט דאָס : נויט.
— נו, איין מאָל לינק...
— נו, איין מאָל רעכט...
— אָט, ווי מען טאַנצט...
— אָ, טאַנצט מען שלעכט...
ענג איז דער זאַל. די לופט
געדיכט.
פון די לאָמפּן טריבער ליכט.
די האַרמאָשקע שפּילט אַ ליד
און די פּאָרלעך טאַנצן מיד.

קומט־אַרײַן אַ נײַער גאַסט,
שלאָגט־אַרויס אַ דאַמף אין
גאַס,
גיסט זיך מיטן נעפּל אויף
האַרבסטיק, טרויעריק אין
גאַס.

— 2 —

## דער שעף און זײַן סעקרעטאַרין

דער אַספֿאַלט —
אַ שוואַרצער שפּיגל.
מאָטאָררויש.
רעפֿלעקטאָר־בליץ.
לײַכט געטראָגן,
ווי אויף פֿליגל,
שוועבט דער אויטאָ
אויפֿן גליטש.
הײַזער קומען,
הײַזער פֿליִען,
ווי געשפּענסטער
ריזיק בלאַס.
פֿאָרנט גאָרנישט,
הינטן גאָרנישט,
און אַ שוואַרצער תּהום
די גאַס.
— לייג דײַן קאָפּ
מיר אויפֿן אַקסל.
— דו ביסט גראָב
געווען מיט מיר.
מיינסט איך בין
בלויז דײַנס אַ שקלאַפֿין,
וועלכע וואַרט
הינטער דער טיר.
— קינד, פֿאַרגיב,
דו ווייסט, פֿאַר פֿרעמדע
שרײַבסטו בלויז
אויף דער מאַשין.
אונדזער סוד דאַרף קיינער
/ וויסן,
איך און דו, נאָר מיר געניסן.
— כאַ, כאַ, כאַ,
דו ווערסט ראָמאַנטיש.
מיינסט, דיר איז
בלויז צוואַנציק יאָר.
האָסט פֿאַרגעסן
אַ פּאָר צענדליק —
צייל נאָר איבער
דײַנע האָר.
וואָס וואָלט זאָגן
דאָ דײַן אַלטע,
ווען זי זעט אונדז
אָט אַזוי?...
— איצט ביסטו שיין,
דו, קאָקעטע,
און איך בין

דער אַלטער נאַר.
— לאָמיר בײדע
זײַן פֿאַרנונפֿטיק —
זען די לאַגע,
ווי זי איז:
דו האָסט געלט
און איך האָב יוגנט,
ווער עס צאָלט,
דער האָט די טוגנט.
— לייג דײַן קאָפּ
מיר אויפֿן אַקסל.
האָסט אַ דאָפּלטן געהאַלט.
ווייסט מײַן וואָרט!...
— דו ביסט אַ זיסער!...
קאַלטער האַרבסט, בולאָנער וואַלד[4].
דורך די פֿינצטערע אַלייען
רוישט דער אויטאָ, ווי אַ ווינט.
מחנות טויטע, געלע בלעטער
יאָגן נאָך זײַן אימפּעט בלינד.

— 3 —

## צוויי פֿאַר אַ פֿענצטער

ס'איז אַ בוים — ניט קיין בוים...
ס'איז אַ הויז — ניט קיין הויז...
נאָר אַ שוואַרצער געריסט —
אויבן לײַכט אַ פֿירעק.
אונטן שטייט דאָרט אַ באַנק;
אויפֿן באַנק זיצן צוויי.
טיפֿע נאַכט אויף דער שטאָט,
טיפֿע נאַכט אַרום זיי.
— ביסטו מיד, ביסטו קראַנק,
פֿאַר וואָס שווײַגסטו אַזוי?...
— ניין, עס איז נאָר די שרעק

4 אַ שפּאַצירוואַלד אין פּאַריז.

פֿאַר דעם געלן פֿירעק.
— ס'איז אַ פֿענצטער, מײַן ליב.
— ניט דאָס פֿענצטער, מײַן פֿרײַנד.
ניט דאָס פֿענצטער, מײַן פֿרײַנד,
נאָר די פֿרעמדע פֿיר ווענט.
ווייסט, דער טאָג מאַכט אונדז טויב,
נאָך דעם שטומט מען בײַ נאַכט.
זיצן צוויי אין פֿיר ווענט,
ווי אין תּפֿיסה פֿאַרמאַכט.
און די ווענט זײַנען פֿרעמד
און דער קערפּער איז מיד,
און דאָס האַרץ איז פֿאַרקלעמט,
און ס'איז אויס מיט דעם ליד.

ס'איז אַ בוים — ניט קיין בוים,
נאָר אַ ריזיקע האַנט,
קראַצט מיט פֿינגער פֿאַרקוילט
אַ גראַניטענע וואַנט.
אונטן זיצן די צוויי,
קוקן שטאַרק אין פֿירעק,
און די האַרבסטיקע נאַכט
וויקלט־אײַן זיי אין שרעק.

— 4 —

## טאַנגאָ

די מעלאָדיע איז הייס און איז זיס,
און ווי שלאַנגען די ווײַבערשע פֿיס,
און די בריסט צום טענצער געפּרעסט,
און אַרום בײַ די טישלעך די געסט.

ס'איז אַ ליכט אָן אַ שאָטן, אָן גלאַנץ...
פֿון אַ טראָפּישן וואַלד איז דער טאַנץ...
און פֿון ווײַן איז ס'בלוט, ווי געגערט...
וואָס פֿאַרבאָטן, פֿאַרווערט, איז באַגערט.

— און מײַן מאַן פֿאָרט דינסטיק אַוועק,
האָט געשעפֿטן אויף עטלעכע טעג.
— איך דאַרף צאָלן צוויי וועקסלען, מאַדאַם,
און עס ווירקט אויף מײַן ליבע ווי סם.

— מעגסט זײַן רויִק, מײַן ליבער, ס'געלט
וועט אין צײַט צו דיר זײַן געשטעלט.
מאָרגן אָוונט אין זאַל פֿון האָטעל...
— יאָ, מאַדאַם, אײַער וואָרט איז באַפֿעל.

די מעלאָדיע איז הייס און איז זיס,
און ווי שלאַנגען די ווײַבערשע פֿיס,
און די בריסט צום טענצער געפּרעסט,
און אַרום בײַ די טישלעך די געסט.

— קענט איר ניט אָט די דאַמע, וואָס טאַנצט
מיט דעם טענצער פֿון אײַער לאָקאַל?...
— יאָ, ס'איז די פֿרוי פֿון באַנקיר,
איר מאַן זיצט בײַם טיש, לעם קלאַוויר.
— און ער ווייס?...

— אפֿשר יאָ, אפֿשר ניין,
יאָ, ווער קאָן די געזעלשאַפֿט פֿאַרשטיין?
אויבן אויף... אונטן אָפּ... ווי איר ווילט...
— סוף־כּל־סוף האָבן אַלע פֿאַרשפּילט.

די מעלאָדיע איז הייס און איז זיס,
ווי פֿאַרחלשט די ווײַבערשע פֿיס.

און די בריסט צום טענצער געפּרעסט,
און געשפּאַנט בײַ די טישלעך די געסט.

פּלוצעם האָט לעם קלאַװיר אױפֿגעקראַכט
װי אַ שאָס אין דער טראָפּישער נאַכט.
אַ געשרײ... אַ געלאַף... אַ געפּאַל...
און דער טױט איז אַרײַן אינעם זאַל.

דורך דער אָפֿענער טיר, נאַס און קאַלט,
האָט דער האַרבסט שטיל געשלײכט נאָכן טױט.
און בײַם שװעל אױפֿן פֿײַכטן אַספֿאַלט
האָט אַ בעטלער געבעטלט אױף ברױט.

— 5 —

## טרעפּ און טירן

טרעפּ אַרױף, טרעפּ אַראָפּ,
און בײַ יעטװעדן שטאָק
שטײען טירן פֿאַרמאַכט,
יעדע טיר מיט איר גלאָק.

הינטער יעטװעדער טיר
זיצן מענטשן אַלײן,
זיצן־אָפּ יאָרן לאַנג
און דערװאַרטן אַ קלאַנג.

גיט אַ גלאָק װען אַ קלונג,
נעמט עס זײ קלאַפּן אין האַרץ;
איז דאָס גרױסע געװינס?...
צי אַ בריװל אין שװאַרץ?...

קומט די נאַכט, װערט עס שטיל
אױף די הילצערנע טרעפּ
און אַן אומעט פֿאַלט־אָן,
װי אין האַרבסט אױפֿן סטעפּ.

און דורך שױבן צעהאַקט,
קוקט דער הימל אַרײַן,
װי אַ קופּער צעגליט,
מיט אַ רױטלעכן שײַן.

טרעפּ אַרױף, טרעפּ אַראָפּ,
אָן אַ הוט, אָן אַ ראָק,
קריכט אַ שאָטן אַרױף
צו דעם זיבעטן שטאָק.

און בײַ יעטוועדער טיר
שטעלט ער פּלוצלינג זיך אָפּ,
שאַרט־אַרום מיט די הענט,
שאָקלט שטיל מיטן קאָפּ:

— ווייסט דער טײַוול אַליין,
וווּ מײַן טיר איז אַוועק...
אַלע זײַנען זיי גלײַך
מיט דער זעלביקער שרעק.

ווען איך זאָג דאָס איז מײַן,
דאַכט זיך, לאַכן די ווענט.
זאָל אַ פּראַנק פּעלן בלויז
און מען וואַרפט מיך אַרויס.

און דער פּראַנק איז ניטאָ.
מאָרגן קען עס געשען.
כ׳האָב אַ לעבן פֿאַרלעבט
און מײַן טיר ניט דערזען.

ערגעץ ווו קלינגט אַ גלאָק,
אָפּגעציילטע צוועלף קלעפּ;
ערגעץ הויך בײַ דעם דאַך
הערט מען סקריפּען די טרעפּ.

— 6 —

## גאַז

אַ פֿאַרשטויבטער לעמפּל ברענט.
אַלטע, אָפּגעשיילטע ווענט.
אין אַ ווינקל איז דאָס בעט,
ניט געבעט און ניט פֿאַרבעט,
און דער טיש בײַם פֿענצטער שטייט
ניט געדעקט און ניט געגרייט —
פֿאַר דעם שטיקל טרוקן ברויט
איז גענוג אַ נאַקעט ברעט.
בלויז דער זייגער אויף דער וואַנט
שלאָגט די שעה מיט טויבן קלאַנג.
נאָר דער מאַן, וואָס זיצט בײַם טיש,
ציילט שוין ניט די שעהען לאַנג.
פּלוצלינג הייבט זיך אויף פֿון בעט
אַ פֿאַרדאַרטע קאָפּ און רעדט:
— זאָג, איך בעט דיך, זאָג, ווי שפּעט?

דאַכט זיך, אַז עס שלאָגט שוין אַכט,
און מען זעט נאָך ניט דעם טאָג.
ציט זיך אַזוי לאַנג די נאַכט?...
— ניין, מײַן ווײַב, אַ פֿאַלשער שלאָג;
צו דעם מאָרגן איז נאָך ווײַט.
שלאָף, מײַן ווײַב, דער שלאָף מאַכט גוט...
— צום קבֿר בין איך אויסגערוט.
זאָג, איך בעט דיך, ביסט געווען?...
— ניין, ניטאָ וווּהין צו גיין.
אַרבעט, זאָגט מען, אין מײַן פֿאַך
איז הײַנט צו טאָג אַ לוקסוסזאַך.
— אוי, און וואָס וועט זײַן, ווער ווייס?...
עס גיסט מיך אָפּ אַ קאַלטער שווייס.

שעה נאָך שעה עס זיצט דער מאַן,
פֿון ווײַטן פֿײַפֿט אַן אײַזנבאַן.
די פֿאָרשטאָט שווײַגט. אויף הויף און הויף
פֿאַרציט דער טויט אַ שוואַרצן שלייף.
פּלוצלינג הייבט זיך אויף דער מאַן,
גייט־אַרײַן אין קיך אָן טריט.
ס׳שלאָגט דער זייגער טויבער קלאַנג.
אין קיך נעמט שיפּען ווי אַ שלאַנג:
— ווי די נאַכט זי ציט זיך לאַנג!...
— גיי, מײַן מאַן, און לייג זיך אויך.
— אוי, די האַרבסטנאַכט האָט קיין סוף.
גאָט, גיב אונדז אַ לאַנגן שלאָף!

שטיל אין שטוב, און שטיל אין גאַס,
און אין דער שטילקייט שטראָמט דער גאַז.

1933

# 7

# אב הרחמים

## ס׳איז דאָ אַ שעה...

ס׳איז דאָ אַ שעה,
ווען דו בלײַבסט מיט גאָט אַליין
און פֿילסט דיך ווי אַ קינד,
וואָס קען צום פֿאָטער ריידן,
דערציילן אים דײַן פּײַן,
פֿאַרטרויען דײַנע ליידן
און מיט אַ שטיל געוויין
אים אויסגיסן דײַן האַרץ.
און גאָר ניט בעטן בײַ אים,
און גאָר ניט מאָנען בײַ אים,
נאָר עפּעס פֿרעגן אים,
און עפּעס אים דערמאָנען.
און מעג ער הילפֿלאָז זײַן,
פֿאַרטרויערט איצט ווי דו,
דאָך פֿול מיט פֿאָטערטרייסט,
מיט רחמים און מיט רו.

און אין אַ שעה אַזאַ,
פֿאַרלאָזן אויף די וועגן,
האָב איך אים זיך פֿאַרטרויט
און שטיל גענומען פֿרעגן:
— אָ, פֿאָטער טײַערער,
ווער ווייסט דאָס מער ווי דו,
ווי שווער עס איז אַ וואַנדערער צו זײַן,
אַ פֿרעמדער אָן אַ היים

און עלנט, ווי אַ שטיין,
און שלעפּנדיק דײַן שווערע לאַסט
אין יעדן לאַנד צו זײַן
אַ ניט־געבעטענער גאַסט.

אָ, פֿאָטער טײַערער,
ווער ווייסט, ווי דו נאָך בעסער,
ווי שווער עס איז
פֿאַר פֿרעמדע שוועלן שטיין
און מיט אַ האַרץ פֿאַרקלעמט,
און מיט אַ בליק פֿאַרשעמט,
אַנשטאָט אַ גוטן וואָרט,
באַגעגענען אַ מעסער.

אָ, פֿאָטער טײַערער,
צי ווייסטו דאָס געמיט
פֿון איינעם, וועלכער האָט
זײַן שיף אין ים פֿאַרלוירן
און אויף אַ פּליט,
אָן זעגל און אָן מאַסט,
דערגרייכט אַ פֿרעמדן ברעג,
ווי אַ ניט־געוווּנטשענער גאַסט?

אָ, גאָט,
דו האָסט אַמאָל געהאַט
מדבריות שטילע,
וווּ ס׳פֿלעגן די נבֿיאים
אַוועקגיין פֿון דער וועלט
און אויפֿן געלן זאַמד
צעשפּרייטן זייער צעלט,
פֿון קיינעם ניט געשטערט

דײַן פֿאָטערשטים געהערט,
און דײַנע היטערס האָבן
דאָס וואָסער זיי געבראַכט
און דײַנע שוואַרצע ראָבן
דאָס טרוקענע ברויט בײַ נאַכט.

— אָ, ליבע קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
עס האָט די בייזע וועלט
דעם מדבר אויך פֿאַרנומען.

— אָ, פֿאָטער טײַערער,
דו האָסט אַמאָל געהאַט
שטילע אינדזלען, ווײַט
פֿאַרלוירן אין די ימען,
וווּ ס׳האָט אַ מענטש געקאָנט
אין גויט צו דיר אַנטרינען,
פֿאַרלאָזנדיק די וועלט
אַ ווינקל דאָרט געפֿינען
און לעבן פֿונעם פּרוכט,
וואָס פֿאַלט־אַראָפּ פֿון בוים,
און זיצן נאָנט צו דיר,
פֿאַרזונקען אין דײַן טרוים.

— אָ, ליבע קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
עס האָט די בייזע וועלט
די אינדזלען אויך פֿאַרנומען.

— טאָ זאָל כאָטש זײַן
צווישן פֿעלדזן קאַלטע
אַ טונקעלע הייל,

וווּ איך זאָל קאָנען שטיל
בײַם פֿלאַם פֿון טרוקענע צווײַגן
זיך וואַרעמען בײַ נאַכט
און נאָך דעם, פֿאַרן אײַנגאַנג,
זיצן שטום און שווײַגן,
און פֿאַר די גרויסע שטערן,
אײנזאַם, פֿרום און טרײַ,
דײַן גרויסע שטילקײט הערן,
ווען זי גייט פֿאַרבײַ.

— אָ, ליבע קינד,
דו ביסט צו שפּעט געקומען,
די שטומע היילן האָט
די בייזע וועלט פֿאַרנומען.

אַנטשוויגן זײַנען מיר
געבליבן פֿאַרן וועג.
דער הימל האָט זיך ברייט
צעעפֿנט אָן אַ ברעג.
איך האָב פֿאַרוויינט
אַראָפּגעלאָזט די אויגן
און איבער מיר האָט גאָט
זיך פֿאָטערלעך געבויגן,
באַרירט מײַן שטערן לײַכט,
גענומען פֿאַר דער האַנט
און האָט מיר מיט אַ שטראַל
געצײַגט דעם ווײַטן ראַנד:

אַ מײַל און נאָך אַ מײַל,
אַ ווײַל און נאָך אַ ווײַל.
עס האָט די בייזע וועלט

שוין איבערפֿולט דעם פּוס.
די צאָל איז אויסגעציילט,
געמאָסטן איז די מאָס.
באַלד וועט מײַן שטילקייט
צודעקן די ערד,
און ווו דער האַס, די מאַכט
און די רציחה ווערט
איצט אויסגעברענט,
ווי ווילדער גראָז אין סטעפּ,
וועט זיך אַראָפּלאָזן
אויף בלויע הימלטרעפּ
די רויִקייט און איינזאַמקייט אין מיר.
און יעדער וועט אין זיך פֿאַרקלערט
מיט אַ געמאָסטן טראָט
פֿאַרלאָזן אַט די זינדיקע
און אויסגעברענטע שטאָט
און זיך פֿאַרקערעווען
צום פֿרידלעכן וועג פֿון רו.
ווען אַלע וועלן זיך
דערפֿילן גלײַך ווי דו,
ווי אײַנגעבעטענע געסט
אויף מײַן פּלאַנעט,
דאַן וועט זיך אויך פֿאַר דיר
געפֿינען דאָרט אַ נעסט —
אַ טיש, אַ שטול, אַ לאָמפּ,
אַן אויסגעבעטע בעט,
אַ פֿענצטער אָפֿן פֿרײַ
אין שכנות בלויז צו מיר,
ווו ס'וועט מײַן הימל בלוי
אַרײַנלײַכטן צו דיר.

# מיין פאָלק

וואַרטסט אויף דײַן אויסלייזער צוואַנציק יאָרהונדערטן,
שטייט זי, די וועלט, מיט אַ בליק אַ פאַרוווּנדערטן
און קאָן ניט פאַרשטיין
דײַן איינזאַמען גיין
און דײַן וועג פון דער וועלט אָפּגעזונדערטן.

שטורעמסט אין צוקונפט און בלײַבסט אין פאַרגאַנגענעם,
שקלאַף אין דער פרײַהייט און פרײַ אין געפאַנגענעם,
אַ זעער אין ווײַט
און בלינד פאַר דער צײַט,
מיט אַ שיקזאַל — אַ סוד אַ פאַרהאַנגענעם.

קענסט זיך דערהייבן צו הייכן אומענדלעכע
און נידערן פלוצלינג אין אָפּגרונטן שענדלעכע,
אַרויף און צוריק,
אין פײַן און אין גליק,
פון כּוחות געפירט אומפאַרשטענדלעכע.

לעבסט מיט דער רגע און קוקסט אין דער אייביקייט,
קעמפסט מיט דײַן גאָט און דו שטאַרבסט אין זײַן גלייביקייט,
פירסט־אָן די וועלט
און בלײַבסט אייביק פאַרשטעלט
מיט אַ וואָלקן פון טונקעלער שטויביקייט.

זוכער פון פרידן און ערשטער צו שלאָגן זיך,
גלייבסט אין דער צוקונפט, אין שטענדיקן פלאָגן זיך;
הערסט מיט אַ פרייד,
ווי דער אויסלייזער גייט,
און דו האָפסט אין אַ ביטערן קלאָגן זיך.

אָ, ווי עס שרײַט מיר דײַן בלוט אין די אָדערן:
הונדערטער דורות וואָס מאָנען און פֿאָדערן,
געהייליקט אין גאָט
אויף אַ וועלט-עשאַפֿאָט
אין מיטן פֿון פֿלאַמען, וואָס לאָדערן [1].

ניין, ניט פֿאַרבײַטן וועל איך אויף אַן אַנדערן,
פֿאָלק מײַנס, דײַן גורל, און מעג איך נאָך וואַנדערן
טויזנטער יאָר
צווישן חלום און וואָר,
געיאָגט פֿון איין לאַנד צו אַן אַנדערן.

## כ׳האָב געהאַט אַ גאָט...

כ׳האָב געהאַט אַ גאָט און האָב אים פֿאַרלאָרן.
איצט הער איך אים גיין דורכן גאָלדענעם קאָרן.
עס קושט יעדע זאַנג זײַנע ליכטיקע טריט,
נאָר איך זע אים ניט.

אָפֿט שימערט מיר אויף נאָך אַ זומערדיק רעגן
פֿון שטראַלנדן קלייד זײַנס די גאָלדענע ברעגן.
איעטוועדער גראָז ווי אַ פֿלעמעלע ברענט,
מיר לעשט זיך עס אונטער די הענט.

בײַ נאַכט, ווען די שטילקייט מאַכט אויפֿעט איר טויער
און ס׳ציט זיך אַ ווײַטער געזאַנג פֿאַר מײַן אויער,
דאָן גליִען אין הימל מיר אויף זײַנע צייכנס
און ס׳דאַכט מיר, איך קאָן אים דערגרייכן.

פּאַריז 1925

---

[1] פֿאַרניכטן.

## ווידוי

כ׳האָב מײַן פֿײַל געשאָסן
ווײַטער פֿונעם ציל,
כ׳האָב מײַן גרויסן אמת
פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּיל.

זיי האָבן מיר געפֿלאָכטן
אַ גאָלדן קרוין פֿון רום
און איך האָב זיי געשאָכטן
מײַן אײנציק שעפֿל שטום.

כ׳בין צו דיר געגאַנגען
און האָב אין מיטן וועג
פֿאַרשיכּורט אין אַ פּוסטער
קרעטשמע מײַנע טעג.

עס האָבן מיר די לצים
אַ שׂמחה דאָרט געמאַכט;
איך האָב מיט זיי געהוליעט
ביז אין האַלבער נאַכט.



צייכענונג פון בנימין איינהאָרן

און אַז עס האָט געשלאָגן
די ערשטע שעה פֿון טאָג,
האָט פּלוצלינג זיך די שׂמחה
פֿאַרענדערט אין אַ קלאָג.

פֿאַרשוווּנדן איז די קרעטשמע
אין מיטן וועג אַליין,
באַקרוינט מיט שוואַרצע דערנער,
בין איך געבליבן שטיין.

פּאַריז 1925

## צוריק צו דײַנע וועגן

איך קער זיך אום צוריק צו דײַנע וועגן
און וועל בײַ קײנעם מער דעם סוף נישט פֿרעגן,
גלײַך ווי אַ קינד וואָס לאָזט זיך גלײביק גײן
אין זיכערקײט, אַז ער איז ניט אַלײן.
דו ביסט מיט מיר,
איך ווײס.
עס איז דײַן רו,
וואָס דעקט מיך צו מיט גרינע בלעטער;
עס איז דײַן זון, וואָס לײַכט מיר אומעטום;
עס איז דײַן ליכט, וואָס גליט אין מענטשנס בליק,
און יענע אומבאַוווּסטע שעה פֿון גליק,
וואָס זינגט אין בלוט, נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס.
און ווערט זי שטיל,
און לעשט זיך אויס דײַן ליכט —
איך שליס מײַן אויג אָן זאָרגן:
עס שטאַרבן דאָך די טרוימען יעדן מאָרגן
און גײען מיט די שטערן אויף צוריק.

פּאַריז 1928

## פֿאַרגיב זיי יאָ! פֿאַרגיב זיי ניט!

פֿאַרגיב זיי יאָ, פֿאַרגיב זיי ניט —
זיי טראָגן גלײַך מיט דיר דעם יאָך
און שלעפּן זיך, ווי דו, געשמידט
דורך אַלע גרויע טעג פֿון וואָך.

בײַ זייער וויג האָט אויך געבליט
די ראָזשינקע און מאַנדלבוים,
און פֿאַלן זיי פֿון אַרבעט מיד,
דאַן רוישט ער נאָך אין זייער טרוים.

ער רוישט און שמעקט מיט שבת־אויבס,
איעדע צווײַג אין רוליכט גליט,
דאָרט זיצט די גאָלד׳נע פּאַווע שטיל,
די גאָלד׳נע פּאַווע פֿון דײַן ליד.

זיי רוען דאָרט, ווי דו, אין ליכט
און בענקען גלײַך, ווי דו, נאָך גליק;
און וואַכן זיי פֿון שלומער [1] אויף —
איז קינדיש לויטער זייער בליק.

און די וואָס לויערן בײַ נאַכט
און שמירן־אײַן אין בלוט די האַנט,
און די וואָס האַנדלען מיטן לײַב
און באָדן זיך אין שוואַרצן שאַנד;

און די וואָס גייען דיר פֿאַרבײַ
און הייבן ניט די ברעמען אויף;
און די וואָס קריכן אויף די קני
און בעטלען הויך אויף יעדן הויף —

[1] דרימל.

זײ קומען פֿון דײַן טרוימענלאַנד,
זײ שטאַמען פֿון דײַן טרוימענשטאָט,
און פֿאַלן זײ אין שטויב פֿון טאָג,
דאַן רופֿן זײ צום זעלבן גאָט.

בערלין 1922

## דער גמרא־ניגון

נאָך קלינגט מיר אין מײַן אויער יענער שטילער קול,
געמישט פֿון בענקשאַפֿט, האָפֿענונג און גלויבן —
פֿרימאָרגנס לויטערע פֿון גליקלעכן אַמאָל,
ווען ס׳פֿלעגן ראָז ווערן די קלײנע שויבן



און ס׳צוויטשערן פֿון די פֿייגעלעך אין דרויסן,
און ס׳זשומען פֿון די אויפֿגעוואַכטע פֿליגן —
זײ פֿלעגן אין אײן כאָר מיט דעם גמרא־ניגון

זיך אויפֿגיסן אין אַ געזאַנג צו גאָט.
דאַן איז דער זיידע נעבן טיש געזעסן,
געבויגן בײַ דער אָפֿענער גמרא
און אַלץ און אַלעמען פֿאַרגעסן,
געוויגט זיך אויף די פֿליגלען פֿון געזאַנג,
דאָרט ערגעץ ווו אין אומבאַקאַנטע ווײַטן,
צווישן די פֿאַרגאַנגענע און קומענדיקע טעג —
אַ לאַנגער וועג,
אָן צײַט צווישן צײַטן.

און איך, אַ קינד, קוים אויפֿגעוואַכט פֿון אומבאַוווסטן,
בין שטיל געלעגן אינעם בעט מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן,
און פֿון דעם ניגון, ווי פֿון אַ כּישוף־האַנט געצויגן,
בין איך אין שטראָם פֿון חלום אײַנגעזונקען.
דער ברייטער רוים פֿון קעגנוואַרט פֿון פוסטן
איז אויסגעפֿולט געוואָרן מיט וויזיאָנען [1],
וואָס האָבן צאַרט און טרויעריק געוווּנקען —
אַ צושטאַנד פֿון דערוואַרטן און דערמאָנען.

ערשט שפּעטער, שפּעטער האָב איך עס באַגריפֿן
אָט דאָס געזאַנג אין בלוט, מײַן אַלט יידיש בלוט,
וואָס האָט געשטראָמט פֿון טויזנט־יאָריקע טיפֿן
און שטיל געשטרעבט צו די אומענדלעכע הייכן,
אין דער אייביקייט אַרײַן, די גאַנצקייט צו דערגרייכן,
צו יענעם גײַסט, וואָס שוועבט איבער דעם כאַאָס
און פֿורעמט וועלטן אויס, און צינדט די זונען אָן,
וואָס האָט מײַן זעלבסט געמאַכט,
געקנאָטן מײַנע גלידער,
וואָס האָט באַוויליקט מיר צו שענקען

---

[1] וויזיעס.

אַ פֿונק פֿון אים,
צו דענקען און געדענקען,
צו ציִען זיך צו אים, צו זוכן אים און בענקען.

אָ, יענע טעג און נעכט אין שטילן בית־המדרש,
צווישן די פֿיר ווענט, פֿון דרויסן אָפּגעשיידט,
ווו די צײַט האָט זיך געטיילט אויף תּפֿילות און אויף סדרות
און גאָט האָט יעדן טאָג אַ נײַע וועלט געשאַפֿן;
ווו גלויבן איז געווען די גבֿורה פֿון דעם שלאָפֿן,
ווו טרוים געווען איז וואָר
און וואָר אַ חלום נאָר.
שטײַגן האָט געמיינט דאָרט פֿאַלן
און פֿאַלן האָט געהייסן שטײַגן;
ווו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט אין שווײַגן
און אַלץ פֿון הײַנט איז ניט ווערט געווען קיין בליק —
אַ בלום וואָס ווערט פֿאַרדאַרט, אַ שאָטן וואָס פֿאַרפֿליִגן,
ווו זען האָט מען געקענט נאָר מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
און אינערלעך געוועזן איז דאָס גליק.

דאָן פֿלעגט דאָס אָפּטער טרעפֿן,
ווען איך פֿלעג זיצן אַליין בײַ דער גמרא
מיט צוגעמאַכטע אויגן, הערנדיק די שטילקייט,
פֿלעגט פּלוצלינג, ווי אַ שטים, מיר זאָגן: עפֿן
און זע די וועלט! עס איז די צײַט פֿון זומער.
דו ביסט אַ בלינדער, אַ טויבער און אַ שטומער;
דאָס טײַכל דאָ ניט ווײַט איז קיל
און לויטער ווי קרישטאָל,
און שפּיגלט־אָפּ אין זיך די זילבער־גרויע ווערבעס.
דו ביסט געגליכן צו אַן אויסגעלײדיקט שאָל,
וואָס בענקט צו ווערן פֿול מיט זון און בלוי פֿון הימל.
אָ, זע, דײַן יאָמערטאָל

איז גרין און פֿריש און שמעקט,
און פֿול מיט האָניק איז אַיעדעס בלימל.
גיי, ווער אַ בין און טרינק פֿון יעדער בלום!
גיי, ווער אַ שמעטערלינג און שוועב איבער די לאָנקעס!
זע, די בושלען שטייען רויִק אין דער נעסט;
די טויבן וואָרקען; דאָס לעבן איז אַ פֿעסט[2];
מיר זײַנען אויף אַ ווײַל פֿאַרבעטענע געסט;
די טישן זײַנען גרייט, דער וואַלד איז פֿול,
מיט רויטע פּאָזשימקעס און שוואַרצע יאַגדעס,
מיט ווילדע מאַלינעס און צוגעברוינטע שוואָמען.
זע, די פֿעלדער צײַטיקן!
דעם זאַפֿטיקן ווייץ פֿון זאַנג צעקײַ,
די גרינע אַרבעס פֿרישע פֿון דער שויט.
זע, די עפּל אין דעם גאָרטן ווערן רויט —
לאָז דורכלײַכטן, ווי זיי, דײַן בלאַסע הויט
און אָנפֿולן דײַן בלוט מיט שטראַלן פֿון דער זון.
גיי, נעם, געניס דערפֿון!

און אויפֿגעהויבן האָב איך מײַנע ברעמען
און אויסגעצויגן מײַנע הענט צו נעמען,
און נישט געוווסט, אַז נעמען הייסט אויך געבן,
און אָפֿטער קאָסט איין שעה אַ גאַנצן לעבן.
איצט שוידערט מיך די פֿרייד פֿון יענעם זומערוואַלד,
די פֿעלדער אַרום אים, די לאָנקעס און דער טײַך,
די קורצע רגעס, וואָס איך האָב דאָרט גענומען —
אַ פּוסטע קרעטשמע איז דאָס אַלץ געווען,
אַ חורבֿה, ווו עס לויערן די רוחות,
אַ צויבערבילד וואָס ווערט ווי רויך צעשוועמען,
אַ שיכּרות בלויז פֿון בלוט, פֿון האַס און מאַכט,

---

[2] יום־טוב.

אַ טויטנטאַנץ פֿון פֿעלקער און מלוכות.
און ווען איך האָב זיך אויפֿגעוואַכט —
געפֿאַלן פֿון די ביימער איז דער קאַלטער גאָלד פֿון האַרבסט
און צוגעדעקט צעבראָכענע צוויי לוחות.

געשעענישן, צײַטן, גלײַך די פֿיר סעזאָנען —
די קומען ווי די שאָטנס און פֿאַרשווינדן.
נאָר ווייל איז דעם וואָס טראָגט אַן אייביקן טרוים,
אַ וועלט אַ ליכטיקע, וואָס אויסער צײַט און רוים —
טרעפֿט, אַז דער וואָס זעט מקנא איז דעם בלינדן,
אַזוי מקנא בין איך איצט מײַן זיידן,
וואָס האָט געוווּסט דעם סוד פֿון דער הבֿדלה —
דאָס צײַטלעכע פֿון אייביקן צו שיידן,
די נאַכט פֿון טאָג צו אונטערשיידן —
די ערשטע ברכה פֿון דער קללה —
די לאַנגע פֿאַרשאָלטענע וואָך, וואָס ציט זיך טויזנטער יאָר,
צווישן דעם ערשטן שבת אין גן־עדן
און לעצטן אייביקן שבת וואָס דאַרף קומען.

און וואַרטנדיק צווישן די צוויי טעג
האָט ער געמאָסטן דורך דער וועלט זײַן וועג
און אומעטום געווען, און אין ערגעץ ניט געווען,
און אַלץ געזען און גאָרנישט ניט געזען,
און אַלץ געהערט און גאָרנישט ניט געהערט.
און זײַענדיק אַ שטומער,
בלויז שפּרייטנדיק צום הימל זײַנע הענט,
האָט ער דעם וועלט־צער אויסשרײַען געקענט.
דער זיידע איז שוין טויט,
דער בית־מדרש איז פֿאַרברענט,
געשענדט און ווערט געשענדט
פֿון אייגענע און פֿרעמדע הענט.

נאָר אייביק בלײַבט זײַן חלום
און אייביק בלײַבט זײַן ניגון —
ער הענגט פֿאַר מײַנע אויגן,
ער זינגט מיר אין מײַן בלוט,
און וווּ איך זאָל ניט זײַן,
אויף וועלכן קאָנטינענט,
וווּ דער בלויער הימל רוט,
וווּ די אייביקע שטערן פֿינקלען,
וווּ איינזאַמע מענטשן קאָנען
געפֿינען רויִקע ווינקלען
צו חלומען אומגעשטערט,
צו וואַרטן און דערמאָנען
און אויסזינגען צו גאָט די בענקשאַפֿט פֿון דער וועלט —
דאָרט קען איך אויפֿשטעלן מײַן איינזאַמען געצעלט.

אָפֿט טרעפֿט מיר, ווען איך גיי בײַ נאַכט אַליין אין פֿעלד
און מײַן נשמה בייגט זיך, זיפֿצט פֿון שווערן לאַסט,
גלײַך איינער אויף אַ שיף אָן רודער און אָן מאַסט
אין מיטן ים, צונויפֿגעבראָכן פֿון שטורעם,
און זוכנדיק אַ ברעג, אַ שײַן ווי פֿון אַ טורעם,
הייב איך אויף די אויגן צום אין־סוף,
צום בלאַסן מילכוועג, וועלכער ציט זיך ווי אַ שלייער
דורך דעם טונקל־בלויען, טיפֿן האָריזאָנט —
דאַן קומט צו מיר פֿון דאָרט דעם זיידנס שטילער ניגון
און פּלוצלינג ווערט די גאַנצע וועלט מיר אַזוי נאָענט,
גלײַך ווי דער גאַנצער אוניווערס געווען וואָלט מײַן היים.
דאַן פֿיל איך, ווי איך ווער
אין ים פֿון ליכט צערונען.
דאַן פֿיל איך, אַז איך בין
אַ טייל פֿון די מיליאָנען זונען.

דאָן הער איך, ווי מײַן קערפּער,
געפֿורעמט פֿון די זעלביקע אַטאָמען,
נעמט זינגען מיט דעם ניגון
אַ לויבגעזאַנג זײַן נאָמען —
וואָס איז געווען, און איז, און וואָס וועט אייביק זײַן.

ניו־יאָרק 1950

ז. י. אַנכי

# ר׳ אבא

אילוסטראַציעס
פון
קראַטקאָ



# ביאָגראַפישע שטריכן

ז. י. אַנכי, כמעט אומבאַקאַנט אונטער זײַן נאָמען זלמן־יצחק אַראָנסאָן, געב׳ 18 יולי 1878 אין ליאַדי, ווײַסרוסלאַנד, בײַ אַ טאַטן אַ רב און אַ ראש־ישיבה, האָט געלערנט אין טעלזער ישיבה און אין מינסקער „קיבוץ" פון מוסרניקעס. אָנגעהויבן דרוקן אין



העברעיִש. פון איין זײַט געווען אין קרײַז פון הלל צייטלין, גנעסין און ברענער, פון דער אַנדערער זײַט צווישן אַנאַרכיסטן, וואָס דערפאַר איז ער געזעסן זעקס חדשים אין אָדעסער טורמע, דערנאָך אַוועק קיין ווילנע און — אַרומגעוואָגלט.

ז. י. אַ. גייט־אַריבער צו ייִדיש אין 1905. די דערציילונגען, וואָס ער דרוקט אין פּאַרשי׳ צײַטונגען און זשורנאַלן, צונויפגעזאַמלט אין ערשטן בוך, צווישן הימל און ערד (125 זז׳, וואַרשע 1909; די צווייטע אויסג׳ אין 1911). די ווײַטערדיקע דערציילונגען דערשײַנען א״ט ר׳ אלחנן און אַנדערע (71 זז׳, וואַרשע 1911) און ר׳ אַבא, אײַנגעזאַמלט אין שריפטן (305 זז׳, וואַרשע 1912 און קיִעוו 1913), איבערגעדרוקט אין ב״א (301 זז׳, 1953) און איבערגעזעצט אויף העברעיִש און אין דײַטש (בערלין 1936).

אויסצייכענענדיק זיך ווי אַ פאָרלייענער פון זײַנע מעשיות, איבער הויפּט פון ר׳ אַבא, ווו עס ווערט געשילדערט באַטעמט דער פאַרבענקטער ייִד, וועלכער לעבט מיט זכרונות פון חסידות, איז אַנכי אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט און באַגײַסטערט טויזנטער צוהערערס. אַזוי איז ער געווען 1910—1911 אין ארץ־ישראל, אין דער 1טער וועלט־מלחמה געווען אין קרים, אין 1921 אין מאָסקווע, אין 1922—1923 גאַסטראָלירט אין דרום־אַמעריקע, לענגער ווי אומעטום אין אַרגענטינע.

אַ. האָט אויך אָנגעשריבן 2 דראַמעס, עטעלע (4 אַקטן, אויפגעפירט אין ב״ר ייִדישן טעאַטער, אין 1928, און אויך אין העברעיִשן תל־אָביבער טעאַטער „אוהל") און די גאָלדענע פּאַווע, אויפגעפירט פון „הבימה".

ז. י. אַנכי איז אַוועק פון דער וועלט אין תל־אָביב דעם 15טן אָקט׳ 1947.

## ז. י. אנכי

# ר׳ אבא

### לאה




האַ? וואָס זאָגסטו? לאַנג געזען זיך... יאָ... לאַנג, לאַנג... זייער לאַנג געזען זיך... אַוודאי אַ יאָר צען, אויב איך האָב קיין טעות ניט... יאָ... הוי־אוי־אוי...

— וואָס זאָגסטו? האַ? וואָס מאַכט זי? וואָס מאַכט זי?... אוי־אוי־אוי, פֿרעג ניט, פֿרעג ניט... ווער עס לעבט — לעבט און ווער ניט — ניט... אונדז צו לאַנגע יאָר!

— הוי־אוי־אוי, כאָטש גוט, אַז מען האָט פֿאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצודערציילן... ניט אַמאָליקער ר׳ אַבא — גאָר ניט אַמאָליקער!.. ווער און וואָס בין איך איצטער? אַ בן־שבֿעים... אַן עובֿר־בטלניק... אויס בעלעבאָס, אָן אַ דעה און אָן אַ פּריסטאַניצע [1]... אָפּט, אָפּט מאָל טרעפֿט, אַז דאָ... דאָ, אין בית־המדרש, ווו מיר זיצן איצט, דאָ אויף דעם בענקל, בלײַב איך נעכטיקן אויך... ניט אַמאָליקער ר׳ אַבא — גאָר ניט אַמאָליקער! וואָסי? דו האָסט ניט געהערט? מען האָט נאָך דיר ניט דערציילט? איך האָב דאָך אַלץ אַוועקגעגעבן אים, מײַן זון, און איך אַליין געפֿין זיך דאָך איצטער בײַ אים, בײַ מײַן זון... הוי־אוי־אוי... עס איז דאָך לשון הרע... רייד אויף אַן אייגענעם זון... פֿאָרט אַן אייגן קינד... אָבער ביטער, ברודער, ביטער! ער האָט אַלץ פֿאַרפלוטעוועט [2], פֿון אַלץ האָט ער געמאַכט תחת חרבֿ. הײַנט מכוח

---

[1] אַ שטיקל היים. — [2] אָן אַ קאָפּ (פֿאַרלירן).

מיר אַליין... איך האָב צו אים גאָר נישט... נעבעך, פֿאַרצרותדיקט, פֿאַראָרעמט... אָבער פֿאַר דיר מאָג מען דאָך זאָגן... וואָס דו זאָלסט ניט טאָן, איז ניט אַזוי... ווי דו זאָלסט ניט שטיין און זיצן, איז אַלץ נישט... און וואָס דו זאָלסט ניט ריידן, איז אַלץ נאַריש... אַן איבעריקער, אַ ניט־ניצלעכער פֿאַר אַלעמען... הוי־אוי־אוי, ביטער, ביטער...

און זינט זי איז געשטאָרבן, הער איך, אַז זי שלעפּט מיך צו זיך, צו זיך... הוי־אוי־אוי, ניט אַמאָליקער ר׳ אַבא, גאָר ניט אַמאָליקער!...

האַ? וואָס זאָגסטו?

— איך געדענק נאָך ווי איצטער, אַמאָל, אַמאָל... אַז ר׳ אַבא איז נאָך געווען ר׳ אַבא... אַז איך בין נאָך געווען איך... אַז זי האָט נאָך געלעבט... אַמאָל, אַמאָל... וואָסי? איך האָב דעמאָלט געוווּסט פֿון וואָס? איך האָב עפּעס געוווּסט פֿון שלעכטס? צי איך האָב דעמאָלט געדאַגהט מכּוח וואָס? דער בית־המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און ווידער דער בית־המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און אָבער דער בית־המדרש, משניות, די גמרא און די מעמדות, און וואָס נאָך? און איך פֿרעג בײַ דיר, וואָס האָב איך געדאַרפֿט נאָך וויסן? וואָרעם וואָס האָט מיר געפֿעלט? וואָסי? די בעלת־שפּעטע [3] איז דאָך זי געווען... סײַ מיט דעם גוי, סײַ אין שפּײַכלער, סײַ אין שטוב, זי... זי... אַלץ זי... אירע בריהשאַפֿט! אירע צדקות! הײַנט איר גוטסקייט! וואָסי? — און וויפֿל יתומות האָט זי חתונה געמאַכט? און וויפֿל אָרעמע־לײַט האָט זי דאָס לעבן דערהאַלטן? עס פֿלעגט טרעפֿן, איך זע, זי האַלט שוין אַ קליין טיכל אין האַנט און גייט.

— וווּהין, לאה, וווּהין איז דאָס? — פֿלעג איך פֿרעגן.

— אַט, אַבא... — פֿלעגט זי שמייכלען — וואָס האָט דאָס צו דיר? מיש זיך ניט, אַבא, אין מײַנע געשעפֿטן. דו קענסט לייבל זעל־

---

[3] די וואָס האָט (אַלץ אין שטוב) אַרײַנגעבראַכט.

דעס? נו, האָט זי אַ טאָכטער און די וואָך איז בײַ איר חתונה. אָדער... דו קענסט זלאַטע סאָסיעס? זי איז קראַנק און זי מוז האָבן אַ ציג...

— אָט אַזוי שטענדיק, שטענדיק... אירע צדקות!... אירע גוטסקייט!... האַ, וואָס זאָגסטו?

— און אַ מאָל... אַז איך בין נאָך געווען איך... הוי־אוי־אוי... הערסטו דאָך אַ מענטש... אַ מענטש, זאָג איך דיר, איז אַ נאַר. איך האָב דעמאָלט אַליין ניט געוווסט ווי גוט מיר איז... איך געדענק... זומער... איך פֿלעג אויפֿשטיין... זומער האָב איך געהאַט אַ טבֿע אויפֿשטיין מיטן פֿאַסטעך גלײַך... איז כ׳פֿלעג אויפֿשטיין, פֿלעג אָפּגיסן נעגל־וואַסער, פֿלעג אַרויסגיין אין עסצימער... אין צימער איז ליכטיק, ריין, צוגעקליבן. זאָג איך זיך מיר ברכות הויך, אויפֿן קול. אָפּגעזאָגט ברכות, פֿלעג איך זיך מיר אָנשטעלן דעם סאַמאָוואַר. ביז וואַנען דער סאַמאָוואַר וועט פֿאַרטיק ווערן, פֿלעג איך זיך מיר אַרויס אויפֿן גאַניק. נעבן גאַניק איז זיך אַ גרויס פּלאַץ מיט גרינעם גראָז באַוואַקסן. און אי די שטוב, אי דאָס גאַנצע פּלאַץ אַרום דער שטוב איז דײַנע... אייגענע... שטייסטו זיך אַזוי אויפֿן גאַניק אַ ווײַלע און קוקסט... גייסטו דערנאָך אין שטוב אַרײַן טיי טרינקען, אַ מאָל אַ זיסע גלאָז טיי, אַ מאָל מיט מילך — אַ בהמה איז בײַ אונדז תּמיד געווען, און אַ שאַרפֿע! — ווי איך האָב געוואָלט, ווי עס האָט זיך מיר געגלוסט... וואָסי? און דערנאָך אַ פּאָר פּרקים משניות, מעמדות. אַ מאָל — אַ שטיקל גמרא אויך. אַ זייגער האַלב אַכט, אַכט, פֿלעג איך זיך מיר אונטערוואַרעמען דעם סאַמאָוואַר פֿאַר איר, פֿון אירעט וועגן... זאָל זי אויך האָבן אַ גלעזל וואַרעמס, ווען זי וועט אויפֿשטיין... און איך פֿלעג זיך מיר אַוועקגיין אין שול אַרײַן. און וואָסי? מען האָט זיך ווען געשטעלט אין שול זאָגן איזהו אָן מיר? אָן ר׳ אַבאן? וואָסי?... און איך פֿלעג קומען אין שול... „ר׳ אַבא, ר׳ אַבא איז געקומען״... פֿלעגן אַלע ווערן צופֿרידן. פֿלעג איך זיך מיר אָפּזאָגן מה טובֿו, איזהו און אַ מאָל אַליין בײַם עמוד ביז ברכו, אַ מאָל אַן אַנדערן געשיקט... ר׳ אַבא איז געווען ר׳ אַבא! נאָכן דאַווענען פֿלעג איך מיר קומען אַהיים און עס פֿלעגט שוין זײַן אָנגעגרייט קאַרטאָפֿל. אַ מאָל מיט פּוטער,

מיט סמעטענע, אַ מאָל מיט הערינג... וואָסי? זי פֿלעגט מיר זשאַלעווען, צי עס איז חלילה ניט געווען... וואָסי? און דערנאָכדעם — ווײַטער אין בית־המדרש, ווײַטער אַ בלאַט גמרא... דערנאָך מיטאָג. און אַ גלעזל וואַרעמס נאָך מיטאָג — אַ „הליאָך" [4] איז תּמיד אין אויוון געשטאַנען! — און פֿאַרן שלאָף, אַלע בײַ נאַכט, אַלע בײַ נאַכט אַ גלעזל מילך, אַ מאָל צוויי גלאָז מילך... וואָרעם וואָסי? זי האָט געזשאַלעוועט, צי עס איז חלילה ניט געווען? און וואָס האָט מיר געפֿעלט? און מכּוח וואָס האָב איך גדאַרפֿט דאַגהן דעמאָלט? האַ? וואָס? וואָס זאָגסטו?

און ווער האָט דאָס געקענט קלערן, אַז איך... איך... איך דער בעל־מיחוש [5], דער שלאַפֿער — איך האָב אַלע מאָל, נאָך פֿון די יונגע יאָרן אָן געהאַט אַ מיחוש, עפּעס די קאָפּ [6]... די זײַט... איז איך... איך וועל בלײַבן לעבן און זי... זי...

איך געדענק נאָך ווי איצטער... אָט ווי נעכטן וואָלט דאָס געטראָפֿן... עפּעס מיט אַ טאָג פֿריִער האָב איך זיך געפֿילט ניט אין גאַנצן. עפּעס ניט בײַ זיך. עפּעס די ביינער ברעכן, די קאָפּ, און דער הויפּט דאָס האַרץ... דאָס האַרץ... עפּעס אָט־אָט פֿאַלט עס אַרויס. אַ האַרץ, אַ האַרץ איז אַ זייגער... איך האָב געפֿילט עפּעס אין האַרצן „טיאָך, טיאָך, טיאָך", אָט, אָט איך חלש... אָט, אָט און דאָס אָרט, ווו עס ליגט דאָס האַרץ, וועט ווערן פּוסט, פּוסט... איך געדענק, איך בין יענעם טאָג צו מנחה און מעריבֿ אויך ניט געגאַנגען... און זי:

— אַבאַ, אַבאַ, וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי? נעם, נעם עפּעס אין מויל, אַבאַ... אַ גלעזל וואַרעמס מיט מאַלינעס, אַ גלאָז מילך... אפֿשר אַ הון קוילען? אַבאַ... אַבאַ אַהער, אַבע אַהין... אַבאַ... אַבאַ...

איר גוטסקייט!

---

[4] אַ מאַכל. — [5] אַ מענטש מיט אַ קרענק. — [6] דאָ ווערט איבערגעלאָזט, ווי עס ריידן ליטווישע יידן: די קאָפּ, אַנשטאָט דער.

— עט! — מאַך איך — גאָרנישט. עס וועט אַריבערגיין. עפּעס דאָס האַרץ... אָט, אָט זי גייט־אויס.

און זי:

— ניין, אַבא, מען דאַרף ניט פאַרלאָזן. אַבא, אַבא, נעם עפּעס אין מויל...

איר גוטסקייט... איר גוטסקייט! הוי־אוי־אוי, אוי...

אין אָוונט, איך האָב זיך אָנגעטרונקען מיט טיי מיט מאַלינעס און האָב זיך געלייגט אָפּרוען. זי האָט מיך וואַרעם אײַנגעדעקט, נאָר עפּעס האָט זיך ניט אײַנגעשלאָפן. און זי זיצט נעבן מיר און טרעט ניט אָפּ פון בעטל.

— לאה! — זאָג איך איר — גיי, גיי טו וואָס אין שטוב. ניט זײַ אַזוי צעטראָגן... גאָרנישט... ס׳וועט אַריבערגיין... גאָרנישט... ווייס איך, אָט דאָס האַרץ, דאָס האַרץ עפּעס ווי עס פאַלט־אַרויס...

און זי — ניין. טרעט ניט אָפּ פון מיר.

— וואָס דאגהסטו זיך אַזוי מכּוח מיר? — שמייכלט זי זיך — איך בין דאָך עפּעס אַ געזונטע.

אין מיטן בין איך זיך אַנטדרעמלט געוואָרן. אײַנגעשלאָפן. איך כאַפּ זיך אויף — ס׳איז שוין געווען היפּשער טאָג — ערשט זי, לאה, זיצט נעבן מיר. איך גדענק... איך האָב זיך אַפילו אָנגעבייזערט אויף איר:

— סטײַטש, — מאַך איך — לאה, אַ גאַנצע נאַכט ביסטו געזעסן נעבן מיר? איך בין דען אַזאַ חולה מסוכּן?

— אָט, — זאָגט זי מיט איר שמייכל — און פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין געזעסן אַ גאַנצע נאַכט? גאָר אַ בײַס... איך ווייס... אַזוי... הער, און וואָס מאַכסטו הײַנט?

איך האָב זיך דווקא געפילט עפּעס ווי בעסער. איך האָב זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, בין מיר אויפגעשטאַנען, אָפּגעזאָגט ברכות, אָפּגעטרונקען טיי און אַ פּאָר גלאָז מילך אויסגעטרונקען, אויך אַ פּאָר

אייער סמיאַטקע [7] אויסגעזופּט. איך האָב אַפילו ניט געוואָלט... פאַרן דאַוונען... נאָר זי... נו, אַהין־אַהער, און בין זיך מיר אַוועק אין שול דאַוונען. זי האָט אַפילו בײַ מיר געפרעגט: אפשר וועל איך ניט גיין אין שול, וואָרעם פּאָרט אַ קצת חולה... נאָר איך האָב זיך אויסגעלאַכט און בין מיר אַוועק.

אַ נאַרישקייט געדענקט זיך. יענעם טאָג איז געווען עפּעס אַן אורח אין שול אַ בעל־יאָרצײַט... בכלל געדענק איך יענעם טאָג משונה פּינקטלעך... אַלץ, אַלץ, איטלעכע קלייניקייט אַפילו, און עפּעס ווי אָט־אָט... אָט האָט דאָס געפּאַסירט, אַלץ אַזוי קלאָר, געדענקט זיך מיר... איך געדענק, אַז איך בין אַרויס פון טיר, זאָגט זי מיר מיט אַ המצאה:

— מיט דער רעכטער פוס!

אירע המצאות!...

יאָ, בין איך געקומען אין שול און האָב זיך אָנגעהויבן צו ווערט־לען מיט דעם אורח. איך האָב אַנדערש ניט געוואָלט צולאָזן אים צום עמוד, ווו ער זאָל ניט צוזאָגן אַ גאַנצע קוואָרט משקה, און ער האָט אַלץ געאַמפּערט זיך מיט מיר. לסוף זאָגט ער:

— אָבער זאָל זײַן ניט ווי איר און ניט ווי איך — איך גיב צוויי קוואָרט און דווקא בחיר [8].

מ... אַ חכם און אַ גבֿיר עצום!

נו, מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען. און אין מיטן דאַוונען, אַרום תחנון, איך הער — עפּעס אַ ראָזרוך [9] אין שול. נאָר וואָס קערט דאָס אָן צו מיר? שטיי איך זיך מיר אומגעקערט מיט דעם פּנים צום וואַנט און הער זיך צו חזרת הש״ץ. ערשט מען גייט־צו צו מיר.

— ר׳ אַבא, לאה רופט אײַך...

מיר איז פּלוצעם פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך בין גאָר

---

[7] אַ שיטער איי (פון הייסן וואַסער). — [8] פּונעם בעסטן. — [9] בהלה.

מבוהל געוואָרן. און אין האַרצן בײַ מיר האָט זיך ווי עפּעס אָפּגע־ריסן... אין מיטן דאַוונען... סטײַטש, לאה וועט שיקן רופֿן מיך אין מיטן דאַוונען אַהיים? לאה... מיך אין מיטן דאַוונען... כאַפּ איך דאָך שוין מסתמא אויף גיך אַראָפּ פֿון זיך דעם טלית מיטן של־ראש, און מיטן של־יד אויף דער האַנט לויף איך ווי אַ משוגענער אַהיים.

איך קום־צו צו דער שטוב — גאַנצע רעדלעך מיט מענטשן שטייען אַרום; שכנים, באַקאַנטע, גוטע פֿרײַנד און אַלע אומעטיק מיט פֿאַרדראָסיקע פּנימער, צעטראָגענע. איך פֿרעג: „וואָס איז דאָס?... האָט רחמנות, זאָגט, וואָס האָט געטראָפֿן?!...“ מען שווײַגט... „גוואַלד! — בעט איך זיך — האָט רחמנות, זאָגט, וואָס איז דאָס?“... אַלע שווײַגן און קוקן אויף מיר מיט רחמנות. לויף איך דאָך אַרײַן אין שטוב. ערשט — וואָס זאָל זײַן?... זי ליגט שוין אויפֿן בעטל. דאָס פּנים אי־רער איז בלאַס ווי בײַ אַ טויטן און זי איז שוין אַ ביסל ניט בײַ זיך. איך האָב זיך אַ קער געטאָן צום רופֿא, וואָס איז געשטאַנען נעבן בעטל, און ער האָט אויף מיר אַ בליק געטאָן, ווי אײנער זאָגט: איר זעט דאָך! און וואָס זאָל זײַן?... איך האָב באַלד, תּיכף, תּיכף פֿאַר־שטאַנען. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט נעבן בעטל און שטיי, און טרערן גיסן זיך. איך שטיי און איך וויין, און וויין... אין דערינען האָט זי זיך ווי אויפֿגעכאַפּט עפּעס, ווי פֿון אַ שווערן שלאָף. האָט אַ לאַנגן בליק געגעבן אויף מיר:

— אַבא, — מאַכט זי מיט אַ שוואַכער שטימע, קוים וואָס מען האָט געהערט.

— וואָס? — פֿרעג איך.

— אַבא, וואָס וויינסטו? — פֿרעגט זי.

— ניין, — ענטפֿער איך, — איך וויין ניט, און טרערן כליפּען בײַ מיר אין האַלדז.

— ניין, — זאָגט זי — אַבא, דו וויינסט.

— איך וויין ניט... — זאָג איך נאָך אַ מאָל און טרערן גיסן זיך, גיסן זיך פֿון די אויגן.

— אַבאָ, אַבאַ... — מאַכט זי — אַבאַ, דו וויינסט...

דאָ האָב איך שוין ניט געקענט. ניט געקענט איינהאַלטן זיך און איך האָב זיך פֿונאַנדערגעכליפּעט אויפֿן קול. ביטער, ביטער. האַ? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? איך וויין... איך וויין איצט אויך... פֿערציק יאָר, ברודער... פֿערציק יאָר געלעבט צוזאַמען... אַ וואָרט אויף אַ וואָרט ניט פֿאַרביטן... פֿערציק יאָר...

— ווי אַזוי, זאָג איך איר — זאָל איך ניט וויינען, לאה...

— אַבאַ, — מאַכט זי — אַבאַ, אַ מענטש דאַרף אַלע מאָל זײַן אַ מענטש... מען דאַרף זיך שטאַרקן... מן הסתם וויל ער אַזוי, אַבאַ...

זי... זי האָט מיך געטרייסט — אַ מאַנסבילשער קאָפּ!

אין מיטן איז זי ווײַטער עפּעס ווי ניט בײַ זיך געוואָרן. ביין! שטאַרבן איז זי געשטאָרבן בײַם זינען, מיט אַ דעת. וואָלט איך אַזוי שטאַרבן מיט אַזאַ דעת ווי זי...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט.

— אַבאַ... — מאַכט זי צו מיר אומעטיק — איך וועל עפּעס האָבן פֿון דײַן לערנען און דאַוונען אויף יענער וועלט?

— לאה... האָב איך זיך פֿונאַנדערגעוויינט — עס איז דאָך אין גאַנצן דײַנע, אין גאַנצן דײַנע... דו... דו האָסט דאָך מיך מפֿרנס געווען... דו, אַלץ דו... אין גאַנצן דײַנע...

דערנאָך האָט זי געבעטן, אַז איך זאָל מיט איר זאָגן ווידוי, און דווקא איך זאָל מיט איר זאָגן ווידוי האָט זי געוואָלט. דווקא איך, און ניט קיין אַנדערער... דווקא איך — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— דווקא איך!...

# אַמאָליקע יאָרן



— און בכלל... עס איז ניט דאָס... ניט אַמאָליקע יאָרן! איך רייד שוין ניט וועגן זיך, וועגן מײַן לעבן גופא, וועגן דעם, ווער בין איך אַמאָל געװען און ווער בין איך איצטער. איך רייד בכלל... בכלל — ניט דאָס אַמאָליקע לעבן און ניט אַמאָליקע מענטשן... גאָר ניט דאָס, אָבער לגמרי ניט! אוי־אוי־אוי...

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו ביסט דאָך נאָך אַ יונגער מאַן. וואָ־רעם וויפֿל ביסטו אַלט? אַרום אַרבעים, דאַכט מיר? האַ? יאָ? הייסט עס, אַנטקעגן מיר ביסטו נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק... אָבער איך... איך געדענק נאָך גאָר אַמאָליקע מענטשן — אַן אַנדער דור געווען, אַן אַנדער דור! אַמאָל איז טאַקע געווען אַ דור פֿון מענטשן מיט גרויסע קעפּ, מיט הייסע הערצער, מיט אמונה טאַקע און בטחון, און מיט אַ סך עבֿודה... מ׳מע...ע — אַן אַנדער דור, אָבער לגמרי אַן אַנדער דור!

האַ, וואָס זאָגסטו?

אָט, למשל, ר׳ ישׂראל... שוין דאָ, גאָר דאָ אין די לעצטע יאָרן. און אי איך, אי דו, אי דאָס גאַנצע שטעטל, אַלע, אַלע האָבן דאָ אים געקענט. נו? און ווער איז געווען ר׳ ישׂראל? דאַכט זיך מער נישט ווי אַ ייִד אַ סוחר, אַ ייִד אַ קרעמער. נו, אַ גרויסער קרעמער, דערצו אַ גרויסער עשיר אויך. אָבער... ער איז דאָך געווען בראשו ורובו, דאַכט זיך, אַרײַנגעטאָן אין קראָם, אין געשעפֿט. און מען פֿלעגט דאָך דערציילן אויף אים, אַז אַפֿילו אַ גראָשנזאַך פֿלעגט ער ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל אַוועקגיין לאיבוד בנוגע צום געשעפֿט. ניין! בנוגע צו אַ דבֿר צדקה איז דווקא געווען ביד רחבֿה — און וואָס הייסט ביד רחבֿה? — ממש הויפֿנס, הויפֿנס געלט געשאָטן, ווו מען האָט נאָר באַדאַרפֿט. און איך פֿרעג בײַ דיר, אַדרבה, ווו כאַפּט מען

איצט נאָך אַזאַ ייִדן? עס איז דאָך ממש אַ פֿאַרגעניגן צו דערמאָנען זיך וועגן אַזעלכע ייִדן... און איך געדענק נאָך אים, ר׳ ישׂראלן, פֿון דער יוגנט אָן. וואָרעם מיר זײַנען דאָך אָנגעקומען בײדע פֿאַר אײ־דעמס אַהער אין אײן צײַט, און עפּעס תיכּף זײַנען מיר געוואָרן אוהבֿים נאמנים.

איך געדענק נאָך ווי איצטער... איך בין דאָך דעמאָלט אָנגעקומען אַהער פֿאַר אַן אײדעם צו מײַן שווער, צו ר׳ מאָטעלען, הײסט דאָס. אַ מיטעלער באַלעבאָס, נאָר אַ בר־אורין [1] און זײער אַן אָנגענומענער אין שטעטל. און ער, ר׳ ישׂראל, איז דאָך אָנגעקומען צו ר׳ לײבן. ר׳ לײב איז דאָך דעמאָלט געווען דער גרויסער נגיד און דער גרויסער למדן און מיט דעם גרויסן שם אויף דער וועלט פֿאַר זײַן אָרנטלעכקײט און זײַן גרויס קלוגשאַפֿט, מ... — ער איז געווען אַ מדינה־חכם! אמת, אַפֿילו פֿון זײַנע געשעפֿטן אויף קלאָר האָט קײנער ניט געוווּסט. זײַן געלט האָט קײנער ניט געצײלט. מען פֿלעגט מער ניט וויסן, אַז ער פֿאָרט אַלע יאָר אין ביזשנע... נאָר די פּירונג, דער פּאַראַד! יאָ... הײַנט פֿאַרשטײט מען דאָך, אַז ר׳ לײבס אײדעם באַדאַרף זײַן, אי אַ למדן, אי אַ גרויסער חכם, אי... — מיט אַלע מעלות! און כּך הוה — ר׳ ישׂראל איז טאַקע דאָס געווען... און אַז ער איז אָנגעקומען אַהער האָט ממש דאָס גאַנצע שטעטל גערעשט... איך געדענק נאָך ווי איצטער... דער רבֿ אונדזערער, ר׳ בער עליו השלום, ער איז נאָך געווען דער גרויסער ערלעכער ייִד, נאָר אין דער יוגנט איז ער קײן גרויסער למדן ניט געווען. דערנאָכדעם ערשט, אויף די עלטערע יאָרן, אַז ער איז געזעסן יום ולילה און האָט געלערנט, האָט ער געקראָגן זײַן גרויסן שם אויף דער וועלט... יאָ... איז האָט ער זיך אַ ביסל דערשראָקן פֿאַר ר׳ ישׂראלן. נו... קען מען זאָגן, פֿאָרט אַ יונגערמאַנטשיק און אַזאַ גרויסער למדן, און ער אַ רבֿ... ע... מאַכט דאָך ניט אויס!... איז ר׳ ישׂראל, דעם אַנדערן שבת נאָך דער חתונה, אין שול נאָכן דאַוונען אין דער פֿרי, צוגעגאַנגען

---

[1] (אַראַמיש) למדן, בן־תורה.

צום רבֿ — וואָרעם ער האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען די מעשׂה — און מאַכט צו אים אַזוי, בדרך הלצה:

— רבי, איך פֿאַרשטיי ניט... רײַכער מאָג איך זײַן פֿאַר אײַך און... גאָר אַ נײַס! אַ רבֿ איז אַ רבֿ און אַ גבֿירס אַן אײדעם איז אַ גבֿירס אַן אײדעם...

ס׳מאַכט דאָך ניט אויס, דער רבֿ איז דאָך געווען גאָר ניט קיין נאַר... און דערצו דער גרויסער ערלעכער ייִד, און אַ חסיד אויך — מאַכט ער:

— אויב אַזוי, רעכן איך טאַקע הײַנט גיין אויף ברכה צום גבֿירס אײדעם... און ביידע האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

אַמאָליקע יאָרן!

יאָ... איז וואָס האָב איך דיר געוואָלט דערציילן?... יאָ!... מכּוח דעם... ס׳איז אַפֿילו אַ נאַרישקייט, נאָר איך געדענק דאָס, נאָך ווי איצטער... און ווען מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן, איך מיט ר׳ ישׂראלן, פֿלעגן מיר זיך דערמאָנען אין דעם... דאָס האָט געטראָפֿן אַ יאָר אָנדערטהאַלבן נאָך אונדזערע חתונות. מיר זײַנען נאָך דעמאָלט געווען יונגע לײַט, און וואָס הייסט יונגע לײַט? איצט, אין די צײַטן, וואָלטן מיר נאָך געהייסן יונגע ייִנגלעך... כּע־כּע־כּע, וואָרעם סך־הכּל בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַרום נײַנצן־צוואַנציק יאָר, און ער, ר׳ ישׂראל, אויך קרובֿ אין די יאָרן... איז פֿאַר נאַכט, בין מנחה למעריבֿ, פֿלעגן מיר זיך ביידע דורכגיין שפּאַצירן חוצן שטעטל, אָט דאָ ניט ווײַט. דעם פּריצס וואַלד איז נאָך דעמאָלט געווען ניט קיין אויסגעהאַקטער... דער טאָל דערבײַ איז נאָך דעמאָלט געווען אַ טיפֿערער און דאָס טײַכל איז נאָך ניט געווען פֿאַרוואַקסן ווי איצטער... ס׳איז געווען אַ פֿאַרגעניגן ממש צו שפּאַצירן דאָרטן! דו ווייסט דאָך? מען פֿלעגט דאָך אָנפֿאָרן צו אונדז די גבֿירים פֿון דער געגנט אויף זומער. יאָ... איז בין מנחה למעריבֿ פֿלעגן מיר זיך שפּאַצירן אַחוצן שטעטל. מען חזרט זיך אַ מאמר חסידיש, אַ מאָל איך, אַ מאָל ער, און מען גייט זיך אַרום... איין מאָל, מיר גייען שוין צוריק אין שטעטל, און טאַקע שוין גאָר ניט ווײַט פֿון שטעטל, ערשט מיר האָבן

דערהערט עפּעס גראָבע קולות... עפּעס אַ שיכּור געזאַנג. מיר גייען־אָפּ נאָך אַ פּאָר טריט — ערשט וואָס זאָל זײַן? אַ פּאָר שיכּורע פּויע־רים גייען פֿון שטעטל אַנטקעגן אונדז און מען שרײַט, מען זינגט, אָט עפּעס פֿון זייערע ניגונים, אַ מין זייערער אַ ניגון ווי „דעווקאַ" [2]... וואָס זאָל זײַן? אַ פּויער אַ שיכּור! נו, הײַנט וואָס טוט מען? אַ גוי איז דאָס, שיכּור איז דאָס אויך, נו, איז פּגיעתן רעה [3]... ר' ישׂראל האָט אַפֿילו געוואָלט גיין ווײַטער:

— גאָר, מאַכט ער, קום! מיר זײַנען דאָך געווען אויף „דו"... ממה נפֿשך, מיר, מיר וועלן זען.

נאָר איך האָב עפּעס פּחד געהאַט:

— וואָס הייסט, מאַך איך, מיר וועלן זען? מיר וועלן טאַקע הערן אויך...

ר' ישׂראל האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— נו, זאָגט ער, וועלן מיר זיי זאָגן דעם פּסוק: „רשע למה תכּה רעך" ?

— אָבער זיי פֿאַרשטייען דאָך ניט קיין לשון־קודש! — שטיי איך און המצאה זיך און טרייסל זיך פֿאַר שרעק.

— נו, מאַכט ער, וועל איך זיי זאָגן אויף פּראָסט ייִדיש: דו, חמור איינער, גענוג אַז דו לעבסט אויף דער וועלט, אַז דו טרעטסט מיט דײַנע גראָבע לאַפּטשעס [4] די כּנפֿי השכינה — שלאָגסטו זיך נאָך...

הקיצור, אַ המצאה אַהער, אַ המצאה אַהין, עס איז ניט גוט. נו, איז געבליבן, אַז מען זאָל אַרויפֿכאַפּן זיך אויף אַ בוים און וואַרטן ביז די פּויערים וועלן פֿאַרבײַגיין. גיין אין וואַלד אַרײַן איז שוין געווען שפּעטלעך און יונג איז מען געווען, חסידים איז מען — שטי־פֿערס, מילא, איז געבליבן אַזוי צו טאָן. נו, איז מען אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ בוים, פֿריִער איך, נאָך דעם ער, און מען זיצט אויף אַ

---

[2] (אַ סאָלדאַטסקע לידל) „אַ מויד". — [3] טרעפֿט אַ צרה. — [4] פּויערשע שטעקשיך.

צווײַג פֿונעם בוים... זיצט מען... און מען חזרט שטילערהייט אַ מאמר פֿון רבין... דערווײַל איז שוין געוואָרן שפּעטלעך; דער הימל האָט אויסגעשטערנט; די לבֿנה האָט זיך שוין אויך באַוויזן צווישן זיי; אין דער גאַנצער געגנט אַרום איז געווען שטיל. עס האָט זיך מער ניט געהערט דאָס טײַכל דערבײַ און די זשאַבעס, וואָס ווי אין פּרק שירה ווערט געבראַכט, זאָגן זיי אַלע זומער פֿאַר נאַכט שירה... און אין האַרצן קלעמט עפּעס... קלעמט... דאַכט זיך: וואָס? וואָס? דער ריח פֿון די גראָזן איז טאַקע מחיה נפֿשות, און עס איז, דאַכט זיך, אַזאַ פֿאַרגעניגן... אַזאַ פֿאַרגעניגן — זומער פֿאַר נאַכט מחוץ דער שטאָט!... נאָר מעריבֿ־צײַט... תּפֿילה בציבור... ע, מען איז דאָך אַ ייִד... און אַז עס קומט די צײַט פֿון דאַוונען איז... מאָנט דאָך... עס מאָנט... דאַוונען־צײַט! יאָ, זיצט מען זיך... און אין גאַנצן אַרום איז שטיל... די נאַכט קומט שוין אָן... אין מיטן קערט זיך צו מיר אום ר׳ ישׂראל מיט אַ טרויעריקן פּנים:

— אַבא, דו הערסט?

איך הער זיך צו גוט, נאָר איך ווייס ניט וואָס ער מיינט.

— וואָס זאָל איך הערן? — מאַך איך שטיל.

— הער זיך צו גוט, — מאַכט ער — פֿון דאָרטן, ווו דער בית־המדרש איז... ווו די פֿײַערלעך זעען זיך...

— יאָ, זאָג איך, איך הער... מען דאַוונט אין שול מעריבֿ, „שמע ישׂראל" זאָגט מען...

— און דעם פּויערס געזאַנגען הערסטו אויך?

— איך הער... — האָב איך געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַבא, מאַכט ער מיט התלהבֿות, וואָס פֿאַר אַ סבֿלן ער, כּבֿי־כול, איז... אַבא, איך קען ניט אײַנרוען... ייִדן דאַוונען און דער שיכּורער — געזאַנג... „שמע ישׂראל" און... אַבא... און ער לײַדט דאָס... ער איז דאָס סובֿל, אַבא... און פֿון גרויס התלהבֿות, ווען ניט איך, וואָלט ער אַראָפּגעפֿאַלן פֿון בוים... קוים, קוים, וואָס איך האָב אים צוגעהאַלטן...

יאָ... אַמאָליקע יאָרן! עפּעס, אַז איך דערמאָן זיך אין יענע יאָרן,

וואָלט איך מכּוח זיי גערעדט און גערעדט, דערציילט און דערציילט, טאָג און נאַכט... און מיר וואָלט קיין מאָל ניט מיאוס געוואָרן... עפּעס מען פֿאַרגעסט זיך דעמאָלט אין אַלץ, וואָס מען זעט איצטער פֿאַר די אויגן... אוי־אוי־אוי — אַמאָליקע יאָרן! נאָר ניט דאָס בין איך אויסן צו דערציילן דיר... איך וויל דיר זאָגן אַנטקעגן ר׳ ישׂראלן... יאָ, זײַנען דאָך בײַ ר׳ ישׂראלן געווען אַלערליי צײַטן אין זײַן לעבן; גוטע און שלעכטע, און ווײַטער שלעכטע און גוטע... עס איז דאָך אויך געווען די צײַט, ווען זײַן שווער ר׳ לייב איז מיט אַ מאָל אויס תּקיף געוואָרן, און ער, ר׳ ישׂראל, האָט געמוזט אַרײַנמישן זיך אין געשעפֿט, און לסוף איז ער דאָך טאַקע אַרײַן אין געשעפֿט בראשו ורובו. ער האָט דאָך געמאַכט די קראָם און האָט דאָך אָנגעהויבן זייער מצליח צו זײַן, ביז וואַנען ער איז עולה געוואָרן צו זײַנע גרויסע עשירות... און אַחוץ דער קראָם האָט ער דאָך געהאַט נאָך גרויסע עסקים; ער פֿלעגט דאָך אַרומפֿאָרן אין מרחקים; אין סמאָלענסק, אין וויטעבסק, אין כאַרקאָוו, אין מאָסקווע, און אויך אין אויסלאַנד... וואָסי? — עפּעס אַ קלייניקייט זײַנע געשעפֿטן!... יאָ... און פֿון דעסט וועגן איז ר׳ ישׂראל געווען ר׳ ישׂראל... דאַכט זיך, אַז דו זעסט ר׳ ישׂראלן אין גאַס, גייענדיק מיט אַ סוחר אָדער מיט אַ סרסור... אָדער ווען דו זעסט, ווען ער שטייט אין זײַן קראָם... און מען פֿלעגט זאָגן אויף אים, אַז אין געשעפֿט־זאַכן איז דאָס געווען אַ בריה, אַ קלוגער און אַזוי איבערגעגעבן צו זיי... און דאָך...

איין מאָל... שבת־צו־נאַכטס, — שבת־צו־נאַכטס פֿלעג איך אַלע מאָל אַרײַנגיין פֿאַרברענגען צו ר׳ ישׂראלן. מען זיצט, מען טרינקט אַ גלעזל וואַרעמס, מען רעדט מכּוח דעם רבין, מכּוח אַ מאמר חסידיש אָדער אַ מאָל אַזוי, גלאַט געשמועסט וועגן וועלטזאַכן. דאָס איז געווען אָט דאָ ניט לאַנג, אין זײַנע לעצטע יאָרן. בין איך געקומען צו ר׳ ישׂראלן. איך בין זיך אַרײַן אין שטוב, אַרײַן צו אים אין זאַל — ער האָט דאָך געוווינט אין גרויס עשירות — און איך האָב אים ניט געפֿונען. איך קוק זיך אַרום ערשט דערבײַ אין אַ צימער. די טיר פֿון צימער איז געווען אַ ביסל אָפֿן. ער זיצט און איז פֿאַרטיפֿט

אין די גרויסע ביכער פֿון זײַן געשעפֿט. נו, טומלען אים אַ קאָפּ, וווען ער איז פֿאַרנומען? — האָב איך זיך גענומען אַ ספֿר און האָב מיר מעיין געווען. אין דערינען איז זיך אַרײַן זײַן פּלוניתטע, רב לייבס טאָכטער. זי איז דאָך אויך געווען די גרויסע ערלעכע ייִדענע און זייער אַ קלוגע. און מיר האָבן זיך אַ ביסל דורכגעשמועסט. נאָך דעם איז זי אַוועק. דער קאָפּ האָט עפּעס מיר ווי געטאָן און איך האָב עפּעס געפֿוילט זיך קוקן ווײַטער אין ספֿר. זיץ איך אַזוי און קוק זיך אויף ר׳ ישׂראלן, און ער האָט דאָך געהאַט אַ מאָדנעם הדרת פּנים: זײַן גרויסער שטערן, אויף וועלכן עס איז געלעגן דער צלם אלהים... הײַנט זײַן גאַנץ פּנים... יאָ... זיץ איך אַזוי און קוק אויף אים, ווי ער זיצט אין זײַן זײַדענער יאַרמלקע — אין שטוב פֿלעגט ער שטענדיק אומגיין אין אַ זײַדענער יאַרמלקע, וועלכע ער האָט אַליין געבראַכט פֿון אויסלאַנד — און איז פֿאַרטיפֿט אין די חשבונות. אין מיטן, עפּעס גאָר, דאַכט זיך, כּלאַחר יד האָט ער אַרויסגענומען זײַן זילבערנע שמעק־טאַבאַק־פּושקע צו נעמען אַ שמעק טאַבאַק און האָט זיך עפּעס שטאַרק פֿאַרקוקט אויף דער פּושקע. קוק איך אויף אים און ער קוקט אויף דער פּושקע. און ער קוקט, און קוקט אויף איר, און זײַן שטערן ווערט עפּעס שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין מחשבֿות. און אָט אַזוי קוקנדיק אויף דער פּושקע, האָט ער אין דערינען אָנגעהויבן צו חזרן דעם רבינס אַ מאמר, וואָס עס האָט, מיט אַ קליינער צײַט פֿריִער, בײַ אונדז אין שטעטל איבערגעחזרט דער בעל משפּיע, וועלכער איז דורכגעפֿאָרן. דער מאמר איז טאַקע זייער אַ טיפֿער. עס רעדט זיך מכּוח דעם, וואָס אין שמע ישׂראל רופֿן־אָן די ייִדן דעם הויה כּבֿיכול בשם אחד און דאָס, וואָס די גמרא זאָגט, אַז חותמו של הקב״ה איז אמת און עס ווערט אַרומגעקלערט דאָרטן, אַז וויבאַלד נאָר אמת, מוז זײַן אחד און אחד איז שוין אמת... איז... ע... זיצט ער זיך אַזוי און דרייט די פּושקע, און דרייט זיך, און קוקט אַזוי מאָדנע אויף איר און חזרט זיך פֿאַרטיפֿטערהייט דעם מאמר, און זײַן פּנים ווערט אַלץ פֿון מינוט צו מינוט מער פֿאַרטיפֿט, מער פֿול מיט התלהבֿות פֿון שׂמחה, אָט ווי עפּעס אַ נײַע מחשבֿה איז אַרײַנגעפֿאַלן בײַ אים

אין מוח אַרײַן... און פּלוצעם פֿאַרטיפֿן זיך מאָדנע זײַנע אויגן און ער הייבט־אָן טענהן צו זיך אַליין:

— ר׳ ישׂראל, געוויס אַזוי... אמת... אמת... אמת — מוז זײַן אײנער! וואָרעם... אָט, למשל, אָט די פּושקע... אַז איך זאָל וועלן זאָגן שקר, קען איך דאָך זאָגן, אַז די פּושקע איז אַ צווייקאַנטיקע, אַ דרײַקאַנטיקע, אַ פֿינפֿקאַנטיקע, אַ צענקאַנטיקע, אַ הונדערטקאַנטיקע, אַ... אַ... אַ... טויזנטקאַנטיקע — נישטאָ קיין גבֿול און קיין סוף צום שקר!... און אמת — אַ פּירקאַנטיקע... אמת — אַ פּירקאַנטיקע... אמת — איז אײנער... אחד... אחד... איין אמת... ד׳ אחד!...

און ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון טיש, און האָט אַוועקגעלאָזן די ביכער מיט די חשבונות מיט דעם גאַנצן האַק־און־פּאַק, און האָט אָנגעהויבן זינגען, און איז זיך אַוועק אַליין אַ טענצל איבערן צימער... און וואָס הייסט אַ טענצל?... אָט ווי אַ גרויסער חסיד קען... און מיט מוראדיקער התלהבֿות... איך זאָג דיר, אַז ווען דאָס וואָלט געזען אַ מתנגד, זאָג איך דיר, אָדער אַזוי ר׳ ישׂראל אַ באַקאַנטער סוחר צי אַ סרסור [5] זײַנער, וואָלט ער ניט געגלייבט, וואָס די אויגן זײַנע זעען. אָדער ער וואָלט קלערן, אַז ר׳ ישׂראל איז משוגע געוואָרן, סטײַטש, ר׳ ישׂראל דער פּיקח, ר׳ ישׂראל דער סוחר, ר׳ ישׂראל דער קרעמער?... און אין מיטן דערינען?!... און איך זאָג דיר, וואָס הייסט מיט התלהבֿות... ער טאַנצט, טאַנצט, און זינגט און טענהט צו זיך מלא שׂמחה:

— ר׳ ישׂראל, לעבעדיקער!... ר׳ ישׂראל, אַן אמת איז אײנער!... איין אמת... איין אמת... ד׳ אחד! לעבעדיק, ר׳ ישׂראל... לעבעדיק!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אַמאָליקע יאָרן!

---

[5] פֿאַרמיטלער, מעקלער.

# אַמאָליקע יידן



וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך רייד מיט דיר, איך דערצייל דיר פֿון אַמאָל, פֿון אַמאָליקע יאָרן, און עפּעס קלעמט; עס קלעמט מיר דאָס האַרץ.

אַז איך דערמאָן זיך אין אַ־מאָל, אַמאָל... ווערט דאָך מיר אַזוי היימלעך, פֿריילעך און וואַרעם. וואַרעם ווערט דאָך מיר אין האַרצן. אָבער איך פֿרעג בײַ דיר: ווו נעמט מען איצט אַן אַמאָליקן ייִדן? ווו? ווו זײַנען עס איצט אָט די אַמאָליקע ייִדן מיט די שיינע, לאַנגע בערד און פּיאות, מיט דער התלהבֿות אין זייערע פּנימער, מיט דער היץ, מיטן ברען, מיט דעם פֿײַער אין האַרצן, מיט דעם גרויסן ביטול־היש [1] בײַ זיך, סײַ דאָס גאַנצע חומרדיקע לעבן, און מיט דעם גרויסן בטחון און אמונה... ווו? אַז איך טו ווען אַ טראַכט וועגן אַן איצטיקן ייִדן, איז אַ שוידער לויפֿט־דורך איבער מײַנע ביינער... איך זאָג דיר, ממש אַ שוידער, אַ פֿראָסט. עפּעס אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט... אוי־אוי־אוי!

אמת. דאָס עצם לעבן, אין גשמיות הייסט עס, איז דעמאָלט אויך געווען ניט קיין אײַ־אײַ. וואָס זאָל זײַן? דאַגת פּרנסה. הײַנט דער עול הגלות גופֿא? וואָרעם וואָסי? מען איז דאָך אין גלות... טאָ־קע אין פֿינצטערן און ביטערן גלות... הײַנט די גזרות רעות... דאָ אַ גירוש, דאָ אַ בילבול, דאָ גלאַט פֿון העלער הויט הייבט־אויף עשׂו זײַן גרויסע, גראָבע, האָריקע האַנט... יאָ, אמת... אָבער עס איז דאָך געווען מער כּוח אין זיך... מער פֿײַער אין האַרצן... און דאָס גשמיות־דיקע, חומרדיקע לעבן האָט מען דעמאָלט געקענט מבֿטל זײַן. און וואָס הייסט מבֿטל זײַן? טאַקע מבֿטל געווען ממש בתכלית הביטול...

---

[1] אויסטאָן זיך פֿון אַלע ערדישע אינטערעסן.

וואָס זאָל זײַן? אַז מען לעבט, דאַרף מען אָפּקומען... אָבער דער עיקר איז — אַ גאָט האָבן מיר. און ייִדן זײַנען מיר... כע־כע־כע... אַוודאי אַזוי: אַ גאָט האָבן מיר און ייִדן זײַנען מיר!

וואָס דאַרפֿסטו אַ סך? אָט לאָמיר נעמען איינעם פֿון די אַמאָ־ליקע ייִדן. אָט, למשל, ר׳ מאָטע. שוין, אונדז צו לאַנגע יאָרן, דו האָסט דאָך אים געקענט ווען ער איז שוין געווען אין די עלטערע יאָרן... איך האָב דאָך אָבער אים געקענט, ווען ער איז נאָך אַ יונגער־מאַנטשיק געווען. יונגערמאַנווײַז האָט ער דאָך געוווינט אויפֿן ישובֿ. אָט דאָ אַ וויאָרסט[2] פֿיר פֿון דאַנען. זײַן פֿאָטער איז דאָך דעמאָלט רײַך געווען. האָט ער אים אַ קרעטשים[3] גענומען און האָט אים דאָרט באַזעצט. נאָך דעם ערשט, אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען זײַן פֿאָטער האָט אָנגעהויבן אַראָפּ פֿון מעמד, און אים אַליין איז אויך זייער ניט געגאַנגען, האָט ער זיך באַזעצט בײַ אונדז אין שטעטל. און בײַ אים, בײַ ר׳ מאָטען הייסט עס, איז דאָך געווען אַלערליי צײַטן: גוטע און שלעכטע, און ווײַטער גוטע און ווײַטער שלעכטע. און טאַקע גאָר, גאָר גוטע, און גאָר, גאָר שלעכטע. און פֿון דעסט וועגן איז זיך ר׳ מאָטע אַלע מאָל געווען ר׳ מאָטע — ר׳ מאָטע!...

איך געדענק נאָך, אָט ווי הײַנט וואָלט עס געטראָפֿן. איין מאָל, דאָס איז געווען, ווען ער האָט נאָך אויפֿן ישובֿ געוווינט, האָט ער געקויפֿט תּבֿואה. פּלוצלינג זײַנען די מקחים פֿון תּבֿואה אַראָפּגע־פֿאַלן, אָבער אַזוי, אַז ער האָט געהאַלטן בדיל־הדל צו ווערן. האָט פֿון דעם דאָס גאַנצע שטעטל גערעשט. און עס האָט טאַקע אַלעמען זייער פֿאַרדראָסן. בכלל, אַז אַ ייִדן גייט ניט — פֿאַרדריסט עס. הײַנט בפֿרט ר׳ מאָטען! סטײַטש, ר׳ מאָטע, אַ דערבײַיקער ישובֿניק, אַזאַ ייִד און אַזאַ נדבֿן. וואָרעם אַז ער פֿלעגט קומען צו אונדז אין שטעטל, איז ווו נאָר מען האָט געדאַרפֿט, אַ הכנסת כּלה, לחם אבֿיונים, אַזוי אַן אָרעמען ייִדן אָדער פֿאַרן בית־המדרש, מען דאַרף האָבן אויף ווינטער האָלץ — אומעטום די גרויסע, די שיינע נדבֿות. ממש אַן

---

[2] (רוסישע לענגמאָס) 1,06 קילאָמעטער. — [3] אַ קרעטשמע אין אַרענדע.

אָפּענע האַנט! אַלעמען האָט עס דעמאָלט אָנגערירט. באַגעגן איך אים דעמאָלט אין גאַס. ער איז עפּעס גראָד דעמאָלט בײַ אונדז אין שטעטל געווען. ווילט זיך מיר טרייסטן אים. גיי איך צו אים צו און זאָג אים:

— ר׳ מאָטע, ניט זײַט אַזוי צעטראָגן. אין לעבן טרעפט אַלץ.

שטייט ער אַזוי און קוקט אויף מיר.

— עט! — זאָג איך — אײַער פֿאָטער איז דאָך רײַך, וועט ער אײַך צוהעלפֿן.

טוט ער אַ שמייכל. נעמט מיך אָן בײַם לאַץ און מאַכט צו מיר:

— ר׳ אַבא, ניט זײַט אומרויִק, נישקשה. איך אַליין זאָרג גאָר ניט. איר זאָגט דאָך, איך האָב אַ רײַכן טאַטן. הײַנט מה דאָך, אַז איך האָב צוויי רײַכע טאַטעס...

קוק איך דאָך אויף אים און וווּנדער זיך. וואָס הייסט צוויי?

— ר׳ אַבא! — מאַכט ער — וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? — אַוודאי צוויי... און דער טאַטע אין הימל... דער רבונו־של־עולם... נישקשה, ער קען צוהעלפֿן... ער קען... ער קען...

— אַגבֿ... — מאַכט ער ווײַטער — אויב ער וויל ניט העלפֿן, דאַרף מען ניט. איך האָב זיך מײַנס אָפּגעטאָן. מען דאַרף מפרנס זײַן אַ ווײַב און קינדער — האָב איך פֿון מײַן זײַט אַלץ געטאָן צוליב דעם. האָב תּבֿואה אויך געקויפֿט. דאָס איבעריקע איז שוין שײַך צו אים... צו אים... און אין זײַנע הנהגות מיש איך זיך ניט... ניין... אַמאָליקע ייִדן!...

יאָ, איז וועגן ר׳ מאָטען. ר׳ מאָטע איז דאָך געווען אין זײַנע יונגע יאָרן אַ גרויסער למדן, אַ בקי אין ש״ס און פּוסקים, און איז דאָך געווען דער פֿײַערדיקער חסיד. אַליין איז ער געווען אַ הויכער, מיט אַ שוואַרץ פֿאַרוואַקסן פּנים. אַ פּנים מיט באָרד און פּיאות. און מיט אַ פּאָר שוואַרצע, פֿאַרטראָגענע אויגן. און תּמיד איז ער דאָך געווען פֿאַרקלערט, פֿאַרטראַכט, ווי ניט אויף דער וועלט. וועגן זײַן פֿאַרטראַכטקייט דערציילט מען דאָך גאַנצע מעשׂיות.

מען דערציילט דאָך אויף אים, אַז איין מאָל, ווען ער האָט נאָך אויפֿן ישובֿ געווױנט, דעמאָלט ווען ר׳ מאָטע איז נאָך אויפֿן ישובֿ געזעסן, האָט ער דאָך נאָך זייער אַ סך געלערנט. און דער הויפּט לערנען איז בײַ אים דעמאָלט געווען אין דער פֿרי. איז איין מאָל, אַ זומער אין דער פֿרי, איז ער זיך אַזוי ווי אַלע מאָל אויפֿגעשטאַנען זייער פֿרי און האָט זיך געזעצט לערנען. און אַז מען זיצט זיך און מען לערנט, זומען אין דער פֿרי, בײַ זיך אין שטוב, איז מען דאָך אָנגעטאָן נאָר אין אַרבע־כּנפֿות, אויפֿן קאָפּ די שלאָף־יאַרמלקע, דורך אין פֿעדערן, נאָך אין די שיך און זאָקן, און מען זיצט און מען לערנט. אין מיטן דערינען האָט אים עפּעס אַ פּויער אַ רוף געטאָן פֿון שטוב אַרויס — ער האָט געבראַכט אַ וואָגן תּבֿואה צו פֿאַרקויפֿן. האָט ער פֿאַרמאַכט די גמרא, האָט אינעווייניק, אין דער גמרא, אַרײַנגעלייגט זײַן טיכל, עס זאָל זיך ניט פֿאַרמישן וווּ ער האַלט, און איז אַרויס אָנקוקן די תּבֿואה. מיט דעם פּויער איז ער עפּעס ניט מושווה געוואָרן אין מקח. דער פּויער איז זיך אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער און ער איז זיך געבליבן שטיין נעבן זײַן שטוב. און אָט אַזוי שטייענדיק נעבן שטוב, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, אַז ער דאַרף וואָס בייטיק מעיין זײַן אין אַ ספֿר, און דער ספֿר איז דווקא בײַ אים נישטאָ. איז וואָס זאָל זײַן? איז ער זיך אַזוי אַוועק, אָט ווי ער שטייט, גלײַך אין שטעטל, אַ וויאָרסט פֿיר, אין בית־המדרש אַרײַן, אײַנקוקן זיך אין ספֿר. בײַ אונדז אין שטעטל האָט מען זיך פֿאַרוווּנדערט. עס איז דאָך זומער, אין שטעטל שטייט מען דאָך אויף פֿרי. אויף דער גאַס איז וואַרעם, ליכטיק. און זומער האָט דאָך אין זיך אַ טבֿע, אַז עפּעס עס שלעפּט, עס ציט אין דרויסן, אין גאַס אַרויס. וואָרעם סע איז דאָך רעכט, אַז דו זאָלסט זיך זומער אַ גאַנצן פֿרימאָרגן אָפּשטיין זיך אויפֿן גאַניק, אָדער אַ פֿאַרנאַכט אַדורכגיין זיך חוצן שטעטל אויך. הײַנט דער אַמאָליקער וואַלד בײַם שטעטל! דאָס טײַכל! איז עפּנט מען זיך אויף די טיר און מען שטייט אויפֿן גאַניק, אָדער מען עפּנט־אויף אַ פֿענצטער, מען שטעלט־אַרויס דעם קאָפּ און מען קוקט זיך... ערשט מען זעט, עס גייט זיך אַזוי ר׳ מאָטע איבער דער

גאַס, כמעט אַ הוילער. נאָר אין אַרבע כּנפות, מיט דער שלאָף־יאַר־מלקע אויפֿן קאָפּ און נאָך אין שיך. ער גייט זיך אַזוי, זייער פֿאַר־טראַכט, גלײַך אין בית־המדרש אַרײַן.

מען קומט אין שול צום דאַווגען, מען געפֿינט, ר׳ מאָטע שטייט זיך נעבן אַלמער ספֿרים פֿאַרטיפֿט אין אַ ספֿר.

— ר׳ מאָטע! — מאַכט מען צו אים — ר׳ מאָטע, וואָס איז מיט אײַך?

טוט ער זיך אַזוי קאַלטבלוטיק אַ קוק אויף אַלעמען און וווּנ־דערט זיך:

— וואָסי? — זאָגט ער — וואָס זאָל זײַן? איך האָב געדאַרפֿט וואָס מעיין זײַן אין אַ ספֿר. בײַ זיך האָב איך אים ניט, בין איך אַהער געקומען.

— אָבער — מאַכט מען צו אים — זעט, ווי איר זײַט אָנגעטאָן.

ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס מיט אים איז. גאָר נישט, ס׳מאַכט ניט אויס. מען האָט תּיכּף געקראָגן פֿאַר אים אַ סור־דוק, אַ היטל און אַ פּאָר שטיוול.

גאָר ניט דאָס בין איך אויסן צו דערציילן דיר. דער הויפּט וויל איך דיר דערציילן, ווי אַזוי אַן אַמאָליקער ייִד האָט געהאַט בכּוח מבֿטל צו זײַן דעם חומר, הייסט עס, דאָס גשמיותדיקע לעבן. אַמאָ־ליקע יאָרן, זאָג איך דיר, האָט מען עס געקענט זען אויף יעדן טריט און שריט. וואָרעם וואָסי? עס איז עפּעס אַ נײַס געווען צו זען, ווי אַ ייִד, למשל, לויפֿט זיך האַסטיק אין גאַס. דאָס היטל אויפֿן קאָפּ איז בײַ אים פֿאַרדרייט. דער קאָפּ איז צעטראָגן, צעדולט, פֿאַרהאַוועט. ער לויפֿט־פֿאַרבײַ אַ בית־המדרש און טראַכט, דוכט זיך, דערבײַ נאָר פֿון דאגת פּרנסה וועגן, פֿון וואָס צו פֿאַרדינען ווו. וואָרעם טאַקע? עפּעס אַ קלייניקייט דאגת פּרנסה!... און אין מיטן דערינען דערהערט ער פֿון בית־המדרש אַ קול וואָס לערנט, און ער שטעלט זיך אָפּ — ער גייט שוין נישט ווײַטער... וואָרעם טאַקע, אַז מען גייט ווען פֿאַר־בײַ אַ בית־המדרש און דו דערהערסט פֿון בית־המדרש ווי מען לערנט דאָרטן, ווערט דאָך דיר טאָקע אַזוי וואָרעם אויפֿן האַרצן, אַזוי גוט,

ממש אַ מחיה נפֿשות... נו, און ער פֿאַרגייט שוין אויך אין בית־המדרש אַרײַן. פֿאַרגעסט אַלע דאגות, אַלע צרות. גלײַכט־אויס דאָס היטל אויפֿן קאָפּ, וואַשט זיך די הענט און לערנט־אָפּ אַ בלאַט גמרא אָדער צוויי־דרײַ... וואָס זאָל זײַן? — אַ נײַס איז עס דעמאָלט געווען? אָבער איך וויל דיר דערציילן אַ מעשה וועגן אָט דעם זעלביקן ר׳ מאָטען.

געווען איז עס שיינע עטלעכע יאָר נאָך דעם, ווי ר׳ מאָטע האָט זיך באַזעצט בײַ אונדז אין שטעטל. די געשעפֿטן זײַנען געגאַנגען דעמאָלט בײַ אים ניט אײַ־אײַ. אויף דער חיונה איז קוים געווען. געהאַנדלט האָט ער דעמאָלט מיט תּבֿואה, מיט פֿעלכלעך; דאָס ווײַב האָט אַ קראָם געמאַכט און ער איז שטענדיק געווען פֿאַרהאָרעוועט, פֿאַרדרייט, פֿאַרהאַוועט אין פֿאַרדינען וואָס. האָט שוין, נעבעך, געמוזט דאָס לערנען אויך אַוועקלאָזן. אויף דער עלטער, ווען עס איז אים אַוועקגעגאַנגען ניט שלעכט, האָט ער זיך דאָך ווײַטער פֿאַרן לערנען גענומען און איז טאַקע יום ולילה געזעסן און געלערנט. נאָר דעמאָלט, נעבעך, האָט ער געמוזט דאָס לערנען אַוועקלאָזן און האָט געמסחרט.

אײן מאָל, דאָס האָט געטראָפֿן אַ פּאָר טעג נאָך סוכּות, איז געווען אַ יאַריד ניט ווײַט פֿון אונדז, אַ וויאָרסט צוואַנציק פֿון דאַנען, אָט דאָ אין יאַנאָווע. נו, אַ יאַריד — פֿאָרן ייִדן אויפֿן יאַריד. פֿאָרט ר׳ מאָטע אויך. גענומען מיט זיך אַ וואָגן תּבֿואה, פֿעלכלעך אויף פֿאַרקויפֿן, און איז זיך אַוועקגעפֿאָרן אויפֿן יאַריד. און אָט אַזוי ווי ער איז זיך אויפֿן יאַריד, אין מאַרק, אין רעכטן מיטן הו־האַ, זוכט קונים אויף דער תּבֿואה, אויף די פֿעלכלעך, קויפֿט אַליין בײַ פּויערים פֿעלכלעך, איז ער זיך אַזוי מיישבֿ און טוט אַ טראַכט: „זע, וואָס טוט זיך עס מיט מיר?.. און וואָס איז עס אַזוינס?“...

דו פֿאַרשטייסט? אַמאָליקע ייִדן! וואָס זאָל זײַן? מען איז זיך גאַנצע עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד פֿאַרהאַוועט אין לעבן, אין דאגות הפּרנסה, אין הו־האַ. און מען קומט זיך, אין מיטן, צו פֿאָרן אויף אַ יאַריד. מען קוקט פֿאַר זיך, אַז עס איז עפּעס אַ גאַנצע שטאָט ייִדן

פֿאַרנומען מיט אַ יאַריד, מיט אַ הו־האַ. אַ גאַנצע שטאָט פֿורן שטייען מיט די האָליאָבלעס אין דער הייך. עס איז עפּעס אַ מאָדנער געפּילדער, געשריי און אַ מאָדנער מיש־מאַש פֿון אַלץ אין איינעם: ייִדן, גויִים להבֿדיל, בהמות, ציגן, פֿערד, פֿעלכלעך, חזיר־האָר — עס איז אַ יאַריד. און עס טוט עפּעס ביטער אַ צי אין האַרצן און אַ מחשבֿה לויפֿט־דורך אין מוח: „זע, וואָס איז דאָס? אָט דאָס איז דער תּכלית פֿון לעבן? צוליב דעם האָט דאָס גאָט ייִדן באַשאַפֿן... און זײַן גאַנצע מעשׂי בראשית?״ פֿאַרשטייסט? דו פֿאַרשטייסט... און אין אַזאַ צײַט דערמאָנט זיך אַ חסיד אין רבין. און וואָס זאָל זײַן? עס ווערט דערמאָלט מיאוס און מיאוס אַלץ, וואָס דו זעסט פֿאַר זיך, און עס ווילט זיך אַוועק צום רבין.

און אַז ר׳ מאָטע וויל וואָס, און בפֿרט אַ דבֿר מצווה — טוט ער. שיקט ער שוין אָפּ די פֿור, וועלכע האָט געבראַכט די תּבֿואה מיט די פֿעלכלעך, אַהיים, שיקט־אָפּ מיטן פֿויער דער ווײַב די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט דאָ געלייזט, און אַליין פֿאָרט ער שוין ניט אַהיים. אײַ די ווײַב, די קינדער? נאָר וואָס זאָל זײַן? וואָס הייסט ווײַב, קינדער, ער אַליין, די גאַנצע וועלט, אַז אַ מענטש פֿאַרטראַכט זיך וועגן תּכלית פֿון לעבן... און נאָך אַזאַ ווי ר׳ מאָטע!...



איז ער זיך גלײַך פֿון יאַריד אַוועק צום רבין. געווען איז ער אַליין אַ קוידענאָווער חסיד. מיר אַלע בײַ אונדז אין שטעטל, הייסט עס, זײַנען דאָך חב״ד. ער איז געווען אַ קוידענאָווער חסיד. און קוידענאָוו פֿון דאַנען איז דאָך אַ פֿאָלג מיך אַ גאַנג, אַ היפּשער מהלך, בפֿרט נאָך אַמאָל, ווען קיין באַן איז נאָך נישט געווען! און קיין געלט איז בײַ אים, בײַ זיך, אויך נישטאָ. נאָר איז וואָס? גייט ער זיך צו פֿוס, ביז וואַנען די פֿיס האָבן כּוח. נאָך

דעם שטעלט מען זיך אָפּ אויף אַ ישובֿ קנעלן ביז מען דערשלעפּט זיך צום רבין.

און דאָ אין דער היים דערוויַילע, פֿאַרשטייט זיך: די וויַיב איז אויס מענטש. אין שטעטל איז מען צעטראָגן: סטיַיטש, ווו האָט עפּעס ר׳ מאָטע געקענט נעלם ווערן? ווו? נאָר וואָס טוט מען? קיין באַן איז דאָך דעמאָלט ניט געווען. קיין טעלעגראַף אַוודאי נישט. איז מען זיך אין שטעטל זייער צעטראָגן, און זיַין וויַיב האָט גרויס עגמת־נפֿש און וויינט נעבעך.

הקיצור, וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאַריך זיַין? ערשט אין אַ יאָר אַרום, חול־המועד סוכּות, בייַ טאָג... עס איז זיך דעמאָלט געווען אַ וואַרעמער, אַ שיינער סוכּות. איז זיך יום־טובֿדיק. מאַנסבילן, וויַי־בער זיצן זיך אויף די גאַניקעס, אויף די פּריזבעס און מען שמועסט. קינדער שפּילן אין ניס. איך און נאָך עטלעכע אונדזערע זיַינען זיך געזעסן אין סוכּה בייַ ר׳ חיים דעם מילנער, אויפֿן סוף שטעטל, און מען האָט זיך פֿאַרבראַכט. מען איז זיך גלייַך פֿון שול פֿאַרגאַנגען צו אים. מען האָט אַ ביסל משקה גענומען און מען פֿאַרברענגט — יום־טובֿ! ערשט, ווי מיר זיצן אַזוי אין סוכּה, האָבן מיר דערהערט פֿון שליאַך צו עפּעס אַ ייִדיש געזאַנג. גייט מען אַרויס זען, ווער איז עס? ערשט אַזוי ווי דער שליאַך גייט באַרג־אַראָפּ, גייט ווער, אַ ייִד אַ גאַנץ הויכער פֿון באַרג־אַראָפּ מיט אַ טלית־און־תּפֿילין אונטערן אָרעם, אַ ביסל מבֿושׂמדיק, און זינגט זיך. נאָך אַ וויַילע, מיר האָבן דערקענט — ר׳מאָטע! ס׳וויַיזט־אויס, גייענדיק צו פֿוס איז ער זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ קרעטשמע אָפּדאַוונען, און עס איז דאָך יום־טובֿ, האָט מען אים מכבד געווען מיט אַ ביסל משקה. גייט ער זיך אַזוי פֿריילעך און זינגט.

הייבט זיך דאָך אָן:

— שלום עליכם.

— עליכם שלום.

מען פֿרייט זיך און מען פֿרעגט בייַ אים:

— סטײַטש, ר׳ מאָטע, ר׳ מאָטע, ווו זײַנט איר דאָס נעלם געוואָרן?

— בײַם רבין! — מאַכט ער פֿריילעך — בײַם רבין געווען אין קוידענאָוו.

— איר זײַנט דאָך אָבער — טענהן מיר — געפֿאָרן דעמאָלט אויף אַ יאַריד, אויף אַ יאַריד.

לאַכט ער:

— אײַך ליגט אַלץ אין קאָפּ יאַריד, יאַריד... וואָס? איר וואָלט וועלן, איך זאָל שטענדיק זײַן אויפֿן יאַריד, אויפֿן יאַריד... אמת — מאַכט ער — איך בין טאַקע דעמאָלט געפֿאָרן אויפֿן יאַריד. אָבער אין מיטן יאַריד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף פֿון זיך אַ ביסל אַראָפּוואַרפֿן די נאַרישקייט... איך בין שוין צו פֿיל פֿאַרנאַרישט געוואָרן, צו פֿיל פֿאַרחומרט... בין איך צום רבין אַוועק.

— אָבער אַ גאַנץ יאָר? — פֿרעגן מיר — אַ גאַנץ יאָר בײַם רבין געווען?

— עט — זאָגט ער — איר זײַנט עפּעס גאָר געוואָרן אמתע מתנגדים. וואָס הייסט אַ גאַנץ יאָר? איך בין דאָך אַוועק ווי איך שטיי און גיי, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און אַזאַ מהלך! נו, האָב איך אַ זמן געקנעלט אויפֿן ישובֿ, גייענדיק אַהין, און נאָך אַ זמן גייענדיק צוריק. אָבער — מאַכט ער — געווען פּסח בײַם רבין, געווען. איך האָב זיך גאָר מחיה געווען... און געבראַכט טאַקע אַ נײַעם ניגון... אַ נײַעם ניגון...

און זינגט, און זינגט — — —

אָט אַזוי, אָט אַזוי האָט זיך אַן אַמאָליקער ייִד געקענט אויפֿכאַפּן פֿון זײַן חומר.

אַמאָליקע ייִדן!...

# ר׳ בער



אַמאָל... אַמאָל... איך דערציילן דערצייל, און עס נעמט זיך גאָר ניט אויס... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך וואָלט געקענט טעג־און־נעכט, אָבער ממש גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט זיצן און דערציילן פֿון אַמאָל... און עס איז טאַקע פֿאַראַן פֿון וואָס צו דערציילן... פֿאַראַן... פֿאַראַן... האַ? וואָס? ניט אַזוי?

אָט איך דערמאָן זיך אין ר׳ בערן, אין זײַן הדרת־פּנים — ער איז דאָך געווען אַ הויכער, מיט אַ גרויסן שטערן און מיט אַ ליכטיקן פּנים — זײַן יראה, זײַן תורה, זײַן איבערגעגעבנקייט צום רבין, צו די חסידים — אַזוי וואַרעם ווערט מיר אויפֿן האַרצן, אַזוי וואַרעם... אָט גלײַך ווי איך זע אים איצט פֿאַר זיך, און מיר גייען זיך איצט ביידע אַ רעדל, אין אַ פֿריילעכן חסידישן יום־טובֿ... אַזוי היימלעך ווערט מיר... עפּעס גאָר אַן אַנדער וועלט איז דעמאָלט געווען! אַנדערש... אַנדערש... אַנדערש האָבן דעמאָלט ייִדן געלערנט, אַנדערש האָט מען געדאַוונט, אַנדערש האָט מען געלעבט, אַנדערש געגלייבט... וואָס זאָל זײַן? — ייִדן זײַנען דעמאָלט געווען — ייִדן! מען איז געווען ייִדן... און גאָר ניט לאַנג איז דאָך דאָס געווען... איך געדענק דאָס נאָך, אָט אין מײַנע יאָרן... גאָר ניט לאַנג, גאָר ניט לאַנג... ע־הע־הע, גאָר ניט לאַנג...

יאָ, איז וועגן ר׳ בערן.

ר׳ בער איז דאָך אין זײַנע יונגע יאָרן, הייסט דאָס, באַלד נאָך זײַן חתונה, יונגערמאַנווײַז, איז ער דאָך געזעסן אויפֿן ישובֿ. אָנגעקומען איז ער דאָך פֿאַר אַן איידעם צו איינעם אַ רײַכן אַרענדאַר אין אונדזער געגנט. די ווײַב, ר׳ בערס, איז געווען אַ גרויסע בריה — האָט אים זײַן שווער געדונגען אַ קרעטשמע ניט ווײַט פֿון אונדז, אַ

וויאָרסט פֿינף־זעקס פֿון דאַנען, אויף סטראַשעליער וועג, אַט ווו איצט שטייט דאָרטן אַן אַלטע, אײַנגעפֿאַלענע חורבה, און ער האָט דאָרט געוווינט. וועגן מאָנאָפּאָל איז דאָך נאָך דעמאָלט קיינעם אַפֿילו אויפֿן זינען ניט אַרויף. קיין אַקציז איז דאָך דעמאָלט נאָך אויך ניט געווען. האָט מען זיך געהאַנדלט מיט בראַנפֿן און איבער הויפּט מיט תּבֿואה, וועלכע מען פֿלעגט קויפֿן בײַ די אַרומיקע פּויערים.

ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז אין מסחר איז דער עיקר האָט זיך מתעסק געווען זײַן ווײַב. אָט, למשל, אײַנקויפֿן די תּבֿואה בײַ די פּויערים, פֿאַרקויפֿן זיי בראַנפֿן — דאָס איז געווען איר עסק. ער, ר׳ בער, פֿלעגט מער נישט דאַרפֿן שמועסן מיט די תּבֿואה־סוחרים, וועלכע פֿלעגן אָנפֿאָרן צו זיי אין קרעטשמע אַ פּאָר מאָל אין יאָר אָפּצוקויפֿן די אָנגעקליבענע תּבֿואה, און דערצו פֿלעגט ער אויך פֿאָרן איין מאָל אָדער צוויי אַ וואָך אין דערבײַיִקן ברויז נאָך אַ פֿאַס בראָנפֿן. די איבעריקע צײַט האָט ער געדאַווענט, געלערנט און מתעסק געווען זיך אין הכנסת־אורחים. וואָרעם עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ר׳ בער האַלט אַ קרעטשמע, איז דאָרט שטענדיק פֿול און ניט פֿון גויִים, נאָר פֿון ייִדן. דאָס אַן אָרעמאַן, דאָס אַ מחבר, אַ בעל־משפּיע אָדער אַזוי אַ דורכגייער אָדער אַ דורכפֿאָרער. וואָרעם וואָסי? ר׳ בער וועט נעמען פֿון אַ ייִדן געלט פֿאַר עסן און פֿאַר שלאָפֿן? און ווער רעדט נאָך, אויב דאָס איז געווען אַ בן־תּורה? איז דאָך ממש גאַנצע וואָכן צײַט אָפּזײַן בײַ אים, און ער וועט נאָך אַלץ בעטן, מען זאָל אַזוי גיך ניט אָפּפֿאָרן. און עס איז טאַקע בײַ אים שטענדיק פֿול געווען. בײַ נאַכט פֿלעגט אַ מאָל טרעפֿן, אַז עס איז ממש ניט געווען ווו צו זיצן פֿון ענגשאַפֿט. דער וואַלד אַרום אונדז איז דעמאָלט נאָך ניט געווען אויסגעהאַקט און פֿאָרנדיק פֿון זײַן קרעטשמע צו אונדז, האָט מען געדאַרפֿט דורכפֿאָרן אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. עס איז געווען אַ סכּנה צו פֿאָרן בײַ נאַכט. מען האָט טאַקע אַמאָל אַרום אונדזער געגנט אַ הרוג געפֿונען. און מען האָט עפּעס דערציילט מעשׂיות וועגן אַ מכשף, וועלכער דרייט זיך אַרום בײַ נאַכט אין וואַלד. איז פֿאָרנדיק פֿון סטראַשעליע פֿלעגט מען בלײַבן נעכטיקן בײַ ר׳ בערן אין קרעטש־

מע. און אַלעמען פֿלעגט מען דאָך געבן עסן, טרינקען און אויף וואָס צו שלאָפֿן, און אַלץ אָן געלט... פֿאַראַן דאָך זײַנס אַ ווערטל: „דאָס, וואָס אַ ייִד מוז האָבן אין וועג — פֿלעגט ער זאָגן — עסן, טרינקען, אויף וואָס צו שלאָפֿן און אַ ייִדישן ספֿר, אין וואָס מעיין צו זײַן, פֿאַר דעם נעם איך קיין געלט ניט... אָט זעט איר, פֿאַר משקה... אָט, אַז אַ ייִד וויל טרינקען בראַנפֿן... בראַנפֿן — איז מײַן פּרנסה".

זײַן הכנסת־אורחים!

הײַנט זײַן לערנען! ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ ליידיקע מינוט, איז ער געזעסן און געלערנט. אויך אין וועג פֿלעגט ער קיין מאָל ניט פֿאָרן אָן אַ ספֿר מיט זיך. אַפֿילו ווען ער פֿלעגט פֿאָרן אין ברויז [1], פֿלעגט ער שטענדיק נעמען מיט זיך אַ גמרא. תּמיד מיט אַ גמרא! וואָרעם ווי דען? ערשטנס: ווי פֿאָרט דאָס אַ ייִד אין וועג און אָן אַ ספֿר מיט זיך?... טאָמער פֿאַרווילט זיך אין מיטן אײַנקוקן וואָס, מעיין זײַן אין עפּעס אַן ענין? אַגבֿ, האָט ער דאָך געהאַט אַן אַלע־טאָגעדיקן שיעור גמרא. אַלע טאָג פֿלעגט ער מוזן לערנען דרײַ שעה נאָך אַנאַנד, און דעם דאָזיקן שיעור האָט ער געהיט ווי די אויגן פֿון קאָפּ. עס האָט געמעגט דונערן און בליצן — זײַנע דרײַ שעה אַ טאָג האָט ער געמוזט לערנען, ניט אַנדערש... וואָרעם וואָסי? עס איז עפּעס געווען בײַ ר' בערן אַ העכערע זאַך, אַ בילכערע זאַך, ווי דינען גאָט, דאַוונען און לערנען, און זײַן אַ ייִד? דאָס איז דאָך געווען בײַ אים זײַן גאַנץ לעבן: זײַן אַ ייִד! זײַן אַ ייִד!...

מען דערציילט דאָך אויף אים אַז איין מאָל זײַנען געקומען צו אים די תּבֿואה־סוחרים גראָד אין דער צײַט, ווען ער האָט געלערנט זײַן שיעור. די ווײַב זײַנע האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז ווען ער, ר' בער, לערנט זײַן שיעור, וועט ער אים בשום אופֿן ניט מפֿסיק זײַן, אָט עס מאָג [2] זיך אים גיין אַפֿילו אין לעבן. אויך האָבן דעמאָלט

[1] ווו מען מאַכט בראָנפֿן, אַלקאָהאָל. — [2] מעג.

אנגעהויבן צו פאלן די מקחים און מען האט געמוזט פארקויפן די תבואה וואס גיכער. אגב, איז בכלל — א ייִדענע! וואס זאל זײַן? יא... איז שיקט זי די סוחרום צו אים, צו ר׳ בערן, אין צימער אַרײַן. זיי גייען־אַרײַן אין זײַן צימער און זאגן אים: „גוט מארגן!“ — ענטפערט ער זיי ניט. ער זיצט און לערנט און ענטפערט זיי ניט. מיינען זיי, ער הערט ניט, זאגן זיי אים נאך א מאל „גוט מארגן!“ העכער ווי פריִער — ער ענטפערט ווידער ניט און טוט זיך זײַנס: זיצט און לערנט. וווּנדערן זיי זיך און ווערן שוין טאקע א ביסל אין צארן.

— מיר זײַנען געקומען אפקויפן אייער תבואה! — מאכן זיי צו אים שוין עטוואס כעסדיק.

ער האט אפילו ניט א קוק געגעבן אין זייער זײַט און אנגעהויבן צו לערנען נאך מיט א העכערן, מיט א געשמאקערן קול ווי פריִער.

— פון אײַער עקשנות וועט איר בדיל־הדל ווערן! — האבן זיי מיט כעס געשריִען צו אים — תבואה פאלט. מארגן וועלן מיר שוין ניט וועלן קויפן בײַ אײַך. איר ענטפערט צי ניט?

און ער זיצט זיך און טוט זײַנס: זיצט און לערנט. זײַנען זיי ארויס פון זײַן צימער אויפגעקאכטע פון כעס:

— סטײַטש — מאכן זיי צו איר — מיר זײַנען געקומען צו אים קויפן תבואה. ער וויל ניט פארקויפן? — זאג, אז ניט. אבער ענט־פערן דארף מען דאך?! ס׳איז גאר קיין מענטש ניט!

— וואס זאל זײַן? עפעס א פאר דײַטשישע סוחרים: זיי זעען אזוינס צום ערשטן מאל.

זײַן לערנען!

יא... איז וואס האב איך דיר געוואלט דערציילן? וועגן דעם, הייסט דאס, אז ר׳ בער איז אויף זײַנע יונגע יארן געזעסן אויפן ישוב. נאך דעם האט ער זיך דאך אריבערגעקליבן צו אונדז אין שטעטל און איז געווארן א היגער תושב. נאר... ניט דאס בין איך אויסן צו דערציילן... דער עיקר איז וועגן דעם, מיט וואס פאר א היץ, מיט וואס פאר א ברען ר׳ בער איז געווען א חסיד.

אומגעפֿאָרן איז דאָך ר׳ בער צו ר׳ מענדעלען, צום צמח צדק הייסט דאָס. און געווען איז ער דאָך אין אים אַ פֿאַרקאָכטער, אַ פֿאַר־ברענטער, איבערגעגעבן, אָט טאַקע אָט אַזוי ווי ר׳ בער האָט געקענט גלייבן אין אַ צדיק־הדור... און צוריקגערעדט, וואָס עפּעס דווקא ר׳ בער? וואָרעם ווער האָט דאָס ניט געגלייבט אין צמח צדק? עס איז דען אַ מענטשישער כּוח אויסצודערציילן וועגן דעם צמח צדקס גרויסקייט? און עס האָט דען געטראָפֿן כאָטש איין מאָל, אַז דער וואָס האָט אים נאָר געזען זאָל ניט ווערן זײַנער אַ פֿאַרקאָכטער, אַ פֿאַרברענטער מיט לײַב און מיט לעבן? מאַכט דאָך ניט אויס! יאָ... איז ר׳ בער אַרומגעפֿאָרן צום צמח צדק.

און דאַרף איך דיר דען דערציילן וועגן דעם גרויסן חורבן, וואָס עס איז געווען, ווען דער צמח צדק איז נפֿטר געוואָרן? אַלע, אַלע ייִדן האָבן דאָך דעמאָלט דערפֿילט די גרויסע אַבֿידה, און עס איז דאָך בײַ אַלעמען מיט אַ מאָל פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן, אין די הער־צער און אין די מוחות... עס איז דאָך דעמאָלט ממש געוואָרן חושך ואַפֿילה... אָט גלײַך ווי די זון זאָל פֿינצטער ווערן אין מיטן העלן טאָג... וואָס זאָל זײַן? מען האָט דערפֿילט, אַז די וועלט איז מיט אַ מאָל פֿינצטער געוואָרן... פֿינצטער... און ווו מען האָט זיך נאָר דערפֿון דערוווּסט, איז מען דאָך געזעסן שבֿעה און עס איז געווען אַ גרויסער קלאָג. נאָר דו האָסט געדאַרפֿט זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון דעמאָלט מיט ר׳ בערן! ער איז ממש אַן אויסמענטשי־קער געוואָרן... אָבער ממש אויס מענטש... אויס מענטש...

איך געדענק נאָך ווי איצטער, אָט גלײַך ווי נעכטן האָט דאָס געטראָפֿן. דער צמח צדק איז דאָך נפֿטר געוואָרן י״ג ניסן. נאָר בײַ אונדז אין שטעטל האָט מען זיך דערוווּסט פֿון דעם ערשט עטלעכע טעג נאָך פּסח. קיין באַן איז דאָך נאָך דעמאָלט ניט געווען, אויך האָט אין יענעם פֿאַר־פּסח אָפּגעריסן זיך אַ כרעבליע[3] נעבן אונדז און

---

[3] וואַסער־דאַמבע.

מיר זײַנען געווען דעמאָלט אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט. איז האָבן מיר זיך דערוווּסט פֿון דעם עטלעכע טעג נאָך פּסח. עס איז געווען נאָך מעריבֿ. מיר זײַנען זיך איבערגעבליבן עטלעכע פֿון אונדז אין שול. עס איז דאָך נאָך פּסח, באַלד נאָך יום־טובֿ, און אַהיים צו אײַלן זיך איז ניטאָ צוליב וואָס, איז מען זיך פֿאַרבליבן אין שול. מען האָט שוין אַפֿילו אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן און אין שול איז שוין פֿינצטער, נאָר עס איז אײַנגענעם צו זײַן דאָרטן. איז מען זיך אַלע אין איין רעדל, ווער עס זיצט, ווער עס שטייט בײַם עמוד, ווו עס ברענט דער נר־תּמיד, און מען שמועסט זיך. און געוויינלעך, אַז חסידים שמועסן צווישן זיך, שמועסט מען מן הסתם וועגן אייגענע זאַכן; וועגן אַ מופֿת פֿון אַ צדיק, וועגן זייערן אַ טיפֿן וואָרט — מען שמועסט! ערשט עס לויפֿט־אַרײַן איינער, זײַן פּנים איז בלאַס ווי לײַוונט, און דערציילט אונדז די בשורה רעה: „ער״ איז נפֿטר געוואָרן!

בײַ אונדז אַלעמען האָט זיך וואָס אָפּגעריסן אין האַרצן און פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. און ר׳ בער האָט זיך אַ טרייסל געגעבן, אָט אַזוי ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפֿן, און ער האָט זיך געכאַפּט מיט בײדע הענט פֿאַרן קאָפּ.

— האַ? וואָס? — האָט ער גענומען שרײַען ניט מיט זײַן קול

— ער... דער ליבאַוויטשער... ר׳ מענדעלע...

— אָט איז מען געקומען פֿון ליבאַוויטש. י״ג ניסן איז ער נפֿטר געוואָרן . . .

— עס קען ניט זײַן... עס קען ניט זײַן... — האָט ר׳ בער געשריִען און האָט ניט געוואָלט גלייבן — אויף וועמען האָט ער אונדז געלאָזן ?! ניין! ער לעבט! דער רבי... דער רבי... ניין... ניין!

נאָר דער, וואָס האָט דערציילט, איז געווען אַן איש מהימן [4]. מען האָט אים געמוזט גלייבן.

ר׳ בער האָט מיט אַ ווייטיקדיקן געשריי פֿון האַרצן געריסן קריעה, איז אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און האָט גענומען וויינען

---

[4] אַ באַגלייבטער מענטש.

אויפֿן קול ווי אַ קליין קינד. און אַזוי ביטער, אַזוי ביטער... אונדז האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און אונדזערע הערצער ווערן צעריסן פֿון ווייטיק... מיר האָבן תּיכף אַלע געריסן קריעה, האָבן זיך געזעצט שבֿעה און האָבן זיך פֿונאַנדערגעוויינט, ווי קליינע קינדער, ווי עלנטע יתומים... און ר׳ בער איז געלעגן אויף דער ערד, זײַן גרויסער קערפּער האָט זיך משונה אײַנגעקאָרטשעט, אָט ווי פֿון גרויסע ווייטיקן אין האַרצן, האָט אײַנגעטוליעט זײַן פּנים אין די הענט, האָט געוויינט אויפֿן קול און ביטער געשריִען:

— דער ליבאַוויטשער... דער רבי... אויף וועמען האָט ער אונדז געלאָזן?!... דער רבי... דער רבי...

— וואָס זאָל זײַן? — אַמאָל... אַמאָל... דעמאָלט, אַז עס איז געווען אַ צדיק־הדור, האָבן טאַקע אַלע געפֿילט אים... איז טאַקע אַלעמען ליכטיק געווען אין די אויגן... און אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן אַלע דערפֿילט, אַז זיי איז פֿינצטער געוואָרן... פֿינצטער אין די הערצער... אין די מוחות... — אַמאָל...

יאָ... איז מיר אַלע און דער עיקר ר׳ בער האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן אויף דער אַבֿידה. דערצו האָט געדריקט אין האַרצן: ווי לעבט מען איצט? ווי לעבט מען אָן אַ צדיק־הדור? ווי אַזוי? וואָרעם פֿאָרן צו וועמען נאָך דעם צמח צדק, נאָך דעם ווי מען האָט זוכה געווען צו זען אים, האָט קיינעם אַפֿילו אויפֿן זינען ניט געקענט אַרויף... נאָך אַזאַ ליכטיקייט ווי ער — צו וועמען האָט מען זיך דען געקאָנט ווענדן? און מען האָט זיך געפֿילט אַזוי פֿאַרלוירן... ניט גוט... ניט גוט...

און ר׳ בערס עגמת־נפֿש, זײַן האַרצווייטיק האָט מען ניט געקענט אַריבערטראָגן. ממש, דאָס האַרץ פֿלעגט צעגיין קוקנדיק אויף אים. זײַן פּנים איז חושך געוואָרן ווי די ערד. ער האָט ניט געוווּסט, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז און איז אַרומגעגאַנגען תּמיד אַ פֿאַרטראַגענער, אַ צעטומלטער, אַ פֿאַרצאָגטער.

איין מאָל גייט ער צו מיר צו, נאָך מנחה, אין בית־המדרש, און מאַכט צו מיר:

— אַבא!

— וואָס? — פֿרעג איך.

— ניט גוט, ניט גוט... — מאַכט ער.

— וואָס ווילט איר, ר׳ בער? — פֿרעג איך אים.

— אַבא... ניט גוט, ניט גוט... — האָט ער אָנגעהויבן צו קלאָגן זיך פֿאַר מיר — דאָס לערנען איז קיין לערנען ניט, דאָס דאַווענען איז קיין דאַווענען ניט און דאָס לעבן איז קיין לעבן ניט... ניטאָ ר׳ מענדעלע... איך וועל דאָס ניט אַריבערטראָגן... ניטאָ דער רבי... און צו וועמען פֿאָרט מען איצט? ווער? ווער? און וועמען גלייבט מען? אַזוי... איז קיינעם ניט גלייבנדיק... אַליין... אַליין... איז שווער צו לעבן... נישט... ניט גוט... דו פֿילסט זיך אַזוי עלנט... עלנט... ווי אַ יתום... ווי קינדער אָן אַ פֿאָטער... שלעכט... שלעכט...

טרערן האָבן זיך געוויזן אין זײַנע אויגן. און טאַקע אַזוי... עפּעס אַז דו ווייסט, אַז עס איז פֿאַראַן ווער... אַז עס איז פֿאַראַן, ווער עס דאגהט טאָג־און־נאַכט פֿאַרן כּלל־ישׂראל, פֿאַר אַלעמען, פֿאַר דיר אויך אַפֿילו... און אַז עס איז אַן עת־צרה, האָט מען צו וועמען צו ווענדן זיך... און ווען עס ציט, עס נאָגט דײַן האַרץ, פֿאָרסטו צו אים... דו זעסט זײַן ליכטיק פּנים, הערסט וואָס ער זאָגט, דו זעסט זײַן גרויסקייט. דו ווערסט דאַן מונטער בײַ זיך, לעבעדיקער און הייסער, אי אין תּורה, אי אין אמונה, אי אין לעבן... און אָן דעם איז אַזוי שווער... אַזוי שווער צו לעבן... די ייִדישע צרות... די גזירות רעות... דער גלות... שווער צו לעבן אַליין... און מיר האָבן זיך טאַקע דער־פֿילט ווי יתומים, ווי יתומים...

עס פֿלעגט טרעפֿן, מיר פֿלעגן זיך בלײַבן אונדזערע אַלע שפּעט אין בית־המדרש נאָך מעריב. אין בית־המדרש פֿלעגט זײַן פֿינצטער, נאָר בײַם עמוד פֿלעגט ברענען טונקל דער נר־תּמיד. געווען איז דאָך עס זומער. אין שטעטל פֿלעגן שוין אַלע שלאָפֿן. און מיר פֿלעגן זיך זיצן צוזאַמען אין דעם פֿינצטערן בית־המדרש נאָענט איינער נעבן דעם צווייטן. עפּעס האָט מען זיך געפֿילט אַזוי פֿאַריתומט... און

עס האָט זיך אַזוי געוואָלט זײַן צוזאַמען, צוזאַמען... איינס נעבן דעם צווייטן... און מיר האָבן געפֿילט, אַז מיר אַלע, וואָס זיצן איצט אין פֿינצטערן בית־המדרש, זײַנען אַזוי עלנט, עלנט... מען פֿלעגט זיצן און מען פֿלעגט דערציילן אַ מעשׂה פֿון צמח צדק, זײַנעם אַ מופֿת, אָדער מען פֿלעגט דערמאָנען זײַנס אַ וואָרט. און אין מיטן פֿלעגט ר׳ בער אַ פֿרעג טאָן מיט אַזאַ ביטערן האַרצווייטיק:

— און אין וועמען זאָל מען איצט גלייבן? צו וועמען פֿאָרט מען? נאָך אים, נאָך אים... צו וועמען? אַזוי לעבן קאָן מען ניט... צו וועמען פֿאָרט מען?!...

בײַ אונדז אַלעמען פֿלעגן זיך טרערן שטעלן אין די אויגן. מיר פֿלעגן אַלע פֿילן, אַז אָט־אָט, און מיר פֿאַרכליפּען זיך ווי קליינע קינדער. מיר פֿלעגן אָנהייבן שטיל און טרויעריק צו זינגען דעם צמח צדקס אַ געליבטן ניגון. פֿלעגן זיך פֿאַרטיפֿן אין אים און עלנטע, פֿאַריתומטע פֿלעגן מיר זיך צעגיין אַהיים.

און אָט אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אויפֿן האַרצן איז אַלץ געוואָרן שווערער און שווערער, און עס האָט געצויגן, געשלעפּט צו וועמען צו פֿאָרן, אין וועמען צו גלייבן... און ר׳ בער איז געוואָרן אין פּנים אַזוי, אַז מען האָט אים ניט געקאָנט דערקאָנען. ער איז אין גאַנצן געוואָרן אַ שאָטן פֿון אַ מענטשן, און זײַנע אויגן זײַנען אײַנגעפֿאַלן טיף אין זיך, דאָס פּנים בלאַס — מען זעט, אַז אים איז דאָס לעבן ניט ניחא... דער מענטש גייט־אויס, גייט־אויס ווי אַ ברענענדיק ליכט...

אין דערינען האָט זיך גענומען הערן וועגן ר׳ לייב קאָפּיסטער. מען האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן זײַן התלהבֿות בײַ חסידות זאָגן. מען האָט דערציילט וועגן זײַן גרויסקייט. נאָר... נאָכן צמח צדק האָט דען בײַ עמעצן געקענט אַרויף אויף דער דעה צו פֿאָרן צו וועמען עס איז אַן אַנדערן? און ר׳ לייב קאָפּיסטער האָט אַלץ אָנגעהויבן נתעלה און נתעלה צו ווערן.

איין מאָל אין אַן אינדערפֿרי, מען כאַפּט זיך, עס איז ניטאָ אין בית־המדרש צום דאַווענען ר׳ בער! מיינט מען, ער איז ניט געזונט.

גייט מען נאָכן דאַוונען אים מבקר־חולה זײַן. מען קומט צו אים, ערשט ער איז ניטאָ אין דער היים. פֿרעגט מען בײַ זײַן ווײַב: „ווו איז ר׳ בער?"... זאָגט זי, אַז זי ווייסט ניט. „ער איז — זאָגט זי — אויפֿגעשטאַנען הײַנט זייער פֿרי, האָט גענומען טלית־און־תּפֿילין, אַ גמרא און אַ לאַבן ברויט, האָט זיך מיט איר צעזעגנט און איז אַוועק". פֿרעגן מיר בײַ איר: „אפֿשר אין אַ געשעפֿטזאַך?"... זאָגט זי, אַז ניט. פֿרעגן מיר: טאָ וווהין זשע פֿאָרט? זאָגט זי, אַז זי ווייס ניט, זי ווייס ניט. זי האָט געפֿרעגט בײַ אים, פֿאַר וואָס עפּעס צו פֿוס, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט מורא, טאָמער וועלן די בעלי־עגלות אויסזאָגן, וווהין ער פֿאָרט דאָס. האָט זי זיך געבעטן בײַ אים אויסזאָגן כאָטש איר, וווהין ער גייט דאָס. האָט ער געזאָגט, אַז ער קען איר דאָס איצט ניט אויסזאָגן. קיינער דאַרף דערווײַל ניט וויסן, וווהין ער גייט, קיינער... אונדז אַלעמען איז עפּעס די זאַך קשה געוואָרן. עפּעס מאָדנע... וואָס? ווו? וווהין האָט דאָס עפּעס געקענט ר׳ בער אַוועקגיין צו פֿוס? וווהין? מען ווייס ניט.

הקיצור, מען וואַרט אַ טאָג, צוויי טעג, אַ וואָך, צוויי וואָכן, און ר׳ בער איז ניטאָ. זײַן ווײַב און מיר אַלע זײַנען געוואָרן זייער אומרויק, סטײַטש? ווו איז דאָס ר׳ בער? ווער ווייס, וואָס מיט אים האָט זיך געטראָפֿן? מען האָט גענומען נאָכפֿרעגן זיך בײַ דעם, בײַ יענעם, צי האָט ווער ניט געזען, צי האָט ווער ניט געהערט וועגן אים — קיינער ווייס ניט. ניטאָ ר׳ בער. עס האָט זיך אַפֿילו עפּעס אָנגעהויבן צו הערן, אַז מען האָט אים געזען אין ליובאַוויטש. נאָר ווער וועט דאָס גלייבן?... נאָכן צמח צדק, צו וועמען וועט אַהין ר׳ בער פֿאָרן? צו וועמען? מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן. ווו? ווו האָט דאָס געקענט נעלם ווערן ר׳ בער? זײַן ווײַב האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין צו אונדז נאָך עצות. וואָס זאָל זי טאָן? ווי זוכט מען אים? און זי האָט געוויינט און געקלאָגט — ניטאָ ר׳ בער! נאָר וואָס זאָל איך דיר אַ סך מאַריך זײַן? ערשט אויף דער פֿערטער וואָך נאָך זײַן אַוועקגיין, דאָס איז געווען פּרשה עקב, דינסטיק, איז ער געקומען אַהיים.

אַז מיר האָבן אים דערזען אין דער פֿרי אין בית־המדרש, זײַ־

נען מיר אַלע פֿריילעך געוואָרן. פֿאַראַן ר׳ בער. ער לעבט. און עפּעס פֿון דער צײַט אָן, וואָס מיר האָבן אים ניט געזען, האָט ער זיך אין גאַנצן אומגעביטן. זײַן פּנים איז עפּעס געוואָרן ווידער אַזוי מונטער, לעבעדיק, אַזוי ליכטיק און שיין, אָט אַזוי ווי אײדער דער צמח צדק איז נפֿטר געוואָרן. זײַן דאַוונען איז עפּעס געווען מיט אַזאַ התלהבֿות — גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן! ער האָט זיך עפּעס ווי פֿון דאָס נײַ אָפּגעלעבט... זײַנען מיר נאָכן דאַוונען צו אים אַלע צוגעלאָפֿן:

— ר׳ בער, ר׳ בער — האָבן מיר אַלע געשריִען — ווו זײַט איר דאָס געווען? ווו, ר׳ בער?

ער האָט פֿריילעך אַ קוק געגעבן אויף אונדז, האָט זיך אַ ביסל ווי פֿאַרשעמט און געזאָגט:

— איך בין געווען בײַ ר׳ לייבן... געווען בײַ אים אין ליבאַוויטש און מיטגעפֿאָרן נאָך אים אין קאָפּיסט...

— בײַ ר׳ לייבן? — זײַנען מיר אַלע פֿאַרוווּנדערט געוואָרן — בײַ ר׳ לייבן ? !

— ייִדן... — האָט ער פֿריילעך געזאָגט צו אונדז — יאָ... איך בין געווען בײַ ר׳ לייבן... געפֿאָרן בין איך צו אים מער ניט ווי אַ קוק צו טאָן, וואָס איז דאָס אַזוינס און ווער איז ער... ניט פֿאָרן האָב איך ניט געקענט... איך האָב לעבן ניט געקענט... מיך האָט געצויגן, געצויגן... נאָר איצט, איצט — בין איך זײַנער, זײַנער... ער איז ווערט, ער איז ווערט...

— סטײַטש ? ! — האָבן מיר אַלע גענומען פֿרעגן פֿאַרוווּנדערט

— אָבער נאָך אים? נאָך ר׳ מענדעלען...

ר׳ בער האָט אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, האָט געקוקט אויף אונדז אַ ווײַלע מיט טרויעריקע אויגן. נאָך דעם האָבן זײַנע אויגן ווידער אָנגעהויבן פֿריילעך צו בלישטשען און האָט געזאָגט צו אונדז מיט התלהבֿות:

— אָבער הערט, הערט... איך בין זײַנער, ר׳ לייבס... און ער איז ווערט, ער איז ווערט... איר וואָלט הערן זײַן חסידות זאָגן, איר וואָלט זען זײַן צעפֿלאַקערט פּנים... און איר וואָלט זען מיט אײַערע אויגן

דאָס, וואָס איך האָב געזען פֿון אים... איר וואָלט געזען זײַן גרויס־קייט! אַז איך זאָל אײַך דערציילן דאָס, וואָס איך האָב געזען פֿון אים, וועט איר מיר געוויס ניט גלייבן. איר וועט ניט גלייבן... נו, למשל, אַז איך זאָל אײַך דערציילן, אַז איך האָב געזען, צום בײַשפּיל, אַ רע־שעטע פֿול מיט וואַסער און דאָס וואַסער גיסט זיך פֿון איר ניט אַרויס... וועט איר מיר גלייבן? נו, און איך האָב אַזוינע מעשׂים, אַזאַ גרויסקייט אַליין מיט מײַנע אויגן געזען פֿון אים... איך האָב אַליין געזען... איך האָב אַליין געזען... איך האָב אַליין געזען...

— נו, און וואָס זאָל זײַן?

אויף דעם קומענדיקן שבת זײַנען שוין אַלע אונדזערע געווען אין קאָפּוסט בײַ ר׳ לייבן...

אָט אַזאַ איז געווען ר׳ בער...

אַמאָליקע ייִדן!

## אַמאָליקער בטחון



דערציילן דערציילט מען עס אויף די עולמשע[1]. מילא, די חסידים, וועגן זייער אמונה, וועגן זייער בטחון איז דאָך ני־טאָ וואָס צו ריידן. בײַ זיי, בײַ די חסידים, איז דאָך אַלץ מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיט אַ פֿײַער... די מעשׂה דערציילט מען אויף די מתנגדים, אויף ר׳ משה און ר׳ אַהרן שקלאָווער.

ר׳ משה און ר׳ אַהרן האָבן געוווינט אין שקלאָוו. געווען איז

[1] מתנגדים.

עס אַמאָל־אַמאָל, ווען שקלאָוו איז נאָך געווען שקלאָוו. שקלאָוו איז דאָך דעמאָלט געווען דער גרויסער מקום־תּורה. און געפּאַקט איז דאָך דעמאָלט שקלאָוו געווען מיט לומדים, מופלגים און גאונים. האָט אַ שטאָט אַ רבֿ געזוכט, איז מען געפאָרן קיין שקלאָוו; האָט אַ רבֿ אַ האַרבע שאלה, אַ טיפן ענין געהאַט, האָט ער געשריבן אַ שאלה־ותשובֿה צו די שקלאָווער גאונים — אַמאָליקע שקלאָוו! און ר׳ משה און ר׳ אַהרן זײַנען דעמאָלט אין שקלאָוו געווען פון די מפורסמים. געווען זײַנען זיי בײַדע שקלאָווער באַלעבאַטים און זייער רײַכע באַלע־באַטים, גבֿירים. ס׳פאַרשטייט זיך, ניט איין שטאָט וואָלט געוואָלט האָבן די זכיה צו האָבן בײַ זיך פאַר אַ רבֿ ר׳ משה שקלאָווער אָדער ר׳ אַהרן שקלאָווער, נאָר זיי וועלן מאַכן דאָס לערנען פאַר אַ קרדום לחפור בה[2]? איז מען געווען מסחר־מענטשן, הייסט דאָס, אַליין איז מען טאַקע געזעסן יום־ולילה און מען האָט געלערנט. און וואָס הייסט יום־ולילה? טאַקע ממש ניט אָפּגעטראָטן פון דער גמרא. נאָר די ווײַבער זייערע האָבן זיך מתעסק געווען אין מסחר — אַמאָליקע יאָרן! יאָ, איז דערציילט מען עס אויף ר׳ משהן און ר׳ אַהרנען.

איין מאָל איז זיי אויסגעקומען צו פאָרן קיין מאָהילעוו. אין מאָהילעוו זײַנען דאָך דעמאָלט אויך געווען די גרויסע מופלגים, די גרויסע גאונים. און גערופן האָבן די מאָהילעווער צו זיך ר׳ משהן מיט ר׳ אַהרנען וועגן אַ האַרבער דין־תּורה אָדער אַזוי וועגן אַ שווע־רער שאלה־ותשובֿה, צוליב וועלכער מען האָט געמוזט זײַן אויפן אָרט. געווען איז עס ווינטער.

איז דינגט מען אַ פור, פאַר זיי זאַלבענאַנד, אויף צו פאָרן אין מאָהילעוו. עס זײַנען אַפילו דאָ בעלי־עגלות, וועלכע פאָרן אַלע טאָג פון שקלאָוו אין מאָהילעוו, פון מאָהילעוו אין שקלאָוו, נאָר בײַ די בעלי־עגלות איז דאָך געפּאַקט פורן מיט מאַנסבילן און ווײַבער אין איינעם, און ר׳ משה מיט ר׳ אַהרנען וועלן דאָך ניט פאָרן צוזאַמען אין איין פור מיט ווײַבער. דינגט מען פאַר זיך אַליין אַ פור און בײַ

---

[2] (אָבות ד, ה׳) אַ האַק צו האַקן (ניט מאַכן קיין פרנסה פון לערנען תורה).

נאַכט, נאָך מעריבֿ, איז מען אַוועקגעפֿאָרן קײן מאָהילעוו. פּחד האָבן צו פֿאָרן בײַ נאַכט איז איבעריק ניט געווען פֿאַר וואָס. עס איז אַפֿילו אויסגעקומען צו פֿאָרן דורך אַ פּאָר געדיכטע, גרויסע וועלדער, נאָר אין אַזאַ וועג, ווי פֿון שקלאָוו קײן מאָהילעוו, פֿלעגט מען זיך אָפּט באַגעגענען מיט פֿורן, וועלכע פֿאָרן דאָס אַהער, דאָס אַהין; מיט אַ בעל־עגלה, וועלכער פֿאָרט פֿון מאָהילעוו, מיט אַ קאָמיסיאָנער, וועלכער פֿאָרט פֿון שקלאָוו אָדער אַזוי מיט אַ פֿאָרער. וואָרעם שקלאָוו מיט מאָהילעוו זײַנען דעמאָלט געווען טאַקע אָט ווי אַ שטוב מיט אַ קאַמער — דער אַהין, דער אַהער.

יאָ, אַמאָל פֿלעגט מען אין שקלאָווער געגנט אומפֿאָרן אויף אַנדערע שליטנס, ניט ווי איצטיקע. געמאַכט געווען זײַנען זײ אַזוי: עס איז געווען אַ פּראָסטער שליטן, אָט אַזאַ אויף וועלכן מען פֿירט געהילץ, בערווענעס, סלופּעס, נאָר אַ לאַנגער, און אויף דעם הוילן שליטן פֿלעגן זיך אַרויפֿשטעלן קערב, אַזוינע מין לובקעס, געמאַכט פֿון גראָבער קאָרע, און וויפֿל מענטשן עס זײַנען געפֿאָרן, אַזוי פֿיל קערב פֿלעגט מען אַוועקשטעלן אויפֿן שליטן — פֿאַר איטלעכן פֿאָרער אַ באַזונדערער קאָרב. האָט מען אָנגעלייגט אַ סך היי אין די קערב, מען האָט זיך אָנגעטאָן אין די גוטע, וואַרעמע טכוירענע פֿוטערס מיט די טײַערע באָבער־קאָלנערס און מיט די רײַכע שטרײַמלס אויפֿן קאָפּ — אַמאָל זײַנען דאָך געווען די שטרײַמלס אַזוינע קײַלעכדיקע מיט הענגענדיקע עקלעך — אַרום־און־אַרום, און זייער וואַרעם זײַנען זײ געווען — און מען פֿאָרט. די נאַכט איז געווען אַ ליבדע [3] און אַ ליכטיקע. אָנגעטאָן איז מען געווען וואַרעם. דער וועג איז געווען גוט. דער שליטן האָט זיך געגליטשט אויף דעם ווײַסן שנייוועג און — מען פֿאָרט.

און וואָס טוט ר׳ משה מיט ר׳ אַהרן שקלאָווער, ווען זײ פֿאָרן אין וועג? רעדט מען דאָך צווישן זיך וועגן אַן ענין, וועגן אַ האַרבער סוגיא אין פּסחים, אין כּתובות אָדער אין עירובין אָדער גאָר וועגן אַ

[3] אַ מילדע, אַ ליבלעכע.

ירושלמי[4]. און אַז מען רעדט צווישן זיך וועגן אַ סוגיא, צעאַמפּערט מען זיך. דער זאָגט אַזוי און דער זאָגט אַנדערש. האָט מען זיך פֿאַר־טראַכט. מען האָט זיך אַזוי צעאַמפּערט, אַז איטלעכער האָט זיך פֿאַר־טיפֿט פֿאַר זיך אין דעם ענין, וועגן וועלכן מען האָט גערעדט. און אַז אַזוינע מענטשן, ווי ר׳ משה און ר׳ אַהרן שקלאָווער, פֿאַרטראַכטן זיך, זײַנען זיי דאָך שוין דעמאָלט ניט אויף דער וועלט. זיי ווערן דע־מאָלט אויס מענטשן און עס איז דאָ שוין דעמאָלט פֿאַר זיי ניטאָ קיין וועלט, ניט קיין מענטשן, ניט זיי אַליין, ניט קיין אַנדערע — מען טראַכט. און דער בעל־עגלה פֿאָרט זיך גאַנץ גיך, קוקנדיק פֿאָרויס זיך אין דעם ווײַסן שנייוועג אַרײַן.



אין מיטן כאַפּט זיך ר׳ משה — ניטאָ ר׳ אַהרן. ניטאָ אויפֿן שליטן! ניט ער, ניט דער קאָרב, אין וועלכן ער איז געזעסן. דער־שרעקט זיך זייער ר׳ משה, הייסט ער דעם פֿורמאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. פֿאָרט מען שוין ניט ווײַטער און מען קערט זיך אום צוריק זוכן ר׳ אַהרנען. און מען פֿאָרט שוין טריט בײַ טריט — און מען זוכט. די נאַכט איז דאָך געווען אַ ליכטיקע, אַ העלע. דער שניי איז קלאָר, ווײַס און מאַכט העל די נאַכט. אין הימל די שטערן לײַכטן. און די לבֿנה האָט דאָך אַ טבֿע, אַז ווינטער לײַכט זי ליכטיקער, וואָרעם אַז מען פֿאָרט ווינטער אין אַ לבֿנה־נאַכט, זעט מען אַפֿילו אויף דעם שניי דעם פֿערדס שאָטן. פֿאָרט מען טריט בײַ טריט און מען קוקט פֿאָרויס זיך, און אַרום זיך, אויפֿן וועג, און מען זוכט ר׳ אַהרנען. מען דערזעט פֿון ווײַטן, בײַ דער זײַט פֿון וועג, נעבן וואַלד, עפּעס ענלעך צו אַ קאָרב. שטעלט מען אָפּ

[4] יענער תלמוד, וועלכער איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן אין ישראל, הגם נישט אין ירושלים.

דאָס פֿערד, מען גייט־אַראָפּ פֿון וואָגן, מען קריכט אין דעם טיפֿן שניי, ביז וואַנען מען דערזעט פֿאַר זיך אַן אָפּגעהאַקטן בוים. קערט מען זיך אום טרויעריקע צוריק צום שליטן. אָדער מען דערזעט פֿון ווײַטן פֿאָרויס זיך עפּעס אַ געדיכטס, אַ שוואַרצס, טוט מען דאָס פֿערד אַ טרײַב גיכער. מען פֿאָרט־צו — עס איז גאָר אַ ביימדל. פֿאָרט מען זיך ווײַטער נאָך מער פֿאַרזאָרגט ווי פֿריִער. ערשט פֿון ווײַטן האָט מען דערזען, עס שטייט אויפֿן מיטן וועג דער קאָרב און ר׳ אַהרן אין אים — איז מען דאָך מלא שׂמחה: — גוט, פֿאַראַן ר׳ אַהרן! געטראָפֿן האָט דאָס, ווי עס ווײַזט־אויס, אַזוי: אַלע זײַנען געווען פֿאַרטראַכט. געפֿאָרן איז מען גיך. איז נעבן אַ ביימדל האָט זיך דער שליטן אַ קלאַפּ געגעבן, האָט זיך עטוואָס אַ קער געטאָן אין אַ זײַט און דער קאָרב האָט זיך אַראָפּגערוקט פֿון שליטן אויפֿן וועג. קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט און מען איז זיך אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער. וויל מען אַ פֿאָר טאָן גיכער, נעמען ר׳ אַהרנען. ערשט מען האָט דערזען, אַ בער איז אַרויס פֿון וואַלד און גייט גלײַך צום קאָרב, ווו עס איז געזעסן ר׳ אַהרן. איז דאָך אַ סכּנה — שטעלט מען זיך אָפּ. און מען וואַרט פֿון ווײַטן צו זען, וואָס וועט זײַן דער סוף. דער בער איז זיך אַזוי געגאַנגען שטיל און גלײַך צו ר׳ אַהרנען. ר׳ משה קוקט, וואָס דאָ טוט זיך. און אין האַרצן איז בײַ אים פֿול פּחד: וואָס וועט זײַן מיט ר׳ אַהרנען?

אין דערינען האָט ר׳ אַהרן באַמערקט דעם בער. ר׳ אַהרן האָט זייער רויִק און קאַלטבלוטיק אויפֿגעהויבן זײַן שטרײַמל הויך אויפֿן קאָפּ אַזוי, אַז זײַן גרויסער שטערן איז אין גאַנצן אָפּגעדעקט געוואָרן, און קוקט רויִק גלײַך דעם בער אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער זאָגט: נאַ, קוק אויף מײַן שטערן! און דער בער גייט זיך שטיל און גלײַך צו ר׳ אַהרנען. און זיי קוקן בײדע איינער אויף דעם צווייטן. ר׳ אַהרן אויפֿן בער, דער בער אויף ר׳ אַהרנען.

און ר׳ משה קוקט, וואָס דאָ וועט זײַן. דער בער איז זיך צוגעגאַנגען נאָענט צו ר׳ אַהרנען. האָט זיך אָפּגעשטעלט. שטאַרק אײַנגעקוקט זיך אין ר׳ אַהרנס פּנים אַרײַן און האָט זיך שטיל, רויִק אומ־

געקערט צוריק אין זײַן וועג און איז זיך אין וואַלד אַרײַן.

איז מען דאָך געוואָרן מלא שׂמחה, מען איז באַלד צוגעלאָפֿן צו ר׳ אַהרנען, מען האָט צוריק אַרויפֿגעשטעלט דעם קאָרב אויפֿן שליטן און מען איז אַוועקגעפֿאָרן.

אין וועג, אַז מען איז שוין אָפּגעפֿאָרן ווײַט פֿון דעם מקום הסכּ־נה, האָט ר׳ משה געפֿרעגט בײַ ר׳ אהרנען, וואָס איז געווען דער ענין פֿון אויפֿהייבן דאָס שטרײַמל און אָפּדעקן פֿאַרן בער דעם שטערן. האָט אים ר׳ אַהרן דערקלערט: אַז ער האָט דערזען דעם בער, ווי ער גייט גלײַך צו אים, האָט ער באַלד דערפֿילט די סכּנה. האָט ער גענומען און האָט פֿאַר אים אָפּגעדעקט זײַן שטערן — איז ממה נפֿשך, זאָל דער בער זען — איז דער צלם אלקים אויף זײַן שטערן גאַנץ, וועט ער דאָך אים גאָרנישט טאָן; וואָס דען — ניט, איז דאָך באָה שעתו, איז דאָך געקומען די צײַט — — —

אַמאָליקער בטחון!

## מען פֿאָרט צום רבין



— איך געדענק... און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? עפּעס עס געדענקט זיך... עס געדענקט זיך, פֿון יענע יאָרן, אַלץ־אַלץ. און אַזוי קלאָר, קלאָר, און עפּעס אַזוי פֿריילעך ווערט אויפֿן האַרצן, אַזוי לעבעדיק... האַ, וואָס זאָגסטו? עפּעס, עפּעס... איך ווער גאָר אַן אַנדערער... ניט אָט דער „עובֿר־בטלניק“, אָט וועמען דו זעסט איצט פֿאַר דײַנע אויגן — אַן אַנדערער! איך לעב זיך אָפּ. איך דערמאָן זיך, איך דער־מאָן זיך... און עפּעס, עפּעס... האַ, וואָס זאָגסטו? אוי־אוי־אוי...

ווען ס׳איז — קלער איך... אַ מענטש איז דאָך אַ מענטש און קלערט... קלער איך ווען עס איז: וואָס וואָלט געווען, אַז אַ מענטש וואָלט געלעבט אויף דער וועלט אָן שינויים, אָבער לגמרי אָן שי־נויים?... אָט מען וואָלט שטענדיק געווען יונגע־לײַטלעך... מען וואָלט שטענדיק געווען אַזוי לעבעדיק, אַזוי פֿריילעך, ווי אין די יונגע יאָרן... מען וואָלט שטענדיק געווען געזונט... מען וואָלט ניט עלטער געוואָרן, מען וואָלט ניט שטאַרבן... הם, האַ, וואָס זאָגסטו? אַ מענטש איז דאָך — אַ מענטש און קלערט, און קלערט אָפּט נאַרישקייטן אויך... האַ, וואָס זאָגסטו? מען דערציילט פֿון דעם ראָכמעסטריווקערס וועגן — די פּוילישע האָבן דאָך האָלט צו זאָגן ווערטלעך — איין מאָל זאָגט ער: „ובֿטובֿו מחדש בכל יום תמיד מעשי־בראשית“[1]. איז דאָך אין פּלוג, זאָגט ער, צוליב וואָס דאַרפֿן די מענטשן דעם חידוש פֿון מעשי־בראשית אַלע טאָג? נאָר וואָס דען? ווײַלע[2] — ובֿטובֿו... ווײַל מיר זײַנען מאמינים, אַז „ער“ איז כּולו טובֿ... און אַלץ, וואָס ער טוט, איז פֿון אים אַ גרויסע טובֿה... ובֿטובֿו!

יאָ... איז געדענק איך... דאָס האָט געטראָפֿן מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק, אָבער גאָר שיינע עטלעכע יאָר... איין מאָל, עטלעכע טעג פֿאַר ראש־השנה — ראש־השנה האָבן מיר דעמאָלט געהאַט דאָנער־שטיק און פֿרײַטיק, און דאָס איז געווען זונטיק — זײַנען מיר, איך, ר׳ גדליה דער קרעמער, חיים דער גאַרבער, ירוחם־אַבא דער שענ־קער און ר׳ ברוך דער סופֿר, שוין אַלע אונדז צו לאַנגע יאָר, פֿאַר־זעסן זיך אין בית־המדרש שפּעטלעך נאָך מעריבֿ. און וואָס טוען חסידים, אַז מען בלײַבט עטלעכע צוזאַמען אין בית־המדרש? זיצט מען דאָך, מסתּמא, און מען שמועסט זיך מכּוח דעם רבין, מכּוח אַ מאמר זײַנעם, מכּוח זײַנעם אַ ווערטל, אָדער מען דערציילט פֿון אים אַ מעשׂה, אָדער מען רעדט מכּוח אַ חסיד, מכּוח דעם, יענעם, ווי דער שטייגער איז — מען שמועסט. ווי אַזוי דאָס איז געקומען צו רייד,

---

[1] און אין זײַן גוטסקייט באַנײַט ער יעדן טאָג דעם וועלטבאַשאַף. — [2] ווײַל.

געדענק איך שוין איצט ניט, נאָר מען איז געזעסן און גערעדט. אין בית־המדרש איז שוין געווען פֿינצטער, נאָר ס׳איז עפּעס קאַלטלעך געווען, און דער שמש האָט אײַנגעהייצט די הרובע. זיצט מען זיך אַנטקעגן דעם פֿײַער, ווער אויף אַ בענקל, ווער די פֿיס אונטער זיך אויף דער ערד און מען רעדט. זיצט מען זיך און מען רעדט, און מען רעדט... און מען האָט זיך צונויפֿגערעדט, אַז מען פֿילט, אַז מען דאַרף פֿאָרן אויף ראש־השנה אין קאַפּוסט צום רבין. אויף שבֿועות איז מען אַפֿילו געווען בײַ אים, נאָר מען פֿילט, אַז עס ציט... עס שלעפּט... מען דאַרף פֿאָרן... מען מוז פֿאָרן!... וואָס זאָל זײַן? אין רבין האָט מען טאַקע אויף אַן אמת מאַמין געווען... און אויף אַמאָליקן אופֿן... טאַקע — בלבֿ ונפֿש... און עס איז טאַקע דעמאָלט געווען צו ווען צו פֿאָרן, און אין ווען צו גלייבן... וואָרעם — גלייב ניט?!... אַז מען האָט טאַקע געזען בחוש, ממש מען האָט אָנגעטאַפּט מיט די הענט, אויף איטלעכן טריט — און ווי זיי זאָלן זיך, די אַמאָליקע, די אמתע צדיקי־הדור, ניט סטאַרען זיך צו באַהאַלטן זייערע מעשׂים פֿון מענטשישע אויגן — זייערע גרויסע ניסים און זייער גדלות... און ווער זאָל גלייבן, איז טאַקע דעמאָלט אויך געווען... וואָס זאָל זײַן? — אַמאָליקע חסידים און אַמאָליקע רביים! יאָ... נו, איז געבליבן, אַז מען זאָל פֿאָרן.

דער הויפּט־אָנפֿירער אין דער נסיעה איז געווען ר׳ ברוך דער סופֿר. דו האָסט דאָך געהערט מכּוח אים? הם, וואָס זאָל זײַן? דאָס איז געווען אַ ייִד, איינער פֿון די געהויבענע ייִדן... אין אַמאָליקע יאָרן פֿון די יחידי־סגולה! אויף אים דערציילט מען דאָך, אַז ווען עס איז גע־ווען דער גרויסער גירוש פֿון מאָסקווע, אָט, אָט דער לעצטער גירוש, און אַ סך, אַ סך, וועלכע גאָט ווייס, צי וואָלטן אַפֿילו זייערע קינדער וויסן, אַז זיי וואַקסן כאָטש פֿון ייִדן, און ווער רעדט שוין מכּוח זיי־ערע אייניקלעך, אור־אייניקלעך... וואָרעם ווי מען דערציילט זיך אָן, האָט מען דאָך דאָרטן, אין מאָסקווע הייסט עס, געלעבט ממש ווי גוייִם... און ווער רעדט מכּוח לערנען, דאַוונען, תּפֿילין לייגן. אַ סך האָבן זיך גאָר פֿאַרגעסן, אַז עס איז פֿאַראַן תּפֿילין אויף דער וועלט.

יאָ... און דערנאָכדעם, אַז מען האָט טאַקע דערציילט יעדערן גאָר אַזוי פּראָסט, אָפֿן, און טאַקע בּיד חזקה אויך, אַז דו ביסט אַ ייִד... איז דאָך אַ סך הערצער האָבּן זיך דערמאָנט אין גאָט און האָבּן זיך אומגעקערט מיטן גאַנצן האַרצן צו ייִדישקייט, צום דאַוונען, צו די תּפֿילין, און עס איז דאָך דעמאָלט געוואָרן דאָס גרויסע אײַנגעלויף נאָך בּתּים... וואָס זאָל זײַן? איז דערציילט מען אויף אים, אויף ר׳ ברוך דעם סופֿר: אין איינעם אַ פֿרימאָרגן — מען זעט, ער לויפֿט מיט אַ זאַק בּתּים אויף די פּלייצעס, מיט אַ זאַק אַ גרעסערן פֿאַר אים אַליין, ער איז דאָך געווען אַ קלייניינקער, אַ קורטשינקער און אַ דאַרינקער — און ער לויפֿט מיט אַזאַ שׂמחה. פֿרעגט מען דאָך בּײַ אים:

— אַ וווהין, אַ וווהין איז דאָס, ר׳ ברוך?

— קיין שקלאָוו, קיין שקלאָוו! — ענטפֿערט ער אײַלנדיק — דאָרטן האָבּן זיך דאָך באַוועצט אַ סך מאָסקוועער בּעלי־תּשובֿה...

— נו, איז וואָס פֿרעגט מען?

— און איך וויל — מאַכט ער מיט שׂמחה — און איך וויל, אַז די בּעלי־תּשובֿה זאָלן טאַקע טראָגן מײַנע בּתּים... מײַנע בּתּים...

און איז אַוועקגעלאָפֿן צו פֿוס מיט דעם זאַק בּתּים קיין שקלאָוו...

ממ... פֿון די יחידי־סגולה!

יאָ, איז דאָך דער הויפּט־אָנפֿירער אין דער נסיעה געווען ער, ר׳ ברוך דער סופֿר, הייסט עס. נאָר ווו כאַפּט מען אַ פֿור? געווען איז דאָך עס בּײַ נאַכט און פֿאָרן מוז מען פֿאָרן ניט שפּעטער ווי אויף מאָרגן פֿרי. וואָרעם דער וועג איז געווען אַ שלעכטער, אויף דער גאַס האָט געגאָסן אַ שלאַקסרעגן — דער אָסיען איז דעמאָלט געווען זייער אַ פֿריִענדיקער. דאָס איז געווען אין יענעם יאָר, ווען די ערשטע טעג סוכּות איז מען שוין געפֿאָרן אויף שליטן, און פֿאָרן האָט מען געהאַט אַ וויאָרסט זיבעציק. און קומען האַרט פֿאַר די ערשטע פֿאַרנאַכטיקע חסידים האָט זיך אויך ניט געוואָלט. נו, טאָ וואָס טוט מען? איז געפֿאַלן ר׳ ברוך אויף אַזאַ המצאה: מען זאָל דינגען זעליק דעם בּעל־עגלה. אַ פֿערדל האָט אַפֿילו זעליק דער בּעל־עגלה

געהאַט ניט קיין אײַ־אײַ. נאָר דער הויפּט וואָס דערווײַל וועט זעליק אויך זײַן בײַם רבין אויף ראש־השנה.

וואָרעם דער זעלביקער זעליק דער בעל־עגלה איז געווען אַ ברענענדיקער חסיד, אַ גרויסער מאַמין אין אים, און אַ שיינער יודע־ספר, און ער איז גאָר ניט געווען קיין בעל־עגלה אויך... אָט, ער האָט זיך געהאַט אַ פֿערדל און פֿלעגט זיך פֿירן ווען אַ וואָגן משׂא קיין שקלאָוו, פֿון שקלאָוו... יאָ, איז געבליבן אַזוי. גייען מיר תּיכף, גלײַך פֿון בית־המדרש, אין דעם גרויסן שלאַקסרעגן, אַוועק צו זעליק דעם בעל־עגלה און דערציילן אים די מעשׂה. ווערט ער דאָך מלא שׂמחה און איז גרייט אויף מאָרגן פֿרי, אַ שעה דרײַ פֿאַר סליחות, צו פֿאָרן. בלײַבט דאָס אַזוי.

אויף מאָרגן — מיר זײַנען אויפֿגעשטאַנען, מען האָט זיך צונויפֿגעקליבן אַלע צו ר׳ ברוכן און מען וואַרט אויף זעליקן. מען וואַרט אַ האַלבע שעה, אַ שעה — ער איז ניטאָ. גייט מען דאָך אַוועק צו אים, זען וואָס איז די מעשׂה. און אויף דער גאַס איז חושך מצרים: איינער דעם אַנדערן האָט ניט געזען... גייט מען זיך אַזוי צו אים, און אָט, אָט מען פֿאַלט... מען קריכט־אַרויף אויף אַ שטוב, אַ בערווענע, מען גייט... מען קומט צו זעליקן, מען קלאַפּט־אָן אין פֿענצטער — מען ענטפֿערט ניט. מען הייבט־אָן קלערן, וואָס קען דאָס זײַן? ערשט מען האָט דערזען בײַ אים אין סטאַדאָלע[3], נעבן זײַן שטוב, עס איז דאָ פֿײַער. גייט מען אויך אין סטאַדאָלע. מען גייט אַרײַן. ערשט ער זיצט דאָרטן. אַ סמאָליאַטשיק[4], אַרײַנגעשטעקט אין האַנט, ברענט איבער זײַן קאָפּ — קיין קעראָסין איז דאָך נאָך דעמאָלט ניט געווען — און ער פֿאַרריכט דעם כאָמוט[5]. און ווי? ער האָט נאָך אַפֿילו ניט אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צו דער נסיעה: דער וואָגן שטייט זיך אין ווינקל, דאָס פֿערד ליגט און דרעמלט, און ער זיצט זיך און פֿאַרריכט דעם כאָמוט.

---

[3] שײַער. — [4] אַ קינעלע. — [5] האַלדזגעשפּאַן פֿאַר אַ פערד.

— סטײַטש, — מאַכט צו אים ר׳ ברוך — שלימזלניק! נאָך דײַנע הכנות נאָך וועלן מיר דאָך קומען אין קאָפּוסט ערשט אויף איבער אַ יאָר שבֿועות. און פֿאַר וואָס פֿאַרריכטסטו ניט דעם כאָמוט אין שטוב, וואָלט דאָך די אַרבעט גיין גיכער?

— גערעכט! — מאַכט ער געלאַסן צו אונדז — נאָר איך וועל אײַך ענטפֿערן אויף אַלץ: ערשטנס, איז דעם כאָמוט מוז מען פֿאַרריכטן, וואָרעם אַ פֿערד אָן אַ כאָמוט איז גאָר קיין פֿערד ניט. ניין! אַ פֿערד איז אַלע מאָל אַ פֿערד! נאָר דעם וואָגן שלעפּט ער דעמאָלט ניט... און צווייטנס, ווידער צו הערן די קללות פֿון מײַן פּלוניתטע דערפֿאַר, וואָס איך פֿאָר־אָפּ אויף יום־טובֿ פֿון דער היים, איז בעסער צו זיצן דאָ און כאָטש דערפֿרוירן ווערן פֿון קעלט.

— שוטה! — זאָג איך צו אים — וואָלטסטו זאָגן דײַנער, אַז דו פֿאָרסט צום רבין...

— הערסטו? — מאַכט ער — אָט דערפֿאַר גופֿא שילט זי זיך דאָך...

— סטײַטש! — מאַכט ר׳ ברוך — אַזאַ אַרורה!...

— און וואָס איז דער וווּנדער? — שמייכלט ר׳ גדליה דער קרעמער — בדידי הוה עובֿדא[6]... איך האָב אויך אַן אישה און האָב טאַקע אויך געזאָגט איר, אַז איך פֿאָר צום רבין און זי האָט טאַקע אויך געשאָלטן, און לאָ די וואָס דעם טלית און תּפֿילין האָט זי מיר ניט געלאָזט נעמען, וועט זי מיך נאָך אַ גאַנץ יאָר נאָך אַנאַנד שילטן און שילטן פֿאַר דער נסיעה.

— מײַנע אויך! — כאַפּט־אונטער חיים דער גאַרבער. לאַכט מען...

בקיצור, אַהין־אַהער, מען האָט זיך אַרויסגעקליבן פֿון שטעטל נאָך סליחות און נאָכן דאַוונען, שוין היפּש אויפֿן טאָג. און מען פֿאָרט. פֿאָרט מען... יאָ, פֿאָרט מען... עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מען פֿאָרט מיט זעליק דעם בעל־עגלה — איז וואָס זאָל זײַן? דאָס רײַסט זיך אָפּ אַן

---

[6] (אַראַמיש) מיט מיר אַליין האָט דאָס געטראָפֿן.

אטאסע[7], די לייצעס צערײַסן זיך, די רעדער סקריפען, דעם כאַ־מוט דאַרף מען אין מיטן דערינען איבער אַ נײַס פֿאַרריכטן — ס׳מאַכט דאָך ניט אויס... יאָ, פֿאָרט מען... מען איז אָפּגעפֿאָרן אַ וויאָרסט פֿערציק, אויף מאָרגן שוין — ערשט אין מיטן דערינען, אין מיטן אַ דאָרף, דאָס פֿערד האָט זיך פֿאַראַמפּערט, האָט זיך אָפּגע־שטעלט און — נישט פֿון אָרט... און וואָס הייסט ניט פֿון אָרט? אָט טאַקע ווי איינער זאָגט: עד כאן, און גאָר... פּרוּווט דאָך זעליק מיט גוטן, מיט בייזן — גאָרנישט... פּרוּווט דאָך זעליק ווײַטער, מיט דער אַנדער זײַט בײַטש, הייבט דאָס פֿערד אויף די הינטערשטע פֿיס און פֿאַרשפּריצט אונדז מיט בלאָטע, מיט קויט און — ניט פֿון אָרט. פּרוּוון מיר אַראָפּגיין פֿון וואָגן — עס העלפֿט אויך ניט. און ניט וואָס דאָס פֿערד וויל אונדז ניט פֿירן, ער וויל טאַקע, ווײַזט־אויס, אַז מיר זאָלן אים פֿירן... נו, טאָ וואָס טוט מען?... נאָר מילא מיטן פֿערד — נו, אַ פֿערד... אָבער וואָס טוט מען מיט זעליקן? זעליק וויל דאָך זײַן אויף ראש־השנה בײַם רבין. וואָס טוט מען? איז געבליבן, אַז מען זאָל לאָזן דעם וואָגן אין דאָרף בײַ אַ גוי און דאָס פֿערד זאָל זעליק נעמען פֿאַרן פּאָוועד[8], און מען זאָל גיין צו פֿוס אין קאָפּוסט — נו, און אָן אַ וואָגן וועט דאָך שוין דאָס פֿערד יאָ נאָכגיין נאָך אונדז.

— אַגבֿ... — שמייכלט ר׳ ברוך — וועלן מיר אפֿשר אויפֿן וועג אָנטרעפֿן אַ מתנגדיש שטעטל, וועלן מיר אים דאָרטן לאָזן פֿאַר אַ רבֿ...

מען לאַכט...

בקיצור, טוט מען אַזוי און מען גייט צו פֿוס. דער טאָג איז גע־ווען זייער אַ קאַלטער, קויטיק איז געווען — אָט ווי עס טרעפֿט אין אַ שלעכטן אָסיען. און מען גייט, מען טאָפּטיעט[9] אין די קויט, „טיאָפּ־

---

[7] אַ טייל פֿון געשפּאַן. — [8] פּאַסקעס פֿון צײַמל. — [9] מען זינקט, מען טרינקט זיך אין שמוץ.

טיאַפּ־טיאַפּ״. איין פּוס אַרײַן אין די קויט, די אַנדערע אַרויס, „טיאַפּ־טיאַפּ״... און דער רעגן גיסט... און וואָס הייסט — ער גיסט? ער שמײַסט אין פּנים אַרײַן און גיסט אויפֿן קאָלנער, און טאַקע אונטערן קאָלנער אויך... און מען גייט... מען גייט... מען שלעפּט זיך צו פּוס אין קאָפּוסט.

— ווי עס ווײַזט־אויס — זאָגט זעליק, אַרויסשלעפּנדיק די פּוס פֿון אַ בלאָטע, אין וועלכער ער איז אַרײַנגעפֿאַלן — הייבן אָן מקוים צו ווערן מײַן ווײַבס קללות.

— שוטה! — מאַכט צו אים ר׳ גדליה דער קרעמער — ווען מײַן ווײַבס קללות וואָלטן אָנהייבן מקוים צו ווערן, איז די ערשטע זאַך האָבן בײַ מיר מײַנע פּיס געדאַרפּט, חלילה, אָפּגענומען ווערן, און אַ דאַנק גאָט — עס גייט זיך... אַדרבה...

מען המצאהט זיך און מען גייט... עס זײַנען שוין נאַס געוואָרן אויף אונדז די קליידער, די אייבערשטע, די אונטערשטע, נאָר עס גייט זיך... מען גייט אין קאָפּוסט צו פּוס...

שפּעט אין דער נאַכט זײַנען מיר קוים אַרײַנגעפֿאַלן אײַנגעמאַטערטע אין כאָלטורע, אין אַ קרעטשים, אַ וויאָרסט עלף־צוועלף פֿון קאָפּוסט. מיר זײַנען אַרײַן אין קרעטשים און מיר האָבן זיך גאָר אָפּגעלעבט. עס איז ליכטיק, וואַרעם, און אַגבֿ האָבן מיר דאָרטן געפֿונען אַ פּאָר באַקאַנטע חסידים, און אַזוי, וועלכע פֿאָרן צום רבין. וואָס זאָל זײַן?... מען איז דאָך צו אים געפֿאָרן פֿון דער גאַנצער וועלט... און אויך אַן עגונה, אַ פֿאַרביטערטע ייִדענע איז געפֿאָרן צום רבין. מיר האָבן אַפֿילו איר געזאָגט: וואָס עפּעס האָט זי אויסגעקליבן דווקא ראש־השנה, ווען עס איז אַזוי פֿיל אורחים פֿאַראַן און עס איז זייער שווער צוצוקומען צו אים? יאָ... איז... ע... שלום עליכם, עליכם שלום! מען רעדט. מען האָט גענומען אַ ביסל משקה. מען דערמאָנט פֿאַראײַאָריקן ראש־השנה און מכּוח די אורחים, וועלכע זײַנען דעמאָלט געווען, מכּוח דעם מאמר, וועלכן ער האָט פֿאַר אַ יאָרן געזאָגט, מען דערמאָנט אַ ווערטל זײַנס, אַ מעשה פֿון אים — מען שמועסט. און מען האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, ווער אויף דר׳ערד, ווער אויפֿן טיש,

אויף אַ בענקל. איינגעמאַטערט איז מען דאָך געווען — איז מען טאַקע באַלד איינגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן — ערבֿ ראש־השנה, הייסט דאָס, איז מען אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעזאָגט „זכר ברית“, עס איז געוואָרן טאָג, און מען דאַרף גיין ווייטער, נאָר מען איז אַזוי פֿון נעכטן פֿאַרמאַטערט — די פֿיס ווילן גאָר ניט גיין. טאָ וואָס טוט מען? ניט גוט... ערשט ווי מיר שטייען אַזוי נעבן פֿענצטער פֿאַרדאגהט און קוקן אין גאַס אַרויס, ערשט אַ פּאָר גוטע פֿערד, אָבער וואָס הייסט גוטע?! איינגעשפּאַנט אין אַ גוטער, טייערער ברישקע לויפֿן צום קרעטשים.

— איי, מאַכט זעליק — ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ פּאָר פֿערדלעך, וואָלט איר ביי מיר געווען נאָך נעכטן אין קאָפּוסט.

— ניט שיט קיין זאַלץ אויף די ווונדן! — מאַכט צו אים ר׳ ברוך.

און מיר קוקן זיך אַזוי אין פֿענצטער. ערשט מיר קוקן זיך צו גוט, מיר זעען — אַ באַקאַנט פּנים. נאָך אַ ווײַלע — און מיר דערקענען אים. און דאָס איז טאַקע געווען ר׳ שלום דער אַרענדאַר. ער איז דאָך געווען דער פֿײַערדיקער חסיד, אַ מוראדיקער עושר און דער גרויסער עניו, מיט אַלעמען אויף „דו“, און צו אים אויך אויף „דו“, און אַ גרויסער חכם — אַ מדינה־חכם!... יאָ... ערשט דאָס פֿאָרט ר׳ שלום דער אַרענדאַר. און ער פֿאָרט־צו גלײַך צום קרעטשים.

— איר וועט זען — מאַכט ר׳ ברוך צו אונדז — וואָס דאָ וועט זײַן...

— נו, אַדרבה — זאָגט זעליק שמייכלענדיק.

ר׳ שלום איז אַרײַן אין קרעטשים. נו, און שלום עליכם, עליכם שלום? מען פֿרייט זיך, וואָס מען זעט זיך און מען פֿרעגט וווהין פֿאָרט ער. ווערט ער אין כּעס:

— וואָס הייסט וווהין פֿאָר איך? אויף ראש־השנה אין קאָפּוסט.

נו, איז מען מלא שׂמחה. בעט מען דאָך ביי אים אויף משקה — איז ער מסכּים דערצו. אין דעריבען איז ער אַרויסגעגאַנגען זאָגן

דעם קוטשער, אַ יונג יינגל, אַז ער וועט זיך דאָ אָפּשטעלן אויף אַ קליינער ווײַלע. מאַכט צו אונדז ר׳ ברוך:

— הערט, מען דאַרף אים אָפּטאָן...

— וואָס הייסט? — פֿרעג איך.

— מען דאַרף — זאָגט ער — זעצן זיך אין זײַן בריטשקע, אויף זײַנע פּאָר פֿערד און אַוועקפֿאָרן אין קאַפּוסט.

— יאָ! — זאָגן אַלע — ר׳ ברוך איז גערעכט.

— און ער? — פֿרעג איך.

— עט! — מאַכט צו מיר ר׳ ברוך — ביסטו דאָך גאָר אַ מתנגד. מיר וועלן אים דאָ לאָזן זעליקס פֿערד; אַ וואָגן וועט ער דאָ קריגן אין דאָרף; געלט האָט ער דאָך בײַ זיך. איך וועל שוין זען אַלץ מאַכן צו רעכט.

לאַכן מיר אַלע פֿון דער המצאה...

און וואָס מיינסטו? עס איז ניט געווען אַזוי? וואָס זאָל זײַן? ווען ר׳ שלום איז אַוועקגעגאַנגען צו זײַן פּריץ, וועלכער האָט דערבײַ געוווינט, האָט מען גענומען און מען האָט דעם קוטשער אויסגענאַרט. מען האָט אים ווו אויף אַ ווײַלע אַוועקגעשיקט. פֿאַר ר׳ שלומען האָט מען איבערגעלאָזט בײַם קרעטשמער אַ צעטל, אין וועלכן מען האָט מודיע געווען פֿון דער מעשׂה און מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן בריטשקע און... אין אַ שעה אַרום איז מען געווען אין קאַפּוסט. און וואָס הייסט „מען איז געפֿאָרן“ — ווי די גרעסטע פּריצים! אַ גאַנצן יום־טובֿ האָט מכּוח דעם גערעשט גאַנץ קאַפּוסט. אַלע חסידים האָבן דערפֿון געוווּסט. ס׳האָט געקערט די וועלט! און צום סוף, אַז ער איז געקומען, שפּעט בײַ טאָג, צו שלעפּן זיך, און טאַקע אויף זע־ליקס פֿערדל — האָט מען נאָך געקנסנט, אַז ער זאָל געבן אַ האַלבן טאָפּ זעכציקער דערפֿאַר, וואָס מען האָט אים אויסגענאַרט... אַ האַלבן טאָפּ האָט ער אַליין מוסיף געווען, אויף אונדזערע הענט, פֿאַר די המצאה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — —

און אַז מען האָט דערציילט די מעשׂה דעם רבין, האָט דער רבי אַ שמייכל געטאָן.

## אַמאָליקע שמחות



— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — פֿאַר מיר... פֿאַר מיר, וועלכער געדענקט נאָך ווי אַמאָל איז געווען, ווי אַמאָל האָט מען געלעבט, איז שווער איצט צו לעבן, שווער... עפּעס דו געפֿינסט זיך קיין אָרט ניט... ווו דו זאָלסט זיך ניט קערן און ווענדן — אַלץ ניט דאָס, ניט דאָס... ניט דאָס, וואָס אַמאָל... לגמרי ניט דאָס, וואָס אַמאָל... האַ, וואָס? ניט אַזוי?

אָט, למשל, אַמאָליקע ייִדישע שׂמחות. ווי ייִדן פֿלעגן אַמאָל פֿריילעך זײַן יום־טובֿ, און איצטער... זעסטו דען איצט אויף די ייִדישע פּנימער דעם עונג יום־טובֿ, דעם תּענוג פֿון שׂמחה, די עבֿודה צו גאָט דורך שׂמחה? פֿילסטו דען איצט יום־טובֿ, אַז ייִדן זײַנען דאָך ייִדן? אַלץ אַזוי פֿאַראַבֿלט, טרוקן און וואָכעדיק... און וואָס מיינסטו? ייִדן האָט זיך דעמאָלט בעסער געלעבט, דערפֿאַר איז מען געווען פֿריילעכער? עט! ייִדן זײַנען אַלע מאָל געווען אין גלות... נאָר וואָס דען? מען איז געווען מיט מער ברען, מיט מער היץ, מיט מער פֿײַער אין די הערצער, און במילא איז שוין געווען מער אמונה, מער בטחון, און אויך די שׂמחות זײַנען געווען ייִדישע — מיט אַ היץ, מיט אַ פֿײַער און מיטן גאַנצן לײַב־און־לעבן! וואָס זאָל זײַן? עפּעס, עפּעס... אַן אַנדער וועלט איז דעמאָלט געווען!... אַנדערע מענטשן. אַנדערש האָט מען געלעבט... אַנדערש, אַנדערש...

איך געדענק נאָך ווי איצטער, ווי אָט נעכטן, נעכטן איז דאָס

געוועזן. דער עיקר הוליען פֿלעגט בײַ אונדז זײַן שׂמחת־בית־השואבֿה[1]. מילא וועגן שׂמחת־תּורה, וועגן דעם ווי מיר פֿלעגן אַמאָל פֿריילעך זײַן שׂמחת־תּורה איז דאָך טאַקע בפּועל ממש, מען דאַרף זיצן טעג מיט נעכט און דערציילן וועגן דעם, וואָס הייסט, מען האָט זיך משׂמח געוועזן . . . עס איז דאָך טאַקע געוועזן די אמתע שׂמחת התּורה... מען איז אַרויס פֿון זיך... אָבער בפּועל ממש אַרויס פֿון זיך! מען האָט פֿאַרגעסן אין אַלץ — און ייִדן האָבן זיך געפֿרייט מיט דער תּורה... און וואָס הייסט משׂמח געוועזן! אַז איך זאָג דיר, דו וואָלטסט מער ניט געדאַרפֿט זען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אַמאָל אַ שׂמחת־תּורה מיט ר׳ נחום דעם מלמד: וואָס? דו האָסט ניט געהערט פֿון ר׳ נחום דעם מלמד? דו ווייסט ניט וועגן אים? ר׳ נחום דער מלמד איז דאָך געוועזן בײַ אונדז אין שטעטל דער גרעסטער מלמד פֿאַר גמרא־קינדער. געוועזן איז ער דער גרויסער עובֿד און דער גרויסער, פֿאַרברענטער חסיד. דאָס רובֿ זמן פֿלעגט ער אַפֿילו אָפּזײַן אין קאָפּוסט בײַם רבין. אים פֿלעגט שטענדיק שלעפּן אין קאָפּוסט, צום רבין, צו חסידות. „ניט אין קאָפּוסט, פֿלעגט ער טענהן, בין איך ניט איך... עפּעס, עפּעס עס ציט מיך אַהין“... דאָך פֿלעגט מען די גוטע קינדער אָוועקגעבן צו אים, ווײַל ווען ער פֿלעגט שוין יאָ לערנען מיט זיי, איז ניט געווען קיין גלײַכן צו זײַנע עמקות און צו זײַן הסברה. און שטענדיק איז ער געווען יום־טובֿדיק, שטענדיק אָנגעטאָן אין זײַן אַטלעסענער קאָפּאָטע מיט דעם זײַדענעם גאַרטל — אַ הדרת־פּנים האָט ער דאָך געהאַט ניט קיין געווײנלעכן. ער איז דאָך געווען אַ הויכער און אַ לעבעדיקער. זײַן פּנים איז געווען אַ ליכטיקער, מיט אַ בערדל, מיט אַ קאָפּ. און זײַנע אויגן זײַנען געווען אַזוינע ליכטיקע און אַזוינע ווײַסע, גוטע. איז אַז מען פֿלעגט אים דערזען אין זײַן אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט דעם זײַדענעם גאַרטל, פֿלעגט עפּעס ווערן פֿריילעך און

---

[1] (משנה סוכה ה) די שׂמחה פֿון שעפּן וואַסער, אַ מנהג צו ברענגען סוכּות אין בית־המקדש וואַסער און עס גיסן ווי אַ קרבן אויפֿן מזבח.

אַזוי יום־טובֿדיק אויפֿן האַרצן! מען דערציילט, אַז איין מאָל, אין אַ וואָכעדיקן טאָג, האָט מען בײַ אים אַ פֿרעג געטאָן:

— ר׳ נחום, וואָס זײַט איר אַזוי יום־טובֿדיק? וואָס פֿאַר אַ יום־טובֿ איז הײַנט בײַ אײַך?

— ערשטנס — מאַכט ער — האָב איך הײַנט גערעכנט צו פֿאָרן קיין קאָפּוסט... אַגבֿ וויל איך אים דינען מתּוך שׂמחה. איך פֿריי זיך, וואָס ער איז אַלע טאָג מחדש די מעשׂי־בראשית... דאָס איז טאַקע בײַ מיר אַ גרויסער יום־טובֿ...

איז האָסטו געדאַרפֿט זען ר׳ נחומען שׂמחת־תּורה! זײַן משׂמח זײַן זיך, זײַנע ניגונים! הײַנט זײַן טאַנצן, זײַן הוליען! וואָס זאָל זײַן — מען איז געווען פֿריילעך מיט דעם גאַנצן לײַב־און־לעבן, דער־פֿאַר וואָס גאָט האָט אונדז אַ תּורה געגעבן... און וואָס דאַרפֿסטו גאָר אַ סך? איך רייד שוין ניט וועגן גאָר אַמאָליקע שׂמחת־תּורהס. אָט אַפֿילו גאָר ניט לאַנג, גאָר ניט לאַנג, מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק, איז דאָך אויך עפּעס אַ קליינינקייט, ווי ייִדן פֿלעגן זײַן פֿריילעך שׂמחת־תּורה?

איך געדענק... הם, כע־כע־כע... עפּעס אַזוי געדענקט זיך דאָס מיר... ס׳איז אַפֿילו אַ קליינינקייט, נאָר איך וועל דאָס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן... איין מאָל אַ שׂמחת־תּורה... אָט שוין דאָ ניט לאַנג, אין די לעצטע יאָרן, אָט ווען קאַזנאַ[2] האָט דעמאָלט געמאַכט דעם שאָסיי פֿון אונדז ביז שקלאָוו און ר׳ שמואל דער פּאָדריאַטשיק האָט אָנגע־נומען פֿון קאַזנאַ דעם דאָזיקן פּאָדריאַד[3]. זײַנען מיר געווען בײַם רבֿ. שׂמחת־תּורה פֿלעגט מען דאָך אַ גאַנצן טאָג, פֿון נאָכן דאַווענען אָן, פֿאַרברענגען בײַם רבֿ. אַזוי איז בײַ אונדז שוין געווען אַ חזקה. איז אַרום אַ זייגער צוויי־דרײַ בײַ טאָג — מען כאַפּט זיך, ניטאָ צווישן אונדז ר׳ שמואל דער פּאָדריאַטשיק. געווען איז מען שוין היפּש ניט בײַ זיך, היפּש פֿריילעך. ר׳ שמואלן האָבן אַלע ליב געהאַט; ער איז

---

[2] מלכות. — [3] אונטערנעמונג, פֿאַרפּליכטונג.

דאָך געווען אַ גרויסער נדבֿן און אַ גרויסער הוליאַנקע... האָט מען אָנגעהויבן צו מאָנען: ווו איז דאָס עפּעס ר׳ שמואל? מען זאָגט זיך דערבײַ אַ המצאה, אַ גלײַכוווערטל. דער זאָגט, אַז ר׳ שמואלס ווײַב איז אַ מתנגדס אַ טאָכטער און זי מיינט, אַז שׂמחת־תּורה דאַרף דער מאַן עסן וואַרמעס בײַ זיך אין דער היים, מיט ווײַב־און־קינדער צוזאַמען. דער זאָגט, ר׳ שמואל אַליין איז געוואָרן אַ מתנגד און האָט זיך געלייגט מסתּמא אָפּרוען. הקיצור, עס איז געוואָרן אַ גילוי־הדעת [4], אַז מען זאָל גיין נאָך אים און רופֿן אים צום רבֿ. ער האָט געוווינט אַפֿילו ווײַט, אַ ביסל הינטערן שטאָט. נאָר וואָס פֿאַר אַ תּירוץ איז דאָס בײַ חסידים? ווײַט צי ניט ווײַט — מען דאַרף ברענגען ר׳ שמואלן. האָט מען גענומען טראַכטן, ווער זאָל גיין נאָך אים, וואָרעם שיקן צו אים האָט מען געדאַרפֿט נאָך אים אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל ניט אַנדערש ווי ברענגען אים, אַפֿילו ווען ער וועט ניט וועלן גיין. הייבט זיך אויף ר׳ נחום און זאָגט:

— איך גיי. איך ברענג אים אײַך. גיט מיר נאָר מיט זיך אַבֿרהם דעם ישובֿניק.

ר׳ אַבֿרהם דער ישובֿניק איז אויך געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער חסיד. גערופֿן האָט מען אים דער ישובֿניק, ווײַל זײַן פֿאָטער האָט אַמאָל געוווינט אויפֿן ישובֿ און מיט ר׳ שמואלן איז ער געווען זייער אויסגעבונדן. ר׳ אַבֿרהם פֿון זײַן זײַט האָט זיך אויך אויסגערופֿן, אַז ער גייט. עס האָט זיך אַפֿילו ווער אָפּגערופֿן, אַז ער איז מסופּק, צי אי ר׳ נחום אי ר׳ אַבֿרהם שטייען נאָך גלײַך אויף זייערע פֿיס, נאָר ר׳ נחום האָט אויף אים עטלעכע מאָל געזאָגט: „מתנגד!”... האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איז זיך דורכגעגאַנגען היך־און־צוריק פֿאַר אַלעמען אין די אויגן אויף אַ גלײַכער ברעט און האָט מוסיף געווען, אַז אויב מען וויל, זאָל אַבאַ, איך הייסט דאָס, אויך גיין מיט זיי. און אַלע האָבן מסכּים געווען, אַז מיר דרײַען, ס׳הייסט,

[4] עפֿנטלעכע דערקלערונג.

ר׳ נחום, ר׳ אַבֿרהם און איך, זאָלן גיין נאָך ר׳ שמואלן און זאָלן ניט אַנדערש ווי ברענגען אים צו שלעפּן צום רבֿ. נו, בלײַבט דאָס אַזוי. זאָגן אונדז אַלע צו. אַז מען וועט וואַרטן אויף אונדז, מען וועט ניט טרינקען, ביז מיר וועלן ניט קומען מיט ר׳ שמואלן. און מיר האָבן זיך גענומען קלײַבן אין וועג. ר׳ נחום האָט גענומען מיט זיך אַ גלעזל; איך האָב געכאַפּט עטלעכע זויערע אוגערקעס; און מיר זײַנען אַוועק נאָך ר׳ שמואלן. נו, ס׳פֿאַרשטייט זיך, אַז ביז וואַנען מיר זײַנען דערגאַנגען צום סוף שטעטל איז שוין אונדזער פֿלעשל משקה לײדיק געוואָרן. איז מען זיך אַ ביסל מצער אויף דעם און מען גייט זיך שוין אַ ביסל שווערלעך אויף די פֿיס ווײַטער. בײַם אַרויסגיין פֿון שטעטל מאַכט צו אונדז ר׳ נחום:

— הערט, מיר וועלן זיך אפֿשר גאָר צוזעצן און איבערחזרן אַ מאמר חסידיש...

טראַכטן מיר וועגן דעם און גייען זיך. אַרויסגייענדיק פֿון שטעטל, מאַכט ר׳ נחום צו ר׳ אַבֿרהמען:

— אַבֿרהם!

— וואָס? — פֿרעגט ער.

— עס דרייט זיך... — מאַכט ר׳ נחום.

— דער קאָפּ? — פֿרעגט ר׳ אַבֿרהם.

— ע! — מאַכט ר׳ נחום — ביסט דאָך טאַקע אַ ישובֿניק און אַ מתנגד אויך דערצו. וואָס עפּעס דער קאָפּ? אַ נײַע נײַס... טאָמער פֿאַרקערט? די וועלט... די וועלט דרייט זיך... וואָרעם וואָסי... דו זעסט ניט? אָט די הימלען, די ערד, דער וואַלד דאָרטן... דאָרטן... אַלץ דרייט זיך, און אַזוי געשווינד, געשווינד...

גייען מיר זיך ווײַטער. אין דערינען פֿרעגט זיך ר׳ נחום:

— אַבא, דו גלייבסט אין רבין?

בין איך אין כּעס געוואָרן.

— ע! — מאַכט ער צו מיר — ביסטו דאָך אויך אַ מתנגד! איך לאַך דאָך עס... נאָר... אָבער... גוט... גוט וואָלט מיר איצט געווען, ווען איך וואָלט איצט זײַן אין קאָפּוסט בײַם רבין... עס איז גאָר אַן

אַנדער שׂמחה... דו ווייסט, אַז ער איז נעבן דיר... דו ביסט ניט אַליין...
עס איז יום־טובֿ, לעבעדיק... דו פֿילסט, אַז דיר איז ליכטיק... פֿריי־
לעך... און איצט צופּט עפּעס דאָרטן אין האַרצן... עס שלעפּט מיך
עפּעס... עס ציט אַהין, אַהין... קיין קאַפּוסט... צו׳אים... אמת? אמת?

אין דערינען כאַפּן מיר זיך, מיר ליגן אַלע דריַי אויף דר׳ערד.

— אַבֿרהם! — מאַכט ר׳ נחום.

— וואָס? — פֿרעגט ר׳ אַבֿרהם.

— לאָמיר זיך זעצן...

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

— אַבֿרהם! — מאַכט ווידער ר׳ נחום.

— וואָס? — פֿרעגט ער.

— אַ האַרטער ברוק... — קלאָגט זיך ר׳ נחום — פֿון שטיינער... האַרט...

— טאַקע האַרט... האַרט... — האָבן מיר מסכּים געווען.

אין דערינען האָט ר׳ נחום פֿאַרקאַשערט דעם אַרבל פֿון זײַן רעכטער האַנט, האָט אויסגעשטעלט דעם רעכטן אַגודל [5] און מאַכט צו ר׳ אַבֿרהמען:

— אַבֿרהם, ווייסטו וואָס?...

— וואָס?

— איבערקערן מיט דעם אַגודל דעם ברוק? איבערקערן?

ר׳ אַבֿרהם האָט זיך דערשראָקן:

— מען דאַרף ניט... דאָס איז דאָך פֿון קאַזנאַ... ניט טשעפּע זיך מיט זיי... מען דאַרף ניט!

— ניין? דו ווילסט ניט? דאַרף מען ניט... — האָט ר׳ נחום מסכּים געווען און האָט צוריק אָפּגעקאַשערט דעם אַרבל.

און וואָס זאָל זײַן? מיר זײַנען זיך אַזוי אָפּגעלעגן אויפֿן ברוק ביז שפּעט אין דער נאַכט. מאַכט דאָך ניט אויס, יאָ... איז דאָך דאָס וועגן שׂמחת־תּורה הייסט עס... אָבער איך וויל דיר דערציילן, ווי

---

[5] רינגפינגער (פערטער פינגער).

אַזוי מיר פֿלעגן דאָס אָפּהוליען אַמאָל אַ שׂמחה בית־השואבֿה... וואָס הייסט הוליען! איך זאָג דיר, אַז איך דערמאָן זיך... אַז איך דערמאָן זיך — הייבט מיך פֿון אָרט... עפּעס ,עפּעס... — אַן אַנדער וועלט איז דעמאָלט געווען... אַן אַנדער וועלט!

יאָ, איז וועגן שׂמחת בית־השואבֿה.

די אמתע הוליאַנקעס זײַנען בײַ אונדז אָט טאַקע דער זעלביקער ר' נחום דער מלמד, ר' אַבֿרהם דער ישובֿניק, ר' יוסף דער קרע־מער — אַ געהויבענער ייִד! — און ר' שאול דער חזן, איינער פֿון די אַמאָליקע געהויבענע חזנים און אַ גרויסער יודע אין קבלה. ער איז געווען אַ דאַרינקער, אַ קלייניטשקער, מיט משונה גרויסע אויגן און ער איז עפּעס תּמיד געווען אומעטיק, תּמיד געווען פֿאַרקלערט, פֿאַר־טראַכט און פֿאַר זיך... מיר פֿלעגן אים רופֿן „דער עצבֿן“[6]. נאָר אַז עס פֿלעגט קומען אַ יום־טובֿ, ווען ער פֿלעגט נעמען אַ ביסל משקה, פֿלעגט ער גאָר ווערן אַן אַנדער מענטש. מען פֿלעגט אים גאָר ניט דערקענען. ער פֿלעגט דעמאָלט ווערן אַזוי פֿריילעך, אַזוי לע־בעדיק און פֿלעגט אַזוי משׂמח זײַן אַלעמען... מיר פֿלעגן זיך גאָר וווּנדערן, ווי קומט דאָס צו אים.

איז מוצאי־יום־טובֿ, די ערשטע טעג, הייסט עס, די ערשטע נאַכט חול־המועד, גלײַך נאָך מעריבֿ, פֿון שול, פֿלעגן אָט זיי זאַלבע־פֿערט, איך און נאָך עטלעכע פֿון אונדזערע אויך מיט זיי, פֿלעגן מיר זיך אַוועק צום רבֿ. מען פֿלעגט זיך זעצן אין סוכּה, מען פֿלעגט זיך צונויפֿליגן צווישן זיך אויף משקה און מען פֿלעגט נעמען צו ביס־לעך. נו, מען פֿלעגט שמועסן, דערציילן מעשׂיות פֿון רבין, מען פֿלעגט זאָגן אַ ניגון און מען האָט פֿאַרבראַכט. אין דערינען פֿלעגן זיך צו־נויפֿקלײַבן די איבעריקע אונדזערע, עס פֿלעגט שוין ווערן אַ ביסל פֿריילעכער, אין סוכּה פֿלעגט ווערן ענג און מען פֿלעגט אָנהייבן צו זוכן אַ היתּר אויף אַריבערצוגיין פֿון סוכּה אין שטוב. דער זאָגט, אַז אַ וואָלקן גייט, אַ צווייטער — אַז אַ רעגן שפּריצט שוין אונטער, אַ

[6] דער אומעטיקער.

דריטער — אַז עס איז טאַקע גלאַט קאַלט און ענג אין סוכּה. דער רבֿ פֿלעגט אַפֿילו אויף דעם אונטערקווענקלען. ער פֿלעגט אָנהייבן שיקן מענטשן אויף דער גאַס זען, צי עס איז טאַקע דאָ אַ חשש רעגן — הקיצור, מען פֿלעגט אַריבער אין שטוב אַרײַן.

אַריבערגייענדיק פֿריילעך, לעבעדיק, מיט אַ ניגון, אין שטוב אַרײַן, איז די ערשטע זאַך געווען צו שיקן איבער אַ נײַס נאָך משקה, שיקן נאָך הערינג און אַרײַנטראָגן אין שטוב די קאַדישקע זויערע אוגערקעס, וואָס די רביצין פֿלעגט שוין פֿאַר אונדז אָנגרייטן פֿון מיטן זומער אָן. אויך פֿלעגן עטלעכע פֿון אונדז אַרײַנטראָגן האָלץ און אײַנהייצן דעם אויוון. עס איז בײַ אונדז שוין געווען אַ מנהג, אַז אַלע שׂמחת־בית־השואבֿה זאָל מען הייצן דעם אויוון און קאָכן קאַרטאָפֿל. און קאַרטאָפֿל פֿלעגט מען טאַקע אָנקאָכן עטלעכע טעפּ. וואָרעם אַז מען פֿלעגט ווערן גוט שיכּור, פֿלעגט מען דאָך אויסקערן די קאַפּאָטעס אויף דער לינקער זײַט, הייסט עס, מיט דעם אונטער־שלאַק אַרויף, מען פֿלעגט אויסשיטן די געקאָכטע קאַרטאָפֿל אויף דער פּאָדלאָגע און מען פֿלעגט זיך אַוועקלאָזן איבער דער שטוב גליטשן... דערצו פֿלעגן צוויי־דרײַ מענטשן נעמען זיך פֿאַרן שיילן די קאַר־טאָפֿל און צוגרייטן די הערינג.



און עפּעס אַזוי געדענקט זיך מיר אָט די אַמאָליקע שׂמחת־בית־השואבֿהס... אַזוי געדענקט זיך מיר... איין מאָל, געדענק איך, אָט אַז מען האָט געהאַלטן אין אַזאַ מדרגה. דער עולם איז שוין געווען אַ ביסל ניט בײַ זיך. אין עסצימער, בײַם רבֿ, איז שוין געווען גאַנץ פֿריילעך. מען האָט געטרונקען, געזאָגט לחיים, איבערגעחזרט אַ צדיקס אַ ווערטל, מען האָט געזאָגט ניגונים און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן משׂמח צו זײַן. אין קיך, נעבן דעם

עסצימער, זײַנען זיך געוועזן מער נישט ווי צוויי־דרײַ מענטשן. זיי האָבן געהייצט דעם אויוון און געשיילט די קאַרטאָפּל. פֿאַרן שיילן די הערינג האָט זיך דערמאָלט גענומען ר׳ שואל דער חזן. איז ער זיך געשטאַנען אַליין, בײַ אַ טיש, אין אַ ווינקל אין קיך, און האָט זיך געשיילט די הערינג, און דעריבער האָט זיך ר׳ שואל, זײַענדיק פֿאַרטיפֿט אין זײַן אַרבעט, פֿאַרזונגען זײַנעם אַן „אָדם יסודו מעפֿר". אַלע מאָל איז דאָך אָנגעקומען זייער שווער אײַנצובעטן אים, אַז ער זאָל עפּעס זינגען זײַנס אַ שטיקל חזניש. אַזוי אַ ניגון פֿלעגט ער יאָ זינגען, אָבער אַ שטיקל חזניש, ניט בײַם עמוד, פֿלעגט ער בשום אופֿן ניט וועלן זינגען. נאָר איצט, ווײַזט־אויס, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט און האָט זיך פֿאַרזונגען. און זײַן שטימע איז דאָך געווען אַ זיסע, אַן איידעלע. און ווען ער פֿלעגט זאָגן אַן אומעטיקע זאַך, פֿלעגט אַזוי רײַסן בײַם האַרץ — אַזוי געשמאַק איז געווען צו הערן אים. אַלע זײַנען תיכף שטיל געוואָרן. אין עסצימער זײַנען אַלע געבליבן שטיין ממש ווי פֿאַרגליווערטע, דער מיט אַ גלעזל אין האַנט, דער מיטן פֿלעשל משקה און יענער מיט אַ גאָפּל... מען האַלט־אײַן אין זיך דעם אָטעם און מען הערט. אין קיך פֿלאַקערט דער אויוון. עס שטייען צוויי־דרײַ מענטשן מיט קאַרטאָפּל און מעסערס אין די הענט און זײַנען אויך ממש ווי צוגעשמידטע צו זייערע ערטער. און ר׳ שואל זאָגט זיך זײַן „אָדם יסודו מעפֿר". און אַז ר׳ שואל פֿלעגט זאָגן אַ זאַך, פֿלעגט עפּעס זײַן אַזוי אויסגעטײַטשט יעדעס וואָרט... אַזוי פֿאַרשטענדיק... ער וויינט און דערציילט, אַז אָדם יסודו מעפֿר... אַז אַ מענטש איז כּחלום יעוף, ווי אַ חלום וואָס פֿליט־אַוועק. כּרוח נושבֿת, ווי אַ ווינט וואָס בלאָזט־אַוועק... און עפּעס אַזוי ווייך, האַרצרײַסנדיק, בעט זיך עפּעס וואָס זײַן שטימע... עפּעס אַזוי ווי אויף אַלץ איז ער זיך מודה, אַלץ אמת, אַלץ אמת: אַ מענטש איז טאַקע כּחרס הנשבר... כּענן כּלה, ווי אַ וואָלקן וואָס ווערט ניט... טאַקע סופֿו לעפֿר, אַ מענטש איז טאַקע אַ שטיק ערד... נאָר דאָך בעט ער זיך עפּעס: פֿאַר וואָס?... ער וויינט און בעט זיך ווי אַ קליין קינד, אַזוי ווייך... אַזוי גוט... מיר זײַנען אַלע געשטאַנען און געהערט, און אַזוי פֿאַרנומען

האָט אונדז בײַם האַרצן... און עס האָט זיך געוואָלט, אַז אָט מער, נאָך מער זאָל ער דערנעמען אונדזער האַרץ... אָט נאָך וואָס ווײַכער... ווײַכער... ביטערער... נאָך, נאָך...

ער האָט געענדיקט. און מיר האָבן אַלע עפּעס ניט געוווּסט, ווו זײַנען מיר... ער אַליין האָט זיך אויך עפּעס צעטומלט און עפּעס משונה אַרומגעקוקט זיך... נאָר ר׳ נחום דער מלמד האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער ערשטער:

— רבי! — איז ער צוגעגאַנגען צום רבֿ מיט טרערן אין די אויגן — מען דאַרף אים קנסענען!

מיר האָבן אַלע געשוויגן.

— אמת... — האָט ר׳ נחום געטענהט — ער זינגט גוט, ער איז אַ גרויסער חזן. אָבער עס איז דאָך יום־טובֿ... ער האָט אונדז אומעטיק געמאַכט...

דערווײַל זײַנען מיר אַלע געקומען צו זיך.

— יאָ... יאָ... — האָבן מיר אַלע געשריִען — קנסענען, קנסענען...

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ רעש. נאָר בײַ יעדערן אין האַרצן איז נאָך עפּעס אַזוי שווער געווען... מען האָט נאָך ניט געקענט אין גאַנצן קומען צו זיך... עס האָט עפּעס געפּרעסט, געפּרעסט אין האַרצן... ר׳ שואל איז צוגעגאַנגען דערווײַל צום טיש, האָט גענומען עטלעכע קעלישקעס און איז זיך אַוועק, דאַכט זיך אַזוי זיך, אין אַ זײַט, אין אַ ווינקל. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט: זײַן געשמאַקע, זיסע שטימע צעגיסט זיך אין אַ פֿריילעכן חסידישן ניגון. ער זינגט אַ חסידישן ניגון אָן ווערטער, אַזאַ פֿריילעכן, אַזאַ לעבעדיקן, און אַזוי וועקט ער אַלעמען פֿריילעך צו זײַן; עס ווילט זיך נאָכזינגען מיט אים, עס ווילט זיך פּאַטשן מיט די הענט, עס הייבט צום טאַנצן, און ר׳ שואל זינגט און וואָס ווײַטער — אַלץ זיסער, געשמאַקער, אַלץ פֿריילעכער, לעבעדיקער, הייסער. אויפֿן האַרצן ווערט גרינג, פֿריילעך, וואַרעם און עס עפֿענען זיך די מײַלער, עס הייבן זיך די פֿיס, מען לייגט־אַרויף הענט אויף הענט — און מען גייט־

אַוועק אַ רעדל. און וואָס הייסט אַ רעדל? מען זינגט און מען טאַנצט מיט אַזאַ מין חדווה, מיט אַזאַ מין שׂמחה! און ר׳ נחום דער מלמד האָט געכאַפּט אויף אַ קני ר׳ שואלן — ער איז דאָך געווען אין צווייען העכער און געזינטער פֿאַר אים — טאַנצט מיט אים אויף איין פֿוס און שרײַט: „לעבעדיקער, לעבעדיקער, לעבעדיקער!“ און עס איז אַוועק אַ פֿריילעכס, אַ חסידישע פֿריילעכס!... און וואָס זאָל זײַן? ווו קנסענען? וואָס קנסענען? — מען איז פֿריילעך!...

יאָ... איז ווו האַלט איך... הייסט דאָס דערבײַ... אַז מען פֿלעגט נעמען הייצן דעם אויוון, מען פֿלעגט זיך נעמען צו שיילן די קאַרטאָפֿל און צום וואַשן די הערינג. אין דערינען פֿלעגט אָנקומען אונדזער קאַפּעליע. די קאַפּעליע אונדזערע איז באַשטאַנען פֿון דרײַ מענטשן. בערל דער שמיד, אַ געזונטער, פּשוטער ייִד, נאָר זייער אַן איבערגעגעבענער די חסידים און אַ מוקיר־רבנן [7] און אין אַמאָליקע צײַטן אַן ערלעכער ייִד. ער איז געווען מיטן פּײַקל. פֿישל ר׳ ליבס, אויך אַ געהויבענער ייִד און אַ יודע־נגן — ער איז געווען מיט דער באַנדורע. און מיט דער פֿידל איז געווען ר׳ שלום כאַצקלס, נאָך אַ יונגער־מאַן און אַ גרויסער מקורבֿ בײַם רבין. די קאַפּעליע אונדזערע האָט דאָך געהאַט אַ גרויסן שם אין דער גאַנצער געגנט. מען פֿלעגט דאָך זיי בעטן אויף חתונות, נאָר זיי האָבן זיך פֿון דעם אַלעם אָפּגעזאָגט. מער נישט, אין אַ יום־טובֿ־צײַט אָדער ווען אויף אַ חסידישער שׂמחה אָדער אַזוי עפּעס אַ יומא דפּגרא [8] — פֿלעגן זיי קומען משׂמח זײַן דעם עולם.

אַז די קאַפּעליע פֿלעגט קומען, פֿלעגט מען זיי מקבל פּנים זײַן מיט אַ ברייטן גוט־יום־טובֿ, מיט אַ חסידישן ניגון, מיט בראַנפֿן. עס פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז מען פֿלעגט זיי כאַפּן אַלע דרײַען צוזאַמען אויף די הענט. מען פֿלעגט זיי טראָגן אין דער הייך און טאַנצן מיט זיי. און די ערשטע זאַך זייערע איז געווען, אַז זיי זאָלן שפּילן און ר׳

---

[7] פֿאַרערער פֿון רבנים. — [8] אַ פֿרײַער טאָג.

נחום מיט ר׳ אַבֿרהמען זאָלן זיך גיין זייערן אַ טאַנץ. און דו האָסט געדאַרפֿט הערן, ווי די קאַפּעליע פֿלעגט דאָס שפּילן, און זען, ווי ר׳ נחום מיט ר׳ אַבֿרהמען פֿלעגן זיך גיין זייער טאַנץ... עפּעס אויפֿן האַרצן פֿלעגט דעמאָלט ווערן אַזוי וואַרעם... אַזוי וואַרעם... די קאַ־פּעליע האָט געשפּילט און פֿלעגט עפּעס אַזוי גלעטן דאָס האַרץ... עפּעס אַזוי גוט... אַזוי געהויבן... אַזוי מיט שׂמחה... און ר׳ נחום מיט ר׳ אַבֿרהמען, ביידע גוטע, פֿרומע ייִדן און פֿײַערדיקע חסידים, גייען זיך זייער טאַנץ... און זיי טאַנצן אַזוי גרינג, אַזוי שיין, אַזוי גוט, מיט התלהבֿות... דאַכט זיך, אַז זיי טאַנצן אין לופֿטן, די פֿאָדלאָגע רירן זיי גאָר ניט אָן... עפּעס אין דער לופֿטן... אין דער לופֿטן... ר׳ אַבֿרהם האָט פֿאַרקאַשערט זײַנע פּאָלעס אין גאַרטל אַרײַן, זײַנע פֿיס בייגן זיך און פֿלעכטן זיך אין דער לופֿטן. ער קאַשערט זײַנע הענט אין דער הייך און רופֿט צו ר׳ נחומען:

— נחום, לעבעדיקער, לעבעדיקער, לעבעדיקער!

און ר׳ נחום טראָגט זיך חנעוודיק, לײַכט ווי אויף פֿליגל, אַנט־קעגן אַבֿרהמען, מאַכט מיט התלהבֿות, מיט די הענט איבערן קאָפּ, און רופֿט:

— אַבֿרהם, העכער, העכער, העכער!...

און אונדז הייבט פֿון די ערטער. עס טראָגט אונדז אויך מיט זיי. עס ציט אונדז איינס צום צווייטן. עס שלעפּט צו זײַן צוזאַמען, צו־זאַמען... אַלע צוזאַמען... אַלע אין איינעם... מיר האַלטן זיך ניט אײַן און הייבן־אָן צו פּאַטשן מיט די הענט און עס רײַסט זיך אַרויס בײַ אונדז אַלעמען מיט אַ מאָל אַ ניגון און מען הייבט־אָן אַלע מיט התלהבֿות:

— וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,  
אָבער ייִדן זײַנען מיר;  
וואָס מיר טוען, טוען מיר,  
אָבער גאָט דינען מיר!

און ר׳ נחום כאַפּט־אונטער אויף זײַן שטייגער.

— וואָס מיר זיינען, זיינען מיר.
אָבער ייִדן זיינען מיר;
אָבער ייִדן זיינען מיר...
וואָס מיר טוען, טוען מיר,
אָבער צום רבין פֿאָרן מיר...

און מיר קלעפּן זיך צונויף אַלע צוזאַמען... אַלע אין איינעם. הענט אויף הענט. הערצער צו הערצער. און מיר גייען זיך אַוועק אַ חסידיש רעדל, מיט התלהבֿות, מיט דבֿיקות, מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיט אַ פֿייער... און עס לייגט זיך די שטוב פֿאַר שׂמחה...

אָט דאָס איז געווען די ערשטע אַרבעט פֿון דער קאַפּעליע. נאָך דעם, איז אויב עס איז געווען אַ גוטע, ליכטיקע נאַכט, פֿלעגט מען זיך אַוועק אין בית־המדרש פֿאַרקויפֿן שיר המעלותן. גייענדיק אין שול און פֿון שול פֿלעגט מען אויפֿוועקן דאָס גאַנצע שטעטל מיט אונדזער זינגעריי און טענץ. מען פֿלעגט זיך גיין מיט ליכט אין די הענט און מען פֿלעגט זיך דרייען רעדלעך און זינגען... הײַנט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין שול גופֿא! אונדזערע טענץ אַרום בימה!... נאָר עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז מען פֿלעגט אין שול ניט גיין און דער רבֿ פֿלעגט זאָגן פֿאַר אונדז אַ מאמר חסידיש... נאָך די חסידיש פֿלעגט מען נאָך ווערן בײַ זיך מער התלהבֿותדיק, מער געהויבן און מען פֿלעגט נעמען בעטן ר׳ שואלן דעם חזן, ער זאָל אָנהייבן זײַן תּחית־המתים. און קיין סך פֿלעגט ער זיך טאַקע ניט לאָזן בעטן. תּחית־המתים איז געווען אַזאַ מין טאַנץ, וואָס נאָר ר׳ שואל האָט אים געקאָנט. ער פֿלעגט באַווײַזן, ווי אַ מענטש גוססט, ווי ער שטאַרבט. און דערנאָך שטייט ער אויף צו תּחית־המתים. און די קאַפּעליע פֿלעגט דערבײַ צושפּילן עפּעס אירן אַן אייגענעם ניגון, לכתּחילה צו דעם דאָזיקן טאַנץ. און אַזוי פֿלעגט זײַן: מיר פֿלעגן זיך אַלע אַוועקשטעלן אין אַ גרויס רעדל אַרום־און־אַרום און לאָזן אַ גרויסן לײדיקן אָרט אין מיטן פֿאַר דער קאַפּעליע און פֿאַר ר׳ שואלן. ר׳ שואל פֿלעגט זיך אַזוי אַוועקשטעלן אין תּחילת קאַלטבלוטיק, עפּעס אַזוי זיך, ווי ניט

אים מיינט מען דאָס, און פֿלעגט זיך שטיין. די קאַפּעליע דערווײַל פֿלעגט אָנהייבן צו שפּילן איר ניגון. עפּעס אַזאַ שטילן, אומעטיקן. די פֿידל — אַזוי אײדל, שטיל און אַזוי עצבֿותדיק. די באַנדורע ברומט געלאַסן און דאָס פּײַקל קלאַפּט רויִק אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ... אין דערינען ווערט ר׳ שואלס פּנים בלייכער און בלייכער, עס הייבן זיך אָן צו ווײַזן אויף אים אַזוינע ביטערע קנייטשן... די קאַפּעליע הייבט־אָן צו שפּילן אומעטיקער און ר׳ שואלס פּנים פֿלעגט ווערן בלאַסער, די קנייטשן טיפֿערע, גרעסער און מיט אַזוי פֿיל יסורים... זײַן קערפּער הייבט־אָן צו ווערן אַלץ קלענער, קלענער, קאָרטשעט זיך אײַן און מען באַמערקט עפּעס גאָרניט, ווי אַזוי ער ווערט אַלץ נידעריקער, נידעריקער... מיר פֿלעגן אַלע שטיין געפּאַקט איינער אויף דעם צווייטן. מיר פֿלעגן שטיין שטיל, אײַנהאַלטנדיק אין זיך דעם אָטעם און קוקן אויף אים... ר׳ שואל פֿלעגט אָנהייבן צו קרעכצן און עפּעס אַזוי שווער, אַזוי ביטער, און עס פֿלעגט זיך אָנהייבן די גסיסה. און עפּעס פֿלעגט ער דאָס אַזוי מאַכן, אַז עפּעס פּונקט, פּונקט ווי אַן אמתע גסיסה... אַ רגע פֿלעגט ער ווערן ווי פֿריילעכער, דאָס פּנים עטוואָס לעבעדיקער, די אויגן ליכטיקער, די ווייטיקן אויפֿן פּנים לײַכטער, און נאָך דעם — ווידער דאָס זעלביקע צעווייטיקדיקע פּנים, די זעלביקע יסורים, און אַזוי ביטער קרעכצן... איך זאָג דיר אָט פּונקט, פּונקט ווי אַ מענטש בײַ דער גסיסה, פֿאַרן טויט... עפּעס גלײַך ווי ער ראַנגלט זיך, ווי ער האַלט מלחמה מיטן טויט... אַ רגע, דוכט זיך, אַז ער איז מנצח... ער בלײַבט לעבן... און אין אַ ווײַלע אַרום איז ווידער דער טויט מנצח אים... און די קאַפּעליע דערבײַ — עפּעס וואַרפֿט זיך אויך אַהין און אַהער... אַ ווײַלע, דאַכט זיך, ווי די פֿידל וויל אָנהייבן פֿריילעכער צו ווערן. די באַנדורע און דאָס פּײַקל האַלט זי אונטער, און אין אַ ווײַלע אַרום קלאָגט ווידער די פֿידל. און עפּעס אַזוי ביטער, מיט אַ געבעט און עפּעס ווי מיט אַ כּעס... גלײַך ווי זי וויל דאָס ניט לײַדן... און די באַנדורע ברומט מיט גרויס רוגזא... עפּעס ווי זי רעדט אַנטקעגן ווע‌מען מיט כּעס, מיט צאָרן... אָט ממש... ממש... ווי זי פֿרעגט בייז מיט ווערטער, פֿאַר

וואָס קומט אַ מענטשן אַזוי צו ליידן?... און דאָס פּייקל בייזערט זיך, קלאַפּט שטאַרק אַזוי שרייענדיק, אַזוי מיט געוואַלט... אַ היפּשע צייט פלעגט דויערן די גסיסה... מיר פלעגן שטיין און קוקן מיט אויסגעשטעלטע אויגן און עס פלעגט זיך עפּעס דאַכטן, אַז אַלץ קומט דאָס פּאָר אויף אַן אמת... און מיר פלעגן עפּעס אַזוי וואַרטן, וואָס וועט זיין דער סוף... עס פלעגט עפּעס אַזוי דריקן אין האַרצן, און מיר פלעגן אַזוי וואַרטן צו זען, ווער וועט מנצח זיין?... ער וועט לעבן?... לעבן?... אין דערינען פלעגט דאָס פּייקל עפּעס ווי פלוצלינג אַ קלאַפּ געבן, די באַנדורע פלעגט משונה אַ קרעכץ טאָן און די פידל — גלייך ווי די סטרונעס האָבן אין איר פלוצלינג געפּלאַצט... און ר׳ שואל פלעגט בלייבן ליגן אויף דר׳ערד אַ טויטער... ביי אונדז פלעגט זיך וואָס איבעררייסן אין האַרצן... אַ ווײַלע פלעגט ווערן אַזוי שטיל אין שטוב. מען האָט אַפילו קיין אָטעם פון אַ מענטשן ניט געהערט. און מיר פלעגן שטיין אַלע שטילע און בלאַסע... אין דערינען פלעגט ר׳ שואל אָנהייבן, קוים וואָס מען פלעגט באַמערקן, צו רירן זיך... אַ ריר טאָן מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס. אויף זיין פּנים פלעגן זיך אָנהייבן באַווייזן לעבעדיקע תּנועות און אַלץ ביסלעכווייז, ביסלעכווייז... די אויגן פלעגן זיך עפענען, ווערן לעבעדיקער, דאָס פּנים ליכטיקער און פריילעכער, פריילעכער. ביז וואַנען ער פלעגט זיך געבן מיט אַ מאָל אַ שטעל מיט אַ פריילעכן, פול מיט שׂמחה, אויסגעשריי:

— תּחית־המתים... תּחית־המתים!...

מיר פלעגן זיך אַלע עפּעס ווי אויפכאַפּן, ממש ווי פון אַ ביטערן, שווערן חלום... די קאַפּעליע פלעגט שוין דערווײַלע צעגיסן זיך מיט אַ פריילעכן, הייסן חסידישן ניגון. ר׳ נחום גייט שוין דערווייל אַ טענצל, שרייענדיק מיט התלהבֿות: „תּחית־המתים... תּחית־המתים!"... ר׳ שואל ציט צו אים אַ האַנט און זינגט אַזוי וואַרעם, אַזוי פריילעך... און די קאַפּעליע שפּילט און אַזוי לוסטיק, אַזוי הייס, אַז זי רופט דאָרט עפּעס אין האַרצן משׂמח צו זיין זיך... עס שלעפּט ווידער פריילעך צו זיין... עס שלעפּט ווידער איינעם צום צווייטן...

באַהעפֿטן זיך אין איינעם... אַלע צוזאַמען, צוזאַמען... עס ציִען זיך ווידער הענט צו הענט. עס הייבן זיך די פֿיס און עס רײַסט זיך ווי־דער אַרויס בײַ אַלעמען מיט אַ מאָל אַ געזאַנג מיט התלהבֿות:

— וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר,
כאָטש אין גלות זײַנען מיר,
אָבער אַ גאָט האָבן מיר...

און עס גיסט זיך צונויף אַ רעדל?... מיט כלות־הנפֿש [8], מיט דבֿיקות, מיט התלהבֿות... די קאַפּעליע שפּילט מיט אַ ברען, מיט אַ היץ, מיר העלפֿן איר אונטער מיט כוונות, מיט התלהבֿות אין טאַנצן... און טאַנצן... און וואָס הייסט טאַנצן?... אָט טאַקע גאָר אין גאַנצן פֿאַר־געסנדיק אין זיך, אין אַלעמען, אין דער גאַנצער וועלט... אויפֿן האַרצן איז גרינג, ליכטיק. מען איז מלא שמחה. מען טאַנצט. און עס דוכט זיך, אַז אַלץ טאַנצט, אַלץ... מיר, די שטוב, דאָס גאַנצע שטעטל. הימ־לען, די ערד, די גאַנצע וועלט איז מלא שמחה... פֿול מיט אַ ברען, מיט אַ פֿײַער — די גאַנצע וועלט איז אַ התלהבֿותדיקער ריקוד פֿאַר גאָט, און עס טאַנצט און זינגט...

און מיר ווערן אין גאַנצן ניט אויף דער וועלט — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט אַזוי, אָט אַזוי האָט מען זיך דאָס אַמאָל משמח געווען. אַמאָליקע שמחות!...

[8] לעכצעניש, בענקשאַפֿט.

# עס איז אַ שריפה



אָט אַזוי איז עס אַלץ אַמאָל געווען, אַמאָל געווען... אַמאָליקע ייִדן, אַמאָליק לעבן, אַמאָליקע אמונה... און איך דערצ״יל דיר אַלץ וועגן דעם, ווי אַמאָל האָבן ייִדן געלעבט, געגלייבט אין גאָט, אין דער תּורה, אין רבין, און דאָס האַרץ טוט מיר אַזוי וויי, עס צופּט בײַם האַרצן, עס קלעמט... אָט עפּעס ממש, ווי אײנער שטייט הינטער מיר און טענהט „ר׳ אַבא, ר׳ אַבא, דאָס איז דאָך אָבער אַלץ אַמאָל געווען, אַמאָל געווען...״

און איצט... איצט? איך זאָג דיר, פֿאַר מיר, פֿאַר אַ מענטשן פֿון די אַמאָליקע, איז שווער איצט צו לעבן, שווער, ביטער, ביטער... אוי־אוי־אוי...

דו קומסט, למשל, אין בית־המדרש אַרײַן — ניטאָ דאָס אַמאָליקע דאַווענען. דו קוקסט אין מזרח־וואַנט, אַפֿילו אין מערבֿ־זײַט — ניטאָ אַמאָליקע ייִדן, ניטאָ... דו בלײַבסט אַמאָל אין בית־המדרש נאָך מעריבֿ — דער בית־המדרש איז פּוסט, אַליין ביסטו אין אים — ניטאָ דאָס אַמאָליקע לערנען. ווו דו זאָלסט זיך ניט קערן און ווענדן — אומעטום פּוסט. פּוסט און וויסט. און דאָס עצם שטעטל גופֿא, ניט דאָס אַמאָליקע שטעטל, עפּעס אַזוי פֿאַראָבֿלט איז דאָס איצט, פֿאַרחושכט, פֿאַריתומט — לגמרי ניט ווי אַמאָל... אוי־אוי־אוי...

און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך קוק זיך ווען צו אָט צו די הײַנטיקע, איך קוק זיך ווען אײַן אין זייערע געגאָלטע פּנימער — אַלץ איז דאָך בײַ זיי, בײַ די הײַנטיקע „אָן״... אָן תּורה, אָן אמונה, אָן בערד און פּיאות, אַלץ אָן, אָן...

מען דערציילט דאָך אויף דעם קעלמער מגיד. ער האָט אַמאָל געזאָגט:

— רבונו־של־עולם! — זאָגט ער — וואָלט שוין בײַ זיי, בײַ די הײַנטיקע, געווען אָן לײַב־אָן־לעבן אויך...

ער, דער קעלמער! ער האָט דאָך בײַ זיך געהאַט די תּקיפֿות צו שילטן זיך...

יאָ, איז קוק איך זיך ווען צו צו זיי, און איך קלער זיך מיר: אָט דאָס זײַנען ייִדן?... און טאַקע זייערע פּנימער זײַנען עפּעס אַזוינע פֿאַרנאַרישטע, פֿאַרגרעבטע... עס איז ממש שווער צו קוקן זיי גלײַך אין פּנים אַרײַן... און איך טראַכט זיך: וואָס טראַכטן זיי זיך, די הײַנטיקע?... שוין זשע טוען זיי גאָר קיין מאָל ניט אַ טראַכט, אַז אַ מענטש לעבט ניט אייביק, אַז אַ מענטש איז מער נישט ווי אַ מענטש, אַז מען דאַרף ווען שטאַרבן... און שוין זשע טוען זיי גאָר קיין מאָל ניט אַ קלער, וואָס וועט זײַן דער סוף? וווּהין גייט מען עס... צו וואָס פֿירט עס?

און איך האָב זיך ליב ווען צו שמייכלען פֿון זיי, פֿון די הײַנטיקע, הע־הע־הע — אַז איך דערמאָן מיר, לאַך איך...

ס׳איז געווען אַ מעשׂה לענגער, פֿאַר עטלעכע יאָר צוריק. דו האָסט דאָך געקענט ר׳ גרשונען? ער איז דאָך שוין איצט אונדז צו לאַנגע יאָר... ר׳ גרשון איז דאָך געווען אַ ייִד פֿון די אַמאָליקע ייִדן, מיט אַ סך תּורה און מיט דער גרויסער אמונה — אַ געהויבענער ייִד! זײַן זון אָבער, בערל — ער איז נאָך איצט אויך אַ בחור — איז שוין געווען גאָר ניט אַזאַ ווי עס האָט געדאַרפֿט זײַן ר׳ גרשונס אַ זון. וואָס זאָל זײַן? טאַקע אָן תּורה, אָן יראת־שמים, מיט אַ געגאָלטער באָרד — אָט פֿון די הײַנטיקע! ניט איין מאָל האָט זיך פֿאַר מיר ר׳ גרשון, נעבעך, געקלאָגט אויף דעם. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט העלפֿן? ער איז עפּעס אין דעם שולדיק געווען? עס איז דאָך ממש געגליכן צו אַ שׂריפֿה... עס ברענט, עס ברענט אַרום־און־אַרום אַ העלישער פֿײַער. האָט עס פֿאַרכאַפּט אַפֿילו ר׳ גרשונס שטוב אויך. איך האָב אים אַפֿילו געזאָגט אַמאָל:

— סטײַטש — מאַך איך — ר׳ גרשון, וואָס שווײַגט איר? ווי אַזוי לאָזט מען עס? מען נעמט־אָן מיטלען — ווייס איך? — מיט בייזן, מיט גוטן, אַהין, אַהער... סטײַטש?

טוט ער אַ קרעכץ און זאָגט צו מיר:

— ר׳ אַבא, איר זאָלט אַזוי ריידן? איר זײַנט דאָך עפּעס אַ קלוגער ייִד! וואָס קאָן איך העלפֿן? עס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט ממש אַ העליש פֿײַער. עס איז אַ שׂריפֿה... אַ שׂריפֿה, ר׳ אַבא. נעמט מען זיך לעשן מיט בייזן, הייסט עס, צעפֿלאַקערט זיך דעמאָלט דאָס פֿײַער נאָך גרעסער... וואָס דען, מיט גוטן? — ברענט עס זיך פֿון זיך אַליין... אַזוי צי אַזוי, עס ברענט... ניט גוט, שלעכט... עס איז אַ שׂריפֿה...

אַ קלוגער און אַ געהויבענער ייִד געווען!

יאָ. איז איין מאָל, י״ט כּסלו בײַ נאַכט איז עס געווען... י״ט כּסלו בײַ נאַכט פֿלעגן מיר זיך, אין די לעצטע יאָרן, צונויפֿקלײַבן צו ר׳ גרשונען. אונדזערע עטלעכע פֿלעגן זיך קומען צו אים. מען פֿלעגט נעמען אַ ביסל משקה, פֿאַרבײַסן און מען פֿלעגט זיך דערציילן מעשׂיות פֿון די צדיקים, פֿון די חסידים... און וואָס צו דערציילן איז פֿאַראַן — אַמאָליקע צדיקים און אַמאָליקע חסידים! אויך פֿלעגט מען זאָגן אַ דבֿר־תּורה, מען פֿלעגט איבערחזרן אַ מאמר חסידיש — מען פֿלעגט פֿאַרברענגען... זײַנען מיר זיך אַזוי, י״ט כּסלו בײַ נאַכט, געזעסן בײַ ר׳ גרשונען. מען האָט שוין גענומען אַ ביסל. איך בין שוין אַ ביסל פֿריילעכער געוואָרן. אין מיטן איז מיר עפּעס הייסלעך געוואָרן. בין איך אַוועק אין אַ צווייטן צימער. ר׳ גרשון האָט דאָך געוווינט זייער רײַך, מיט אַ סך חדרים. איז פֿאַרבראַכט האָבן מיר זיך בײַ אים אין דעם גרויסן זאַל און איך בין זיך אַוועק אין אַן אַנדער צימער אָפּצוקילן זיך אַ ביסל. דאַרף איך גראָד אָנטרעפֿן אין אַ צימער, ווו ר׳ גרשונס זון, בערל, הייסט עס, זיצט זיך און ניט אַליין, מיט עטלעכע מיידלעך. און טאַקע — עטלעכע... ער זיצט זיך אָן אַ היטל און אַזוי גאַנץ נאָענט, היפּש נאָענט נעבן זיי, נעבן די מיידלעך. ס׳ווײַזט־אויס, ער האָט זיך, נעבעך, גאָר ניט געריכט, אַז ווער פֿון אונדז זאָל אין צימער אַרײַן. און מען איז זיך עפּעס אַזוי

פֿריילעך, צעהיצט. מען האָט געקאָנט מיינען, זאָג איך דיר, אַז זיי האָבן אויך לכּבֿוד י״ט כּסלו אַ ביסל משקה גענומען. הע־הע־הע... נו, מען האָט מיך דערזען, האָט מען זיך עפּעס אַנגעווירן. בערל האָט זיך אויף גיך אָפּגערוקט פֿון זיי, האָט געכאַפּט און אָנגעטאָן דאָס היטל. עס איז געוואָרן אַ טומל. וואָס זאָל זײַן? — דערזען ר׳ אַבאַן, האָט מען זיך פֿאַרשעמט.

— עט! — מאַך איך — בערל, וואָס איז אַזוי דער טומל? זיצט, זיצט. עס איז דאָך הײַנט בײַ חסידים אַ יום־טובֿ, י״ט כּסלו.

— אַגבֿ, — זאָג איך אים — ניט שרעקט זיך אַזוי פֿאַר מיר: מיט יונגע בין איך אויך אַ יונגער...

אַזוי, הייסט עס, זאָג איך אים, איך, ר׳ אַבאַ.

גלייבט ער עס מיר — ניט קיין גרויסער פּיקח! — און בעט מיך זיצן.

זעץ איך זיך. קוק איך זיך אַזוי אויף אים, אויף בערלען, אויף זײַן געגאָלטער באָרד און טראַכט וועגן דעם היפּוך צווישן דעם טאַטן און דעם זון. דאָרטן, אין זאַל, זיצט זיך ר׳ גרשון מיט נאָך עטלעכע. מען איז זיך אַלע געהויבענע ייִדן, די גרויסע חסידים, די גרויסע מאמינים. מען זאָגט זיך אַ דבֿר־תּורה. און ר׳ גרשון האָט טאַקע אַ באָרד און פּיאות, זיצט טאַקע אין היטל, און אַפֿילו אין אַ יאַרמלקע אונטערן היטל אויך... כע־כע־כע... וואָס זאָל זײַן? — מען איז ייִדן. און דאָ, אין דעם צימער, זיצט זיך זײַן זון, בערל, אָן אַ באָרד און פּיאות, אָן אַ היטל און איז זייער ווײַט אי פֿון אמונה, אי פֿון תּורה, אי פֿון חסידיש, און עס זיצן זיך טאַקע בחורים וגם בתולות, טאַקע וגם בתולות... יאָ, — פֿאַרדריסט דאָך עס... און איך קלער בײַ זיך, מען דאַרף כאַטש פֿון אים אַ שמייכל טאָן. מאַך איך צו אים:

— בערל, הער, דו ביסט דאָך — זאָג איך — אַ יונגער, אַרום עטלעכע און צוואַנציק, איך בין שוין אַן אַלטער ייִד, אַ בן שבֿעים. וואָס וועט זײַן, אַז איך וועל טאָן אַזאַ זאַך, וואָס דו וועסט מיר בישט קענען נאָכטאָן?

קוקט ער דאָך אויף מיר און וווּנדערט זיך. וואָרעם וואָס? איך,

ר׳ אַבאַ, אַן אַלטער ייִד, האָב פֿאַר אים מער כּוח, בין פֿאַר אים פֿלינ־קער, וואָס? וואָס קען איך אַזוינס טאָן?

— וואָס קוקסטו? — זאָג איך — דו מיינסט, אַז איך וועל נעמען און וועל אַ בלאַט גמרא אָפּלערנען? נייִן, נייִן...

פֿאַרשעמט ער זיך. וואָרעם פֿון לערנען איז דאָס ווײַט געווען.

— נו, — זאָג איך — לאָמיר זיך וועטן, און טאַקע אין אַ בוטל אַריק [1].

דערווײַל זײַנען נאָך עטלעכע פֿון אונדזערע אַרײַן אַהער אין צימער. ר׳ גרשון איז אויך געקומען. מען האָט דערהערט, אַז ר׳ אַבאַ רעדט — איז מען זיך געקומען הערן.

קווענקלט ער זיך עפּעס. ער וויל כּלומרשט נישט. נאָר אונדזערע האָבן אים אײַנגערעדט. ר׳ גרשון האָט אים אויך אײַנגערעדט. האָט אים געהייסן, כּדי זען, וואָס וועט דאָ זײַן.

נו, וועטן מיר זיך אין אַ בוטל אַריק. שטעל איך זיך אַוועק. שטעל־אַוועק בערלען קעגן מיר. אַלע קוקן מיט אויסגעשטעלטע אויגן, וואָס דאָ וועט זײַן. און איך הייב־אָן. נעם איך און שטעל זיך אַוועק אויף אַ שטול. שטעלט זיך בערל אויך אַוועק אויף אַ שטול. גיי איך פֿון שטול אַראָפּ, גייט ער אויך פֿון שטול אַראָפּ. הייב איך אויף אַ האַנט — ער אויך. קריך איך אויפֿן טיש אַרויף — ער אויך. צוריק פֿון טיש אַראָפּ — בערל אויך אַראָפּ. הייב איך אָן ווידער אויף דער שטול און פֿון שטול, פֿון שטול און אויף דער שטול, און וואָס ווײַטער — געשווינדער, געשווינדער, און בערל טוט־נאָך, און אַלץ גיך, געשווינד. און אַלע קוקן, וואָס דאָ וועט זײַן. מען קוקט. און אָט אַזוי, ווי מיר לויפֿן ביידע געשווינד אויף דער שטול און פֿון שטול, פֿון שטול און אויף דער שטול, טו איך זיך אַזוי אומגעריכט אַ שטעל־אַוועק קעגן בערלען. כאַפּ מײַן לאַנגע באָרד און טו אַ כאַפּ־אַרײַן מײַן באָרד אין מויל אַרײַן. בערל כאַפּט אויף גיך זײַן מאָרדע אין

[1] שנאַפּס.

האַנט, עפֿנט דאָס מויל און... מע־ע־ע... — ער האָט נישט וואָס צו כאַפּן...

כע־כע־כע... — וואָס זאָל זײַן? ער איז רויט געוואָרן פֿאַר בזיונות. אַלע האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט. ער לאַכט נעבעך אויך. ער לאַכט, אָבער ער איז רויט ווי אַ צונטער.

און אָט מיט דעם זעלביקן בערל פֿלעג איך זיך ווען דורכשמועסן אויך. ווייס איך? מען דאַרף הערן, וואָס אַ מענטש קלערט זיך. אַגבֿ, דאַרף מען טאַקע וויסן, וואָס אַזוינע צו ענטפֿערן. דע מה שתּשיבֿ[2]... און מיינסטו אַז זיי, די הײַנטיקע, קאָנען כאָטש אויפֿווײַזן מיט אַ שׂכל, אַז זיי זײַנען גערעכט? איך פֿלעג אים, אָט דעם בערלען, אַלע מאָל אָפּשטעלן. ער פֿלעגט מיר ניט האָבן וואָס צו ענטפֿערן.

אַ בײַנאַכט, אַמאָל, בין איך זיך געזעסן בײַ ר׳ גרשונען. אין צימער איז זיך בערל אויך געזעסן. זיצן מיר זיך ביידע. פֿרעג איך אים:

— הער, בערל, מיט ר׳ אַבאן מעגסטו זיך נאָך דורכשמועסן. זאָג זשע מיר: דו גלייבסט טאַקע ניט?



— ניין! — זאָגט ער — ניין, ר׳ אַבא, איך גלייב ניט.

לאַך איך דאָך, הייסט עס, פֿון אים, פֿון אים, הייסט עס, לאַך איך. אָבער אין האַרצן טוט גוט ווי...

— וואָס איז דער פּשט, — מאַך איך זיך קאַלטבלוטיק — וואָס איז דער פּשט, דו גלייבסט ניט?

— איך גלייב ניט! — זאָגט ער.

זאָג איך צו אים:

[2] ווייס וואָס צו ענטפֿערן (די אַפּיקורסים, ניט־גלייביקע אד״גל).

— וואָס הייסט, דו גלייבסט ניט? גלאַט גערעדט אין דער וועלט אַרײַן: „איך גלייב ניט, איך גלייב ניט". רייד ווי אַ מענטש, ווײַז מיר אויף מיט שׂכל, פֿאַר וואָס גלייבסטו ניט...

מאַכט ער צו מיר:

— ווײַזט איר, ר' אַבאַ, מיר אויף מיט אַ שׂכל, אַז איך זאָל יאָ גלייבן.

— אַזוי? — זאָג איך — איך זאָל דיר אויפֿווײַזן מיט אַ שׂכל? איינס, איז אמונה למעלה מן השׂכל... און אַגבֿ, זאָג איך, אויב דו ווילסט, אַדרבה... קום זשע אַקאָרשט אַרויס אויף דער גאַס, איך וועל דיר ווײַזן די הימלען, די שטערן, די לבֿנה... די גאַנצע מעשׂי־בראַשית... אַנו, קאָן עס עפּעס ווערן פֿון זיך אַליין?

האָט ער דאָך ניט וואָס צו ענטפֿערן, מאַכט ער צו מיר:

— אויב אַזוי, נאָך אײַך נאָך, אַז די וועלט האָט גאָט באַשאַפֿן, טאָ ווער האָט גאָט אַליין באַשאַפֿן?

דאָ בין איך שוין אין כּעס געוואָרן:

— ביסטו דאָך — מאַך איך — אַ יִנגל. וואָס הייסט? וואָס באַשאַפֿן, ווען באַשאַפֿן, וועמען באַשאַפֿן? גלאַט גערעדט, געפּלוידערט. וואָס, ווען? רייד ווי אַ מענטש! — זאָג איך — רייד ווערטער, קלאָר, רייד עפּעס מיט אַ שׂכל, מיט אַ זין! רייד, אַז מען זאָל הערן וואָס דו רעדסט. גלאַט גערעדט, געפּלוידערט. וואָס באַשאַפֿן, ווען באַשאַפֿן, וועמען באַשאַפֿן? וואָס? ווען?... וואָס?...

וואָס זאָל זײַן? ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן!...

פֿרעג איך בײַ אים ווײַטער בדרך משל:

— לאָמיר זיך — זאָג איך אים — פֿאָרשטעלן, אַז איינער אַ מענטש, למשל, ראובֿן, דאַרף גיין אין וועג. ער מוז גיין. דער וועג, אין וועלכן ראובֿן דאַרף גיין, פֿירט דורך אַ גרויסן, געדיכטן וואַלד. אין וואַלד, זאָגן אַנדערע, זײַנען דאָ גזלנים. פֿאַראַן וואָס זאָגן, אַז ניט. עס איז אַ ספֿק. מען זאָגט, אַז יאָ. און מען זאָגט, אַז ניט. און אין וועג מוז ער גיין. און דער וואַלד איז אַ גרויסער, אַ געדיכטער. איז אויב ראובֿן איז ניט קיין חסר־דעת, ער איז כאָטש וויפֿל עס איז

ביים זינען, וועט ער פֿון ספֿק וועגן נעמען מיט זיך אַ שטעקן... איז ממה נפֿשך: זײַנען אַפֿילו קיין גזלנים ניטאָ אין וואַלד, איז וואָס האָט ער דאָ אַזוי אָנגעווירן? האָט ער אומזיסט גענומען מיט זיך אַ שטעקן. אָבער מער גאָר... דו פֿאַרשטייסט — טענה איך צו אים — שטאַרבן מוזן מיר, אַלע, אַלע מוזן מיר שטאַרבן... אין וועג מוז מען גיין... און פֿאַראַן וואָס זאָגן — אַזוי זאָג איך אים — פֿאַראַן וואָס זאָגן, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, אַז אויף יענער וועלט איז פֿאַראַן אַ גיהנום, אַ גן־עדן, אָט אַלץ אין וואָס ייִדן גלייבן... איר, די הײַנטיקע, גלייבט עס ניט. איר זײַנט זיך אין דעם מסופק. אויף געוויס ווייסט איר דאָך אויך ניט. וואָרעם וואָסי? איר האָט עפּעס אויף דעם ראַיות? וואָס?... נאָר גלאַט, עס איז בײַ אײַך אַ ספֿק. נו, איז מילא איך, אַז איך האָב מײַן גאַנץ לעבן געדינט גאָט, געלערנט, געדאַוונט, געלייגט תּפֿילין — געווען אַ ייִד — איז וואָס האָב איך דאָ אַזוי אָנגעווירן? אַפֿילו נאָך אײַך נאָך, איז וואָס? איך וועל קומען אויף יענער וועלט און, ווי איר מיינט, וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז איך האָב אומזיסט געדאַוונט, געלייגט תּפֿילין — נו, איז וואָס? איז וואָס האָב איך דאָ אָנגעווירן? אָבער איר, די הײַנטיקע — טאָמער יאָ? אפֿשר זײַנען טאַקע מיר, די וואָס גלייבן, גערעכט? טאָמער יאָ?

דו פֿאַרשטייסט? — זאָג איך צו אים — טאָמער יאָ? טאָמער...

ער האָט געשוויגן. שטום געווען ווי די וואַנט. וואָרעם וואָס זאָל ער מיר אויף דעם ענטפֿערן? ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

און וואָס זאָל איך דיר זאָגן? איך פֿאַרשטיי זיי ניט, די הײַנטיקע, איך פֿאַרשטיי ניט... און רייד שוין ניט וועגן דעם, ווי אַזוי נעמט עס און מען וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ אָט דאָס אַלץ, אין וואָס מען האָט אַזוי פֿיל דורות געגלייבט. און גלאַט: ווהין פֿירט עס אַזאַ דרך? וואָס וועט פֿון ייִדן ווערן? נאָר איך פֿאַרשטיי ניט, ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט און מען גלייבט ניט אין גאָט... איך פֿאַרשטיי ניט... עס טרעפֿט דאָך ווען אין לעבן אַן עת־צרה, אַן אומגליק — צו וועמען ווענדט מען זיך דעמאָלט? מיט וואָס טרייסט מען זיך? מען שטאַרבט דאָך... ווען אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער, אַ

שוועסטער, אַ פֿרוי, אַ קינד... אויב מען זאָל ניט גלייבן אין גאָט, אין יענער וועלט, ווי אַזוי לעבט מען עס גלאַט אויף דער וועלט, אויב מען גלייבט ניט? איך פֿאַרשטיי ניט... איך פֿאַרשטיי ניט...

איך טו ווען עס איז אַ טראַכט. אַ מענטש איז דאָך אַ מענטש און טראַכט ווען. ווייס איך וואָס עס טראַכט אַלערליי נאַרישקייטן! טו איך זיך ווען אַ טראַכט אויף זייער שטייגער. אָט זען, ווי אַזוי טראַכטן עס די הײַנטיקע. טו איך זיך ווען אַ טראַכט, ווי אַזוי איז עס, אַז מען גלייבט ניט. איך שטעל זיך אויף אַ רגע פֿאָר: ניטאָ קיין מנהיג אויף דער וועלט. ניטאָ קיין גאָט... אַז איך זאָג דיר, ממש דער מוח טוט מיר דעמאָלט אַ הייב פֿון אָרט... דער מוח רירט זיך בײַ מיר... די גאַנצע וועלט ווערט פֿאַר מיר פוסט און וויסט, תוהו ובֿוהו. פֿינצטער ווערט מיר אין מײַנע אויגן און די הימלען פֿאַלן... ממש די הימלען פֿאַלן־אַראָפּ אויף מײַנע פּלייצעס, אויפֿן קאָפּ. זיי דריקן מיך און עס ווערט מיר פֿינצטער, פֿינצטער... די הימלען פֿאַלן... ווי אַזוי לעבן זיי, די הײַנטיקע? ווי אַזוי עסן זיי, טרינקען, שלאָפֿן? און זיי זײַנען דאָך ווען פֿריילעך אויך. זיי זינגען, זיי לאַכן... ווי אַזוי לעבט מען עס, אַז מען גלייבט ניט? ווי אַזוי?

און דאָס ניט גלייבן וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג, פֿון מינוט צו מינוט. עפּעס עס וואַקסט. עס וואַקסט פֿון אַלעווינקעלעך, פֿון אַלע עקן. און אַזוי גיך וואַקסט עס. דאַכט זיך אָט ערשט, אָט ערשט, אין מײַנע יאָרן. מען איז דאָך דעמאָלט ייִדן געווען. און איצט. איצט... דו כאַפּסט זיך און קוקסט, וואָס איז עס?... וווּ זײַנען עס עפּעס די אַמאָליקע ייִדן, דאָס אַמאָליקע לעבן, די אמונה... וווּ איז עס נעלם געוואָרן... פּוסט איז אַרום דיר. עפּעס אַ פֿרעמדע וועלט, פֿרעמדע מענטשן. וואָס איז עס? און אַזוי קאַלט ווערט דיר. אַזוי קאַלט... אוי־אוי־אוי . . .

און עס טרעפֿט, איך שטיי זיך אויף ווינטער פֿרי. אַ זייגער דרײַ פֿאַר טאָג. עפּעס עס שלאָפֿט זיך ניט... די ביינער ברעכן אַפֿילו. דער קאָפּ טוט וויי, נאָר עס שלאָפֿט זיך ניט. שטיי איך מיר אויף. גיס־אָפּ נעגל־וואַסער. זאָג־אָפּ ברכות. און עפּעס געפֿין איך זיך אין

שטוב קיין אָרט ניט. ניט ווי אַמאָל, אַמאָל... אַז איך פֿלעג זיך מיר אויפֿשטיין אין דער פֿרי, פֿלעג זיך מיך פֿילן אַזוי הימלעך און פֿלעג זיך מיר אַוועקזעצן אין שטוב לערנען אויפֿן קול, פֿריילעך... און איצט געפֿין איך זיך אין שטוב קיין אָרט ניט. און טאַקע אַזוי: דו טוסט אַ קוק אין צימער, דאָרט ווו דאָס איניקל שלאָפֿט. ווער רעדט וועגן שלאָפֿן אין אַ יאַרמלקע. קיין אַרבע־כּנפֿות איז צווישן זײַנע אויס־געטוענע בגדים אויך ניטאָ. און אַז ער וועט אויפֿשטיין, ביסטו זיך דאָך אין זײַן דאַוונען אויך מסופּק. טוט דאָך דערפֿון ווײ דאָס האַרץ... איך קאָן אין שטוב ניט אײַנזײַן. גיי איך זיך אין בית־המדרש אַוועק. איך גיי זיך אַליין אין גאַס — דאָס שטעטל שלאָפֿט. סײַדן אַ בעל־מלאכה איז ווי אויפֿגעשטאַנען פֿרי. ברענט זיך דאָרט אַ פֿײַערל אין זײַן פֿענצטער און ער אַרבעט. דאָס גאַנצע שטעטל זעט עפּעס אויס אַזוי פֿאַראָבלט. די אַלטע הײַזער זײַנען אַזוי פֿאַריתומט. איך קום אין בית־המדרש אַרײַן. צינד־אָן אַ ליכט, זעץ זיך מיר אין אַ ווינקל. נעם אַ ספֿר אין האַנט. אָבער עס לערנט זיך עפּעס ניט. אין האַרצן דריקט עפּעס. עס דריקט... איך דערמאָן מיך אויף אַמאָל... אַמאָל... אָט דאָ, אויף דעם אָרט איז געשטאַנען און געדאַוונט אַ ר' ברוך דער סופֿר. דאָ אַ ר' נחום דער מלמד, דאָרטן אַ ר' ישׂראל, אַ ר' בער, אַ ר' מאָטע, אָט דאָ האָבן זיי געלערנט, דאָרטן אין ווינקל פֿלעגט דער בעל־משפּיע, אַז ער פֿלעגט קומען, די חסידיש חזרן און מיר אַלע פֿלעגן הערן. אָט דאָ אַרום דער בימה פֿלעגן מיר דאָס אַמאָל אַלע שׂמחת־תּורה, אַ שׂמחת־השואבֿה, טאַנצן און פֿריילעך זײַן... און איצט? אויסגעשטאָרבן זײַנען אַלע, פּוסט איז איצט און וויסט... און דער בית־המדרש איז אויך אַזוי אַלט, אַזוי חרובֿ געוואָרן, עס דוכט זיך דיר, אַז אָט־אָט פֿאַלט ער אײַן... און עפּעס שלעפּט דיך דעמאָלט צו גיין צום אָרון הקודש, אַ קוק געבן, צי זײַנען נאָך דאָ אין אים די ספֿרי־תּורות... עפּעס ממש דו האָסט מורא, צי האָט מען זיי פֿון דיר ניט געגזלט... און דאָס האַרץ דריקט, דריקט... און דו פֿילסט זיך עפּעס אַזוי אַליין, אַ נעבעך... אַליין אין אַלטן בית־המדרש. און אין מוח פּלאָנטערן זיך ביטערע מחשבֿות. מיר לערנט זיך דעמאָלט ניט.

איך פֿאַרמאַך דעם ספֿר, נעם אַ תּהילים אין האַנט. אין בית־המדרש איז פֿינצטער. דאָס ליכט, קוים וואָס עס לײַכט מיר, און איך זיץ זיך אַזוי אין ווינקל און זאָג תּהילים. און פֿאַר דיר מעג איך דאָך אויסזאָגן: איך זאָג תּהילים און טרערן גיסן זיך פֿון מײַנע אויגן... איך וויין, איך וויין... עס איז עפּעס אויפֿן האַרצן אַזוי ביטער, אַזוי ביטער... האַ? וואָס?... וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? טרערן האָבן זיך געשטעלט אין מײַנע אויגן? עס קלעמט דאָס האַרץ, עס קלעמט... וואָס וועט עס זײַן דער סוף פֿון אַזאַ דרך? עס איז אַ שׂריפֿה... אַלץ ברענט... די ייִדישקייט. די אמונה... מיר דוכט זיך, אַז גאַנצענע בתּי־מדרשים ברענען... און בנינים פֿאַלן־אײַן... עס איז אַ שׂריפֿה. פֿאַרלעשן עס, מיט בייזן, צעפֿלאַקערט זיך דאָס פֿײַער נאָך מער... מיט גוטן — ברענט עס פֿון זיך אַליין — עס ברענט, עס ברענט... עס איז אַ שׂריפֿה...

# צו דער כאראקטעריסטיק

## „פון דור צו דור“



הענט

צייכענונג פון בנימין איינהאָרן

דוד איינהאָרן

# צווישן צוויי וועלטן *

## קאַפּיטל א

מײַן ערשטער אמתער חבר ידידיה מרגליות. — דער גיט־אײַנגעבענער פּרווו. — מײַן ערשט ליד אויף ייִדיש געדרוקט אין 1904 אין „אידישער אַרבעטער". — איך באַקום אַ נײַעם אַגיטאַטאָר. — פאַר טאָג אין שול צו סליחות. — איך באַקום אַ „דיאַדקע", איינעם וואָס דאַרף מיך אַרײַנפירן אין דער באַוועגונג, יאַנקל דער זיסער. — איך שטים־אײַן צו זײַן אויף אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד.

דער ערשטער אמתער חבֿר אין מײַן לעבן איז געווען אַ ייִדישער שרײַבער, ידידיה מרגליות, וועלכער האָט געשפּילט אַ געוויסע צײַט אַ ראָלע צווישן די אַמעריקאַנער יונגע אין אָנפאַנג פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

ווען מיר האָבן זיך באַקענט, איז ער געווען אויף אַלע געביטן ווײַטער פֿון מיר. ערשטנס, איז ער געווען מיט צוויי יאָר עלטער פֿון מיר. אין די ערשטע צענדלינג יאָר פֿון מענטשנס לעבן שפּילן צוויי יאָר אַ גרויסע ראָלע. עס איז ווי צען יאָר אין די מיטעלע יאָרן. אויסער דעם האָט ער מער געוווסט פֿון מיר. ער איז געווען אַ פּליטישער לייענער און האָט שוין דעמאָלט פֿרײַ געלייענט רוסיש און אַ ביסל דײַטש. ער האָט אַפֿילו שוין געפּרוווט שרײַבן לידער אויף רוסיש. ער האָט געהאַט אַ היפּשן פּעקל מאַנוסקריפּטן אויף אַלע געביטן פֿון געשריבענעם וואָרט — פּאָעזיע, דערציילונגען, אַ דראַמע

---

* געווען געדרוקט אין ניו־יאָרקער פאָרווערטס אין די יאָרן 1956—1957.

און אַן אָנפאַנג פון אַ ראָמאַן. בשעת איך האָב זיך נאָך ביטער געשלאָגן מיט דער שפּראַך און מיט דער טעמע.

איך געדענק: מײַן פאָטער האָט איין מאָל אונדז ביידן געשטעלט צו אַן עקזאַמען פון שרײַבן. די טעמע האָט מען געקאָנט פרײַ אויסקלײַבן. ידידיה האָט שנעל אָנגעשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, ווי מען פלעגט שרײַבן אין „המליץ”, וועגן אַ שׂריפה אין אַ שטעטל. עס איז געווען גלאַט און גוט אָנגעשריבן. איך האָב ניט געפונען קיין טעמע און עפּעס אָנגעשריבן, וואָס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דער אורטל פון מײַן פאָטער איז געווען אַ קורצער און אַ שאַרפער: ידידיה וועט זײַן אַ שרײַבער און איך טויג ניט...

איך וועל ניט זאָגן, אַז איך בין געווען זייער פאַרשעמט, ווײַל איך אַליין האָב געצווייפלט אין מײַן שרײַבן.

אויסער די אַלע מעלות איז ידידיה געווען פאַרמעגלעך. ער האָט שטענדיק געהאַט געלט, ווען איך האָב ניט געהאַט קיין גראָשן בײַ דער נשמה. ער איז אויך געווען ניט קיין מיאוסער בחור, יעדנפאַלס אַנטקעגן מיר. דעמאָלט איז ער געווען אַ שיינער, פון מיטלען ווּקס, גוט געבויט, מיט ברייטע פלייצעס און אַ קײַלעכדיקן פּנים, ווו עס איז געווען אַ געמיש פון קינד און מאַן — דאָס וואָס געפעלט זייער פרויען. דערצו איז ער געווען אַ בינטל פון אומרו און ענערגיע. אַפילו ווען מיר פלעגן ביידע שפּאַצירן אויסער דער שטאָט, פלעגט ער זײַן מיט עטלעכע טריט פאָרויס פון מיר און פלעגט זיך מוזן אָפּשטעלן. אַמביציעס האָט ער געהאַט, פון וועלכע מיר פלעגט זיך דער קאָפּ פאַרדרייען. ער האָט, אָן צווייפל, געהאַט אַלץ וואָס איז נייטיק פאַר אַ מענטשן צו זײַן דערפאָלגרײַך אין לעבן, ווען ער וואָלט ניט געווען געיאָגט פון זײַנע אַמביציעס און געהאַט געדולד אויסצוּוואַרטן און פאַרענדיקן זײַן אַנטוויקלונג.

איך געדענק ווי מיר זײַנען ביידע געגאַנגען אויף מילנער גאַס און געחלומט פון דער צוקונפט.

— איך וועל זײַן ווי אַ וואַסער — האָב איך געזאָגט — און וועל

אַזוי לאַנג זוכן אַ שפּאַלט אין דער וואַנט, ביז איך וועל אים געפֿינען און דורכרינען צו דער פֿרײַהייט.

— און איך וועל דורכברעכן די וואַנט מיטן קאָפּ! — האָט ידידיה געזאָגט און איז מיר איבערגעלאָפֿן מיט יעדן טריט.

זײַן מוסטער איז געווען אַ העלד פֿון דײַטשישן שרײַבער שפּילהאַגענס אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „אײנער אין פֿעלד איז ניט קײן קעמפֿער". דער העלד אין דעם ראָמאַן איז כּסדר געגאַנגען מיטן קאָפּ אין וואַנט און זײַן נאָמען איז געווען לעאָ. און ידידיה האָט זיך אַ נאָמען געגעבן לעאָ מאַרגאַליסאָ, און אונטער דעם פּסעוודאָנים האָט ער געדרוקט אַ סך עסייען איבער ליטעראַטור און אײניקע פֿײַנע דערציילונגען. געשטאַמט האָט ער פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער ייִדישער פֿאַמיליע. און כאָטש זײַן זיידע איז געווען אַ קאָלאָניסט (דער נאָמען פֿון אַ ייִדישן פֿאַרמער אין רוסלאַנד), איז זײַן פֿאָטער געווען אַ פֿײַן אינטעליגענטער מענטש מיט אַן אָריגינעלן כאַראַקטער. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שוואַרץ בערדל. געווען אַ וואַלדסוחר און געווען געבוג פֿאַרמעגלעך, אויסצובויען אין וואָלקאָוויסק פֿאַר זיך אַ גרויס, געמויערט הויז. יעדעס מאָל אָבער, ווען איך פֿלעג אַרײַנקומען צו ידידיהן, האָט דאָס געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי אַ נײַע דירה, אין וועלכער מען האָט זיך נאָר וואָס אַרײַנגעקליבן און נאָך ניט באַוויזן אויסצושטעלן די מעבל אָדער אַ קלאַס וואָס דער לערער איז אַוועק אויף אַ קורצער צײַט... אין גרויסן צימער זײַנען תּמיד געווען צעוואָרפֿן איבער די טישן און שטולן לערנביכער, העפֿטן, בלײַשטיפֿטן און פֿיר ייִנגלעך האָבן פֿלײַסיק געלערנט.

וואָס אונדז האָט אַזוי צוגעבונדן אײנער צום צווייטן, ווייס איך ניט. מיר זײַנען געווען אַזוי פֿאַרשיידן אין אונדזערע כאַראַקטערס, אַז צײַטנווײַז פֿלעגן מיר זיך וואַרפֿן אײנער אויפֿן צווייטן מיט די פֿויסטן, נאָר אויף מאָרגן פֿלעגט מען ווידער אָפּוואַרטן אײנער דעם צווייטן אויף דער מילבער־גאַס, גיין שווײַגנדיק אַ שטיק וועג צוזאַמען און נאָך דעם אָנהייבן ריידן ווי פֿרײַנד.

ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל דערנענטערט צו אים און

געפרעגט מכּוח די „שוועסטער און ברידער“, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך מוז פריִער דורכלייענען עטלעכע ביכער. און ער האָט מיר געגעבן אויף רוסיש אַ גראָב בוך, „די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד“. איך האָב דאָס בוך דורכגעקוקט און אים אָפּגעגעבן, זאָגנדיק אַז ניט דאָס האָב איך געמיינט. האָט ער מיר געגעבן באָגדאַנאָווס „פּאָליטישע עקאָנאָמיע“. אויך דאָס בוך האָט מיך ווייניק איבערגעצייגט. איך האָב אים אויך דאָס בוך אָפּגעגעבן זאָגנדיק, אַז מיך אינטערעסירן מענטשן, ניט קיין ציפערן... מיט דעם האָט עס זיך געענדיקט, און מיר זיינען אַריבער אויף סתּם ליטעראַטור, איבער הויפּט די העברעיִשע און רוסישע. און דאָ האָבן מיר זיך פאַרשטאַנען.

דער אמת איז געווען, אַז ידידיה האָט מיר ניט געטאָרן געבן קיין אומלעגאַלע ליטעראַטור, ווייל ער אַליין איז נאָך געווען אין דער באַוועגונג אויפן סטאַטוס פון אויספּרווון... אין יענער צייט איז מען אין „בונד“ געווען זייער פאָרזיכטיק מיט אַריינעמען אַן אינטעליגענט אין דער באַוועגונג. מען האָט פריִער באַדאַרפט דורכגיין אַ יאָר צייט פון פּראָבע. און איך האָב אויפגעגעבן דעם פאַרלאַנג זיך צו דערנענטערן צו דער באַוועגונג.

דערווייל איז געקומען אין שטאָט אַן אייַנבינדער. ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעשטעלט אין פענצטער די אויסגאַבע פון קאָטיקס פאַרלאַג אָדער ווי זיי האָבן געהייסן: „קאָטיקס ביכלעך“. דאָס זיינען געווען פּאָפּולערע אויסגאַבעס אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, און גאָר פיין אַרויסגעגעבן. דאָס ערשטע ביכל איז געווען אַן איבערזעצונג פון רובאַקין, דעמאָלט אומעטום באַקאַנט ווי דער „דיעדושקאַ וורעמיאַ“ (דער זיידע צייט): די געשיכטע פון דער מענטשהייט, געשריבן אין אַ בעלעטריסטישער פאָרעם. רובאַקין איז געווען באַרימט אין רוסלאַנד מיט זיינע פּאָפּולערע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס. ביי מיר איז ער געווען דער שענסטער שרייבער און שפּעטער פלעג איך קויפן אַלע זיינע אויסגאַבעס אין רוסיש. געוווינט האָט ער איז דער שווייץ, אין קלעראַן, ביי דער גענפער אָזערע. ווען איך בין געווען אין

שווייץ, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס רובֿ ביכלעך האָט ער ניט געשריבן אַליין, נאָר ער פֿלעגט זיי באַשטעלן בײַ סטודענטן פֿאַר אַ ביליקן פּרײַז. ער האָט זיי צוגעפּוצט און אַרויסגעגעבן אונטער זײַן נאָמען. אויסער דעם „זיידע צײַט" זײַנען אַרויס ערנסטע ביכלעך איבער דער אור־געשיכטע: „ווי האָבן מענטשן געלעבט מיט צען טויזנט יאָר צוריק". און ליטוואַק האָט אונטער אַ פּסעוודאָנים אַרויסגעגעבן צוויי בענדלעך פּאָפּולערע וויסנשאַפֿט אונטערן נאָמען „ווינטערנעכט". די ביכלעך זײַנען מיר געפֿעלן געוואָרן און דאָס זײַנען געווען די ערשטע ביכלעך אויף ייִדיש, וואָס איך האָב געלייענט.

קאָטיקס פֿאַרלאַג איז פֿאַקטיש געווען פֿאַרבונדן מיטן „בונד", און די בונדיסטן האָבן עס פֿאַרשפּרייט. און אָט בײַ דעם אײַנבינדער האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ נידעריקן בחורל, וואָס האָט געטראָגן דעם צונאָמען „גראַך". זײַן טאַטע איז געווען אַ מלמד, מיט אַ הייזעריקער שטימע, און די שטאָט האָט אים אַ נאָמען געגעבן „גראַך", און אַזוי איז עס אַריבער אויפֿן זון. הערשעלע גראַך האָט געוואָרפֿן אויף מיר אַן אויג און גענומען מיך אַגיטירן. איך מוז צוגעבן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין לײַכטן „דזשאָב". אָבער ער האָט זײַן אַמביציע מיך אַרײַנצוציִען אין „בונד" ניט אויפֿגעגעבן.

איין מאָל — עס איז געווען אַ פֿאַרטאָג צו די ערשטע סליחות — געדאַוונט האָט דעמאָלט קאָפּל דער חזן, וועמען איך האָב זייער ליב געהאַט און ניט דורכגעלאָזן קיין איין מאָל, ווען ער האָט געזונגען. אין אָט דעם פֿאַרטאָג, אין אונדזער וווּנדערלעכער אַלטער שול, אין אַ ווינקל, האָט הערשעלע גראַך זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און אָנגעהויבן מיר דערציילן פֿון דער אָרעמקייט און דלות פֿון די ביאַליסטאָקער וועבערס. עס איז געווען גראָד אין דער צײַט פֿון ערשטן שטרײַק. דער קליינער גראַך איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אַגיטאַטאָר און פֿאַרשטאַנען פֿון מײַנע רייד, וואָס מיר ליגט אויפֿן האַרצן. עס איז געווען דער שוסטער טענצער און זײַנע צוויי קראַנקע קינדער, וואָס זײַנען מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן... און ער האָט געווירקט אויף מיר, און איך האָב צוגעשטימט צו נעמען אַ קליין,

שוואַרץ ביכעלע, וואָס ער האָט מיר געגעבן. עס איז געווען אַן אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבע „פֿון וואָס איינער לעבט". דערנאָך האָט ער מיר געגעבן „די מעשׂה מיט די פֿיר ברידער". און אַז הערשל איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט מיר, האָט ער מיך בסוד־סודות איבערגעגעבן אַ יונגן־מאַן, וואָס האָט געהייסן „יענקל דער זיסער", ווײַל זײַן מאַמע איז געווען אַ ספּעציאַליסטקע אויף באַקן האָניק־לעקעך. און זי האָט געהייסן דינה אָדער שׂרה די זיסע... און יאַנקל דער זיסער איז געוואָרן מײַן „דיאַדקע", צוצוגרייטן מיך פֿאַר דער באַוועגונג.

איך דערמאָן זיך אַ גרויען האַרבסטאָוונט הינטערן פּוילישן „צמענטאַזש" (בית־עולם), ווו איך האָב זיך געטראָפֿן מיט יאַנקלען. ער האָט מיר איבערגעגעבן עטלעכע נומערן פֿון די בונדישע „לעצטע נאַכריכטען", אין צוויי ביכעלעך, אָפּגעדרוקט אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, אײַנגעבונדן אין ווייכע, שוואַרצע טאָוועלעך. דערבײַ האָט יאַנקל געהאַלטן פֿאַר מיר אַ גרויסע, פֿײַערלעכע רעדע: ווי טײַער מען דאַרף היטן די ביכעלעך, ווײַל יעדעס ביכעלע האָט געקאָסט בלוט ביז מען האָט עס אַרײַנגעשמוגלט פֿון אויסלאַנד. מענטשן האָבן מפֿקיר געווען זייער לעבן צו ברענגען זיי אַהער; מענטשן זײַנען אַוועק אין סיביר, אויף קאַטאָרגע, און יעדעס ביכעלע איז פּאַקטיש אַ מענטשנס לעבן.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק עס האָבן אויף מיר געמאַכט אָט די ביכלעך, אויסגעוויקט אין בלוט פֿון מאַרטירערס. צווישן די ביכעלעך איז געווען אַ קליין ביכעלע מיטן נאָמען „די רויטע פֿאָן", אַ מין זאַמלונג פֿון רעוואָלוציאָנערע און אַרבעטער־לידער.

דער רעזולטאַט פֿון דעם ביכעלע איז געווען, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אַ ליד „צו אײַך, איר רײַכע פּאַלאַצן". דאָס ליד איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן יאַנקלען און דעם קליינעם גראַך, אַז זיי האָבן עס איבערגעגעבן צו דער „סכאָדקע". סכאָדקע איז אַ רוסיש וואָרט, וואָס הייסט אַ צוזאַמענקונפֿט, און דאָס איז געווען דער נאָמען פֿון דעם געהיימען קאָמיטעט. די „סכאָדקע" האָט דאָס איבערגעשיקט אין ראַיאָ־

נעם קאָמיטעט, אין ביאַליסטאָק, און דער קאָמיטעט האָט עס איבערגעשיקט אין זשענעווע. און ווי איבערגעראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב שפּעטער געלייענט אין די „לעצטע נאַכריכטען" דעם אינהאַלט פֿון אומלעגאַלן מאָנאַטלעכן זשורנאַל, דער אידישער אַרבייטער נומער 16, און געפֿונען מײַן ליד „צו אײַך, איר רײַכע פּאַלאַצן". אָבער דאָרט איז געווען פֿאַרדרייט מײַן פּסעוודאָנים. איך האָב אונטערגעשריבן „י. ד. א.", וואָס דאָס האָט געהייסן ישׂראל־דוד איינהאָרן. אַזוי ווי אָבער איך האָב אויפֿגעצויגן דעם „יוד" מיטן „דלד", האָט דער „יוד" אויסגעזען ווי אַ „נון", און דער „דלד" ווי אַ „צדיק" און עס איז אַרויסגעקומען — נ. צ. א.

דאָס ליד געדרוקטערהייט האָט מיר ערשט געוויזן קורסקי (אין 1915) אין זשענעווער בונדישן אַרכיוו, די קאַרוזשקע, ווי דער אַרכיוו האָט געהייסן צוליב דער גאַס קאַרוזש, ווו ער האָט זיך געפֿונען.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן מײַן געפֿיל, ווען איך האָב אין וואָלקאָוויסק דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז מײַן ליד איז געדרוקט אין אַ ביכעלע, וואָס מענטשן האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן אַרײַנצושמוגלען אין רוסלאַנד. דאָס איז ניט געווען קיין „ליטעראַטור".

צווישן אונדז גערעדט, האָב איך קיין ריכטיקן פּאַלאַץ ניט געזען אין וואָלקאָוויסק, אויסער אויף אַ בילד. אָבער אַזוי ווי דער פּאַלאַץ איז געווען פֿאַר אונדז אַ סימבאָל, האָט דאָס געפּאַסט.

צוזאַמען מיט מײַן ליד איז געווען געדרוקט זשיטלאָווסקיס אַ ליד אונטערן פּסעוודאָנים בן אהוד.

מײַן פּרעסטיזש צווישן די בונדיסטן אין וואָלקאָוויסק איז צוליב דעם ליד הויך געוואַקסן. מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אין 1903.

אָבער אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד בין איך נאָך ניט געגאַנגען, כאָטש איך בין שוין, ווי זאָגט מען, דורכגעגאַנגען דעם פּרוּוויאָר און איך האָב שוין געהאַט דאָס רעכט אײַנטיילצונעמען אין אַ פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד. די מניעה איז געווען אין מיר, ווײַל יעדעס מאָל פֿלעגט מיך דער קליינער גראַך פֿרעגן:

— צי פילט איר זיך גענוג מוטיק זיך אויסצושטעלן צו געפאַר?

דאָס איז געווען אַ פראַגע, וואָס מען האָט יעדן געשטעלט. וואָס זאָל איך זיך שעמען? מײַן ענטפער איז געווען: — ניין! ביז כ׳האָב ענדלעך זיך אָנגענומען מיט כוח און צוגעשטימט צו גיין אויף אַ פאַרזאַמלונג.

איך זע צום ערשטן מאָל י. ל. פרץ, „דער פאָטער פון דער יידישער ליטעראַטור". — דער יום־טוב אין וואַרשע. — די ווונדער שיינע הסידישע טעכטער. — נאָמבערג און רייזען שיקן מיך אַוועק אין אַ פענסיאָן אין מיעדזעשין.

איך מוז צוגעבן, אַז איך בין ניט געגאַנגען דאָס ערשטע מאָל זען י. ל. פרצן מיט אַ לײַכט האַרץ. ערשטנס, איז פרץ געווען מער ווי אַ באַרימטער שרײַבער. אין יענער צײַט האָט ער געשפילט אַ ראָלע פון אַ נאַציאָנאַלער פיגור. אַרום אים זײַנען געווען פאַרזאַמלט אַלע פאַרטייען, אַלע קלאַסן, וואָס זײַנען געווען נאַציאָנאַל געשטימט — פון די ציוניסטן ביז די בונדיסטן — אויסער, נאַטירלעך, די אָר־טאָדאָקסן. ער איז געווען דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג. אַפילו די אַסימילירטע פוילישע יידן האָבן געהאַט צו אים גרויס רעספעקט.

איך האָב שפעטער איין מאָל געשפאַצירט מיט פרצן בײַ נאַכט אין זאַקסישן גאָרטן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און דער גאָרטן איז געווען שלעכט באַלויכטן און בײַ יעדע צען־צוואַנציק טריט האָבן מיר דערהערט פון הינטער די ביימער, פון הינטער די קוסטעס, אַפלאָדיסמענטן מיט אויסרופן: „זאָל לעבן י. ל. פרץ!"... דאָס איז ניט געווען קיין אָרגאַניזירטע מאַניפעסטאַציע. דאָס האָט די יוגנט, וואָס האָט דעמאָלט געשפאַצירט אין גאָרטן, אין דער טונקל־קייט, דערקענט פרצעס פיגור, זײַן פעלערינע און דעם ווייכן קאַ־פעליוש, און ספּאָנטאַן אויסגעדריקט די ליבע צו אים. אין דער טונקל־קייט האָבן מיר ניט געקאָנט זען ווער עס אַפּלאָדירט. און עס איז אויסגעקומען, ווי דער גאַנצער גאָרטן וואָלט געפײַערט פרצן. אויף

מיר האָט עס געמאַכט באמת אַ מיסטישן אײַנדרוק. אַזאַ באַציִונג האָב איך אויך געהאַט צו אים.

צווייטנס, האָב איך מורא געהאַט פֿאַר אים. איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט אַ פֿאָראורטל צו ליטוואַקעס. ער האָט זיי געהאַלטן פֿאַר טרוקענע מענטשן, בײַ וועלכע דער קאָפּ באַהערשט דאָס האַרץ. דאָס האָט מען געקאָנט זען, ווי ער האָט געשילדערט דעם בריסקער רבֿ, אין זײַן דערציילונג „צווישן צוויי בערג". פּרץ האָט דאָס ניט באַהאַלטן. צום שטאַרקסטן האָט ער דאָס געלאָזט פֿילן אַבֿרהם רייזענען. מנחם, וואָס איז געווען פּרצעס אַ ליבלינג, האָט מיך געוואָרנט, אַז בײַ פּרצן ווענדט זיך אין דער שטימונג. ער קאָן זײַן צאַרט ווי אַ פֿאָטער און קאָן זײַן שאַרף און אַפֿילו גראָב, ווען עמעצער געפֿעלט אים ניט. דורכלעבן אַ באַליידיקונג פֿון פּרצן האָב איך ניט געוואָלט. און גייענדיק מיט מנחמען צו צעגליאַנע־גאַס, האָב איך דעמאָלט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו אים:

— אפֿשר וואָלט געווען בעסער, איך זאָל ניט גיין?

אָבער מנחם האָט מיך גענומען פֿאַרן אָרבל און מיך געשלעפּט מיט געוואַלט און, צובייגנדיק זיך צו מיר, ווי ער וואָלט מיר געזאָגט אַ סוד, צוגעגעבן:

— פּרץ האָט מיך געבעטן, איך זאָל דיך ברענגען.

ווען מנחם האָט אָנגעקלונגען, האָט בײַ מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט. אַז מיר זײַנען אַרײַן, האָבן מיר געפֿונען דאָס צימער פֿול מיט יונגע־לײַט, אָנפֿאַנגערס און פֿאַרערערס. צו ערשט האָב איך דערזען פּרצעס שרײַבטיש נעבן פֿענצטער, פֿאַרלייגט מיט פּאַפּירן. בײַ דער טיר איז געשטאַנען אַ סאָפֿע מיט אַ קליין טישל. פּרץ איז האַלב געזעסן און גערייכערט אַ ציגאַר.

ווען פּרץ האָט מיך דערזען האָט זיך זײַן פּנים צעשמייכלט. און פּרץ האָט געהאַט אַ שמייכל, וואָס האָט געקאָנט אַ מענטשן אָפּקויפֿן.

ער האָט מיך אַוועקגעזעצט נעבן זיך און פֿאָטערלעך מיך גענו־מען אויספֿרעגן וועגן מײַנע פֿינאַנצן: צי פֿעלט מיר אויס געלט, זאָל איך אים זאָגן...

מיר דוכט, אַז צווישן די גרויסע שרײַבערס אונדזערע איז פּרץ געווען דער איינציקער, וואָס האָט כּסדר אַלץ געטאָן אַרויסצוהעלפֿן יונגע ייִדישע טאַלאַנטן.

איין מאָל, עס איז געווען אין 1910, בין איך געווען בײַ פּרצן און געפֿונען דאָרטן ש. ראָזענפֿעלדן און ד"ר קאָפּעל (מוקדוני). יעדער פֿון זיי האָט זיך באַקלאָגט אויף עפּעס וואָס פֿעלט אים. פּרץ האָט ניט געקענט באַקומען די מאַרקע ציגאַרן, וואָס ער האָט געררייכערט. מוקדוני האָט אויסגעפֿעלט הונדערט רובל, וואָס ער האָט געדאַרפֿט שיקן זײַן פֿרוי. וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, בין איך נאָר וואָס אַרויס פֿון אַרעסט. עס איז געווען גראָד, ווען טאָלסטאָי איז געשטאָרבן און אין וואַרשע זײַנען געווען דעמאָנסטראַציעס. איך בין צופֿעליק געגאַנגען מיט אַ. רייזענען, און אַזוי ווי מען האָט געכאַפּט מענטשן אין די גאַסן, האָט מען מיך אַרעסטירט און רייזענען געלאָזט גיין. נאָך צוויי טעג אין קוטוזקע האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט און דער פּריסטאַוו האָט מיר בײַם אַרויסלאָזן געזאָגט, איך זאָל גיין קויפֿן אַ נײַעם קאַפּעלוש, וואָרעם אויב איך וועל ווײַטער טראָגן דעם קאַפּעלוש, וועט מען מיך ווידער אַרעסטירן. און אויף קויפֿן אַ נײַעם קאַפּעלוש האָב איך קיין געלט ניט געהאַט.

אויסהערנדיק די זאָרגן פֿון פּרצן, ש. ראָזענפֿעלדן און מוקדונין, האָב איך אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט:

— מיר פֿעלט אויך עפּעס, נאָר איך שעם זיך עס אויסצוזאָגן.

בײַם אַוועקגיין האָט פּרץ מיך באַגלייט צו דער טיר און, שמו־עסנדיק מיט מיר, האָט ער זיך געשפּילט מיט דעם קייטל פֿון מײַן שוואַרצן זייגער. ווען איך בין געקומען אַהיים און אַרויסגעצויגן דעם זייגער, איז אַרויסגעפֿאַלן אַ בילעט פֿון 25 רובל. דאָס האָט פּרץ, זיך שפּילנדיק אַזוי מיט דעם קייטל, מיר אַרײַנגעשטעקט דעם פֿינף־און־צוואַנציקער.

ווען מען האָט מיך אין 1912 אַרעסטירט, איז איין מאָל מײַן מוטער געקומען מיך זען אין טורמע, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיר דערציילט, אַז זי האָט באַקומען אַ לאַנגן, האַרציקן בריוו

פֿון י. ל. פּרץ, מיט פּערציק רובל און אַ פֿאַרזיכערונג, אַז מען וועט אַלץ טאָן מיך צו באַפֿרײַען.

איך האָב דאָ אויפֿגעקליבן די עטלעכע פֿאַקטן פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן פֿאַר אילוסטראַציעס, ווי י. ל. פּרץ האָט זיך באַצויגן צו יונגע שרײַבערס, פֿון וועלכע ער האָט געהאַלטן. און איך בין בײַ אים ניט געווען איינער. עס זײַנען געווען אַ סך, וואָס האָבן מיט פּרצן געהאַט די זעלביקע דערפֿאַרונגען.

עס איז קיין ווונדער ניט, וואָס דער יונגער דור שרײַבערס האָט זיך באַצויגן צו פּרצן ווי צו דעם פֿאָטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

זיצנדיק אַזוי מיט פּרצן, האַלב ניט זיכער, האַלב פֿאַרשעמט, האָב איך פֿון דער זײַט באַטראַכט זײַן פּנים. אויסגעזען האָט ער ווי אַ פּוילישער פּריץ: רונד, גלאַט ראַזירט, מיט געדיכטע, גרוילעכע וואָנצעס. אָבער די אויגן זײַנען געווען מערקווערדיקע, טיפֿע, אומרויִקע און ליב שמייכלענדיקע. צײַטנווײַז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי גלעטן מיך. זיי האָבן אויך געקאָנט זײַן זייער שאַרפֿע און קאַלטע ווי אײַז, ווען ער איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, און ווייך טרויעריק, ווען ער האָט זיך געעפֿנט און גערעדט מיט דיר ווי מיט אַ גלײַכן. איך האָב שפּעטער די אַלע שאַטירונגען געפֿילט אויף מיר, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זײַן מיט אים אַליין.

דאָס מאָל האָט דאָס געדרישט ווי אין אַ בינשטאָק. איך בין גראָד געקומען נאָך דעם ווי פּרץ האָט פֿאָרגעלייענט פֿאַר דער יוגנט אַ טייל פֿון זײַן דראַמע „בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“. ווי גרויס און אָנערקענט פּרץ איז געווען, האָט זיך תּמיד בײַ אים געפֿילט אַ געוויסע ניט־זיכערקייט און ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט אויפֿצוקלײַבן זײַנע יונגע פֿאַרערערס און פֿאָרלייענען פֿאַר זיי זײַנע ווערק, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין שרײַבן. קיין סך האָב איך ניט פֿאַרבראַכט דאָס מאָל בײַ אים. פּרץ האָט באַדאַרפֿט אַוועקגיין אין דער גמינע, וווּ ער האָט געאַרבעט, און איך מיט מנחמען האָבן אים באַגלייט.

עס איז שוין געווען סוף זומער. וואַרשע האָט אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי אַ שטאָט, וווּ עס איז כּסדר יום־טובֿ. עס איז געווען

די צײַט פֿון דער גרויסער פּראָספּעריטעט אין פּוילן, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג געעפֿנט דער רוסישער מאַרק פֿאַר דער פּוילישער אינדוסטריע. פֿאַבריקן זײַנען געוואַקסן ווי שוואָמען, איבער הויפּט טעקסטיל־ און לעדער־פֿאַבריקן. ייִדישע סוחרים האָבן פֿאַרפֿלייצט רוסלאַנד און סיביר מיט פּוילישע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, און פּרנסה האָט ניט געפֿעלט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז דײַטשלאַנד, וואָס האָט באַטראַכט רוסלאַנד ווי אירע אַ קאָלאָניע, האָט שטאַרק דערפֿילט די קאָנקורענץ פֿון דער פּוילישער אינדוסטריע און אָנגעהויבן קוקן קרום אויף דעם נײַעם קאָנקורענט. די רוסן, וועלנדיק זיך באַפֿרײַען פֿון דעם דײַטשישן מאָנאָפּאָל, האָבן געשטיצט די פּוילישע אינדוסטריע און דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן בײַ די ייִדן אין וואַרשע אַ שטימונג פֿון זיכערקייט און לוקסוס, ניט קוקנדיק אויף דעם אויפֿגעוואַכטן אַנטיסעמיטיזם און באָיקאָט. די רײַכע ייִדישע רעסטאָראַנען זײַנען געווען פֿול און מען האָט דאָרט באַקומען פֿון שענסטן און פֿון בעסטן. אויף מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס האָט מען געקאָנט זען די חסידישע טעכטער אויסגעפּוצט אין דער לעצטער מאָדע. און שיין זײַנען זיי געווען ווי פּרינצעסינס. און איך האָב געמוזט מודה זײַן פֿאַר מײַנע פּוילישע קאָלעגן, אַז אין ווײַסרוסלאַנד וואַקסן נישט אַזעלכע בלומען... מנחם האָט דעמאָלט אין זײַנער אַ פּאָעמע געשריבן, אַז דער אַספֿאַלט ברענט אונטער זייערע פֿיס. אַפֿילו די „ליטעראַרישע בײַלאַגעס“ — ווי מיר פֿלעגן רופֿן די מיידלעך, וואָס האָבן געזוכט די געזעלשאַפֿט פֿון די שרײַבערס — האָבן פֿאַרכאַפּט דאָס אויג. איך האָב געהאַט ביז וואַרשע אַ פֿאָראורטל צו די „ליטעראַרישע בײַלאַגעס“ און איך האָב זיי ניט ליב געהאַט. אין וואַרשע האָב איך געביטן מײַן מיינונג און שטאַרק מקנא געווען מײַנע וואַרשעווער קאָלעגן.

צווישן די „וואַרשעווער בײַלאַגעס“ איז געווען איינע אַ שיינהייט מיטן נאָמען אסתּרקע, צו וועלכער פּרץ איז ניט געווען גלײַכגילטיק. אָבער ניט נאָר פּרץ. אַלע שרײַבערס זײַנען געווען פֿאַרליבט אין איר. אויסער אסתּרקען זײַנען געווען נאָך אַנדערע, וואָס

האָבן ניט פֿאַרשעמט דעם כּישוף פֿון די חסידישע טעכטער. און איך האָב אײן מאָל פּרצן געזאָגט, אַז בלויז צוליב די חסידישע טעכטער בין איך גרייט צו בײַטן מײַן מתנגדישע „רעליגיע“ און ווערן אַ חסיד. קײן חסיד בין איך ניט געוואָרן, אָבער מיט אַ פּוילישער חסידישער טאָכטער האָב איך שפּעטער חתונה געהאַט.

ניט קוקנדיק אויפֿן גאַנצן יום־טובֿ, איז די ווילנער אָרעמקייט, ווי אַ טרײַע באַגלייטערין, מיר נאָכגעגאַנגען אויך אין וואַרשע און איך בין פֿעטער ניט געוואָרן, נאָר דאַרער.

אײן מאָל, ווען איך בין געקומען בײַ נאַכט אין צימער, וואָס איז געווען אין זעלביקן האָטעל, ווו נאָמבערג און רייזען האָבן געוווינט, איז נאָמבערג אַרײַנגעקומען אין מײַן צימער, זיך אַוועקגעשטעלט און מיך באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

— איר זעט ניט גוט אויס! — האָט נאָמבערג מיר געזאָגט.

— איך זע ניט אויס ערגער פֿון אײַך! — האָב איך אים געענטפֿערט.

— איך בין שוין אַזוי געבוירן געוואָרן... — האָט נאָמבערג טרויעריק געזאָגט — און מיר וועלן שוין קײן געשטאָפּטע גענדז ניט העלפֿן. אָבער איר זעט באמת ניט גוט אויס.
זאָגנדיק דאָס איז ער אַרויס.

אויף מאָרגן זײַנען נאָמבערג און רייזען אַרײַן צו מיר און מודיע געווען, אַז זיי האָבן זיך אויפֿגעלייגט און זיי שיקן מיך אַוועק אין אַ פּענסיאָן אין מיעדזעשין אויף צוויי וואָכן, איך זאָל פֿעטער ווערן. איך האָב דעמאָלט געוויגן 90 פֿונט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיך נאָמבערג אַוועקגעפֿירט אין מיעדזעשין, געבליבן מיט מיר אַ וואָך צײַט און כּסדר מיך צוגעזען. פֿון דעמאָלט זײַנען מיר געבליבן פֿרײַנד ביז זײַן לעצטן טאָג.

ווען איך קער זיך אום אין מײַן זכרון צו יענער צײַט און דערמאָן זיך, וואָס פֿאַר אַ האַרציקע באַציִונג עס איז דעמאָלט געווען צווישן ייִדישע שרײַבערס, ווי די עלטערע האָבן באַהאַנדלט די יונגע,

און מיט וואָס פאַר אַ רעספעקט די יונגע האָבן זיך באַצויגן צו די עלטערע, און פאַרגלײַך צו דעם גײַסטיקן חורבן נאָך דער ערשטער מלחמה, וועלן מיר די אויגן פײַכט.

## די בלאָפן פון אונדזער ליטעראַטור: שטאָט און שטעטל

— 1 —

בײַם ערשטן גוואַלד, מיט וועלכן אונדזערע אַזוי גערופענע „יונגע" האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזער שטילער ליטעראַרישער וועלט, איז פאַר מיר געשטאַנען איין פראַגע: ווי וועט זיך אונדזער לייענער־פובליקום באַציִען צו דער דערשײַנונג? איך האָב דערבײַ, נאַטירלעך, ניט געטראַכט פון די 99 פראָצענט יִדישע לייענערס, בײַ וועמען שמ"ר איז נאָך דאָס לעצטע וואָרט פון ליטעראַטור, נאָר בלויז פון דעם איינס פראָצענט, דעם אַזוי גערופענעם סולת, דעם קליינעם קרײַז אינטעליגענטע אַרבעטערס און די פאָר צענדלינג יִדישיסטישע אינטעליגענטן, וואָס מִיִען זיך אַרום אונדזער ליטעראַטור פון פאַרטיי־פראָגראַם וועגן. איך רעכן דאָ אויך אַרײַן אונדזערע אַנדערטהאַלבן קריטיקערס. דער רעזולטאַט האָט איבערגעשטיגן אַלע מײַנע טרויעריקע דערוואַרטונגען. די אַרבעטערס, צוזאַמען מיט די אינטעליגענטן, ווי די קריטיקערס, זײַנען איבער נאַכט, אָן וועלכן ס'איז אינערלעכן קאַמף, אַרײַנגעשפרונגען אין דער שרײַענדיקער, היסטערישער כאַליאַסטרע, פונקט ווי זיי וואָלטן צוזאַמען מיט איר געבוירן געוואָרן.

בײַ אַנדערע פעלקער, וועלכע זײַנען ניט אין פאַרגלײַך מער באַשאַנקען ווי מיר מיט אַ געפיל פאַר קונסט און ליטעראַטור, האָט דאָס אַנדערש אויסגעזען. די גאַנצע אינטעליגענץ האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום זייערע דיכטערס און קינסטלערס, און נאָר אַ קליינער טייל קאָמוניסטיש געשטימטע פאַרטיי־אינטעליגענטן, נאָך־מלחמה־יוגנט

און רײַכע, אויפֿגעקומענע מלחמה־שפּעקולאַנטן האָט זיך אויסגעטומלט מיט דער כאַליאַסטרע.

— פֿאַר וואָס טרויעריק? — וועט מיר פֿרעגן עמעצער פֿון אונדזערע קריטיקערס — דאָס באַווײַזט נאָר, אַז מיר זײַנען ווייניקער קאָנסערוואַטיוו ווי די אומות העולם.

דאָס וואָלט אפֿשר געווען אַ מעלה, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן געזעלשאַפֿטלעכע איבערצײַגונגען. בײַ קונסט, ליטעראַטור איז דאָס גאַנץ אַנדערש.

אַ געשמאַק אין קונסט איז ניט קיין זאַך פֿון איבערצײַגונג. דעם מענטשנס עסטעטיש געפֿיל — דאָס איז דער מענטש. עס איז זײַן פֿלייש און בלוט, וואָס קיין שום אויסערלעכע זאַך קען ניט ענדערן. עס איז זײַן קינדהייט, זײַן יוגנט, זײַן סבֿיבֿה, די נאַטור אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן, זײַן כאַראַקטער, זײַן טעמפּעראַמענט. עס איז אויסגעוואַקסן אין אים. עס איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון נאָכדענקען און קריטיק, פֿון וועגן און מעסטן. עס איז, קען מען זאָגן, אינסטינקט. אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט צווישן בערג, פֿון קינדהייט אָן אײַנגעזאַפּט אין זיך זייער אייגנאַרטיקע שיינקייט, קען ניט איבער נאַכט איבערגעצײַגט ווערן פֿון יענעם באַזונדערן חן, וועלכער רוט אויף ברייטע אומענדלעכע סטעפּעס.

איך האָב געזען אין דער שווייץ רוסן, וואָס האָבן זיך פֿיזיש געשטיקט צווישן די בערג. עס האָבן געפֿעלט פֿאַר זייערע אויגן די ווײַטע האָריזאָנטן. פֿאַרקערט, אַ שווייצער האָט מיר דערציילט, אַז ער פֿלעגט אין רוסלאַנד באַקומען קאָפּשווינדל, ווײַל זײַן אויג האָט ניט געהאַט קיין אָנהאַלט. מיר קענען זיך ניט באַפֿרײַען פֿון געוויסע פֿאַרבן, וועלכע האָבן אין אונדזער ערשטער יוגנט געמאַכט אויף אונדז אַ באַזונדערן אײַנדרוק. מיר קלײַבן־אויס אונדזער פֿרײַען אידעאַל ניט נאָכן אָביעקטיוון געשמאַק. יעדער האָט זײַן גוסט, מיט וועלכן ער לעבט זיך אויס. דאָס זעלביקע איז אויך מיט דער ליטעראַטור און קונסט. בײַ נאָרמאַלע פֿעלקער לעבט זיך דער דיכטער און די שול אויס מיט זייער דור. עס איז דערפֿאַר, ווײַל בײַ זײַן לייע־

נער איז עס ניט קיין פּאַרטיי־פּראָגראַם און אויך ניט קיין מאָדעזאַך. דער שרײַבער בײַם לייענער איז אַ זאַך, וואָס פֿולט־אויס אַ טייל פֿון זײַן איך. עס איז אַ נויטווענדיקייט. דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ באַציִונג איז, וואָס די שול לעבט זיך אויס מיט איר דור און סבֿיבֿה. זי פֿאַרענדיקט זיך. זי רײַסט זיך אין מיטן ניט איבער. זי וואַקסט־אויס אין אַ גאַנצן אַרכיטעקטאָנישן בנין. זי בלײַבט ניט שטיין ווי אַ ניט־דערבויטע חורבֿה. זי דערגרייכט ביזן העכסטן שפּיץ פֿון אירע מעגלעכקייטן און לאָזט־איבער אַ גרויסע און רײַכע ירושה.

מיר האָבן אויף דעם געביט דעם עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן. די צײַט האָט באַוויזן, אַז דער דיכטער בײַ אונדז לעבט זיך ניט אויס מיטן לייענער. פֿאַרקערט, ער לעבט אים איבער. איידער ער באַווײַזט נאָך רײַף צו ווערן, דורכצוגיין אַ האַלבן וועג פֿון זײַן שאַפֿן, דערזעט ער זיך פּלוצלינג ווי חוני המעגל, אין אַ פֿרעמדן פּובליקום. די לעבנסלענג פֿון אונדזערן אַ לייענער, פּונקט ווי פֿון אונדזער אַ פּשוטן פּאַרטיי־מיטגליד, שטײַגט ניט איבער די פֿינף און דרײַסיק יאָר. ווײַל: אָדער ער האָט חתונה און באַקומט קינדער, הערט ער אויף צו לייענען, אָדער — אויב ער האָט אַ גײַסטיקן אינטערעס — לערנט ער זיך אויס אַן אַנדערע שפּראַך און באַפֿרידיקט אויף איר זײַנע גײַסטיקע באַדערפֿעניש. דאָס איז מיטן פּשוטן לייענער. מיט אונדזער פּאַרטיי־אינטעליגענץ, די אַזוי גערופֿענע פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישיסטן, וועלכע טומלען זיך און פּאָרען זיך אַרום אונדזער קולטור און ליטעראַטור, איז די גאַנצע געשיכטע בלויז אַ פּאַרטייזאַך, אַ פּונקט אין פּראָגראַם. בײַ אַנדערע — אַ מין אײַנריידעניש, אַ מאָדע. בסך־הכּל לעבן זיי גאָר פּריוואַט מיט אַן אַנדער שפּראַך און אַן אַנדער קולטור. וואָרעם ווי לאָזט זיך עס דערקלערן, ווען מענטשן, וואָס האָבן צוואַנציק, פֿינף און צוואַנציק יאָר געלעבט און געאָטעמט מיט פּרצן און אַשן, מיט מענדעלען און שלום עליכמען, זײַנען אין אָט דער ליטעראַטור געבוירן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן, זאָלן איבער נאַכט ווערן פֿוטוריסטן און שרײַען פּראָלעטאַרישע קולטור. מענטשן וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט מיט דער ראָמאַנטיק פֿון דעם קליינעם

שטעטל און זײַנען נאָך פֿאַקטיש ביז איצט פֿון איר ניט אַרויס, װאָלן פֿלוצלינג װערן אָנהענגערס פֿון גרױסשטאָטישן רעש, נאָך אײדער די שטאָט האָט בכלל איר קונסטפֿאָרעם געשאַפֿן, װײַל זי איז נאָך אַלײן ניט פֿאַרענדיקט און איז ערשט בײַם אָנפֿאַנג פֿון איר אַנטװיקלונג אָדער, בעסער געזאָגט, פֿון איר אונטערגאַנג.

דאָס אַלץ באַװײַזט, אַז דער ייִדישער שרײַבער לעבט און שרײַבט אין אַ גײַסטיקער פּוסטקע, אַז ער איז מער ניט װי אַ שפּילצײַג בײַ פּאַרטײ־קרעמערס, אַ מין רעקלאַמע אין די װיטרינעס פֿון די פּאַרטײ־לאָקאַלן. דאָס באַװײַזט, אַז אַלע פּאַרטײיִשע ליטעראַטור־ספּעצן האָבן ניט יענע אינערלעכע באַציִונג צו דער ייִדישער ליטעראַטור און ניט צו דער ייִדישער קולטור. עס איז בײַ זײ בלױז אַ געמאַכטע זאַך, אַ קאָפּזאַך. דער ייִדישער דיכטער לעבט אין אַ װיסטע און שאַפֿט אין דער גרעסטער קינסטלערישער אײנזאַמקײט, װאָס די װעלט האָט אַ מאָל געזען. און די גאַנצע ליטעראַטור איז בלױז אַ װיזיע, װײַל דאָרט װוּ דער דיכטער לעבט זיך ניט אױס מיט זײַן דור, איז ער פֿאַרמשפּט אױף האַלבער אַרבעט, אױף אַ טיפֿער אינערלעכער צעבראָכנקײט, און דאָס אַלץ האָט אױך געבראַכט די דערשײַנונג, װאָס אַ טײל פֿון אונדזערע דיכטערס מיט אַ שװאַכן כאַראַקטער, האָבן גענומען זיך אַלײן פֿאַרלײקענען.

קען דען זײַן אַ גרעסערער דורכפֿאַל פֿון אַ ליטעראַטור װי אַזעלכע דערשײַנונגען?

— 2 —

צװישן די פֿאַרשײדענע זײפֿן־בלאָזן, װעלכע אונדזער ייִדישיסטישער אינטעליגענטער המון און פּאַרטײ־קולטור־קרעמערס האָבן אַרױסגעלאָזן אין אונדזער פּרעסע, איז אױך די פּראָבלעם שטאָט און שטעטל. עס זאָל הײסן בײַ זײ, אַז די ייִדישע ליטעראַטור ביז אָקטאָבער 1918 (אין דער דאַטע זײַנען אײַנשטימיק אונדזערע פּאַרטײ־ספּעצן, לינקע און רעכטע) איז באַנקראָט, װײַל זי איז קלײנשטעטלדיק, ראָמאַנטיק, חלום, נאַטור. די נײַע ליטעראַטור מוז זײַן גרױס־

שטאָטיק, געראַנגלעניש, האַסט, טומל, דינאַמיק, ראַדיאָ, אויטאָ, סאָבוויי, היגטערשטעטיקע מיסטקאַסטנס, די פּאָעזיע פֿון געפּגרטע קעץ, רעסטאָראַנען־עיפּוש, פֿאַבריקן־רויך, מאַשינען־רויך, פּראָסטיטוציע, ביליקע פֿאָרשטאָט־שענקען, אַזילן, באָסיאַקעס, באַריקאַדן, רויטע פֿאָנען, הור־האַ, און איבער אַלץ די באַרימטע אָלגינס, די כּישוף־מאַכערין, וואָס שרײַט „קוקס, קוקס, קוקס“, ווײַל דער בחור הזעצער האָט געהאַט אַ טעות און פֿאַרביטן דעם בית אויף אַ קוף [1].

די דאָזיקע גאַנצע לאָזונג קומט פֿון קיִעוו, אַ שטאָט ווו אַ גרופּע שטאָטישע אינטעליגענטן האָבן ענדלעך אַנטפּלעקט, אַז זייער באַקאַנטער שטאָטישער לשון, האַלב טײַטש, פּאָלאָווינע רײַסיש, האָט געפֿונען אַ קינסטלערישן תּיקון אין דעם מאָדערנעם פֿוטוריזם, ווײַל אַ ביסל צעבראָכענע און גראַפֿאָמאַנישע קרעמערשע אינטעליגענטישקייט האָט דערפֿילט, אַז אין זייערע פּרוכטלאָזע און פֿאַרוואָרלאָזטע מוחות, ווו עס קען געדײַען בלויז ווילדגראָז, איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ נײַער דאָרן, אַ נײַע שפּײַז פֿאַר דעם לייענער־קעמל פֿון דער ייִדישער ווײַסטע, און אויסלייענענדיק אַ פּאָר אַרטיקלען פֿון די רוסישע פֿוטוריסטישע זשורנאַלן און אָנשטאָפּנדיק זיך מיט מאַיאַקאָווסקיס קונצן־מאַכערײַ, האָבן זיי געפֿונען אַ נײַע עקסט־מאָדערנע לאָזונג. אָ, אונדזער אינטעליגענטישקייט איז תּמיד עקסט־ראַדיקאַל און שאַרף מאָדערן! און עס איז געווען אויך אָנגענעם, ווײַל די טאַלאַנטלאָזיקייט האָט שטענדיק ליב צו גראָבן אַ קבֿר פֿאַרן טאַלאַנט. עס איז דאָ אַ נאַטורהאַס צווישן די צוויי לאַגערן, און די רעוואָלוציע איז שטענדיק די ריכטיקע צײַט, ווען יעדער פּאַס־אָראַטאָר און גאַסן־שרײַער ווערט אַ פֿירער און אַ דיקטאַטאָר.

שטאָט און שטעטל.

---

[1] דאָס איז דער באַקאַנטער, העכסט קאָמישער וויץ: דער שרײַבער האָט געשריבן וועגן די ניו־יאָרקער הײַזער: קובס, קובס, קובס. האָט דער זעצער געזעצט: קוקס, קוקס, קוקס. איז געקומען אָלגין און געמאַכט מיט גרויס התפּעלות דעם פּירוש פֿון אַ מכשפה, וואָס שרײַט איבער אַלע ניו־יאָרקער דעכער: קוקס, קוקס, קוקס...

צו ערשט זײַנען געקומען אונדזערע עקאָנאָמיסטן. אונדזער אינטעליגענטישקייט איז זייער באַהאַוונט אין עקאָנאָמיע. ליבע, נאַטור, ליטעראַטור, קונסט, מוזיק — אַלץ ווערט בײַ זיי דערקלערט מיט עקאָנאָמיק. אַפֿילו אָרטאָגראַפֿיע. און דער עקאָנאָמישער האָראָסקאָפּ פֿון די רוסישע פֿאַרהעלטעענישן האָט באַוויזן, אַז דאָס שטעטל אין רוסלאַנד גייט־אונטער. עס שטאַרבט־אויס עקאָנאָמיש. און אויב דאָס שטעטל שטאַרבט־אויס, מוז דאָך עפּעס אַנדערש, נאָך דער עקאָנאָמיק, פֿאַרנעמען זייער אָרט. מוז דאָך דאָס מסתּמא די שטאָט זײַן. פֿון קרימער קאָלאָניזאַציע, פֿון דאָרף, האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוווסט. און אויב שטאָט, איז דאָס קיִעוו? האָט די דאָרטיקע אינטעליגענטישקייט צוזאַמענגעשטעלט אַ רעצעפּט פֿון שטאָט־פּאָעזיע: טראַמוויַ, טעלעגראַפֿנע דראָטן, טעלעגראַפֿנע סטאָלבן, וואָקזאַל, שינעס, לאָקאָמאָטיוו און רורערס פֿון קאָלאָניזאַציע:

שטאָט !
דו האָסט מיר פֿון ווײַטן געַרופֿן
מיט הודיען פֿון דראָט,
— — — — — — — — —
מיט פֿײַפֿן פֿון צוגן,
— — — — — — —
מיט ציטער פֿון רעלסן,
— — — — — — — —
מיט הערץ פֿאַרוואָרצלט אין טיף פֿון דער ערד,
געכליפּעט, געגריזעט,
— — — — — — —
פֿאַרקניפּט און פֿאַרגאַרטלט מיט רעלסישע שלאַנגען,
באַפֿלאָכטן, באַהאַנגען
מיט שפּינוועבס פֿון דראָט.

דוד האָפֿשטיין / „רויטע בליטן“

אין דעם דאָזיקן ליד, ווי מיר זעען, געשריבן נאָך דעם רעצעפּט פֿון דער אינטעליגענטישקייט, ווערן צוויי מאָל איבערגעחזרט די טע־לעגראַפֿנע דראָטן, צוויי מאָל די רעלסן, אַלץ זאַכן, וואָס מען קען,

ברוך השם, זען אין אַ דאָרף אויך און אין אַ קליין שטעטל. פון אַן אונטערערדישער באַן און אַן איבער־דעכער־באַן, פון דעם שפּאַרעניש צווי אַ זייגער אין „סאָבוויי“, ווי מיר זעען דאָס אין אַ גרויסער וועלט־שטאָט, האָבן זיי ניט געוווּסט. אויך פון אויטאָמאָבילן ניט. און די יערלעכע 70 טויזנט אויטאָ־הרוגים זײַנען זיי ניט געווען באַקאַנט. געהרגעט איז מען אויך דאָרט געוואָרן, אָבער ניט פון אויטאָבוסן, נאָר פון מאַלאָרוסן... און אָט אין נאָמען פון דער דאָזיקער קליינ־שטעטלדיקער גרויסער שטאָט אָדער, ווי דער דיכטער איז זיך אַליין מודה, „ווי ער זעט זי פון זײַן דאָרפישן צימער“, האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „קליינשטעטלדיקער ליטעראַטור“ ביז אָקטאָבער 1918. וואָרעם באמת, ווי קומט דאָס קליינשטעטל, דאָס שטילע, אידיי־לישע, מיט זײַנע לבֿנה־נעכט, אין רויִקייט, אין נאַטור־ראָמאַנטיק, צו „רעוואָלוציע“, „גערעאַנגל“, „דיקטאַטור“ און „טשע־קאַ“, אַז סך־הכּל — האָט צו מיר אין פּאַריז אויף אַ פֿאַרזאַמלונג געשריִען אַזאַ מין פּראָלעט־קולטורניק — „האָבן מיר אין דער ערד אײַערע לבֿנה־נעכט מיטן טײַכל, מיטן וואַלד, מיט דיביימער, מיט דער ליבע?! גיט אונדז — מיסטקאַסטנס, געפּגרטע קעץ, האַלב־ און גאַנץ־צוגעפוילט... מיר האָבן ליב ניט קיין באַלעבאַטישע מיידלעך, נאָר גאַסן־פרויען... גיט אונדז דעם שווייס פון זייערע בעטן... מיר האָבן פײַנט דעם רויזן־ריח... אונדז שמעקט דער ריח פון די גרויסשטאָטישע רעסטאָראַנען — גיט אונדז גערעאַנגל, הוראַגאַנען, רעוואָלוציע, רעדער, שרויפן, דינאַמאָ־מאַשינען, דינאַמיט, מיט איין וואָרט — דינאַמיק!... דאָס „וויל דער אַרבעטער“. דער דאָזיקער בחור איז סך־הכּל מיט עטלעכע חדשים צוריק געקומען פון אַ פּוילישן קליינשטעטל און געאַרבעט האָט ער אין אַ שאַפּ, וווּ מען האָט גענייט בעטעלעך...

אויך ער האָט נאָך פּאַריז געזען פון זײַן דאָרפישן חדרל...

אַז איך האָב אים געפרעגט, און געפרעגט האָב איך אויך די גאַנצע אינטעליגענטישקייט, פֿאַר וואָס לויפן דאָס אַזוי די מיליאָנען אַרבעטערס יעדן זונטיק און יעדן יום־טובֿ פון דער שטאָט צום וואַלד, צום טײַכל און צו די רויזן? פֿאַר וואָס שטייען אין אַ זונטיק צוגן

אויף די ליניעס, וואָס פֿירן צו דער נאַטור? פֿאַר וואָס שיקן די אַר־בעטער־פֿאַמיליעס זייערע קינדער אין דאָרף אַרײַן? און נאָך אַ סך קשיות... איז געווען דער ענטפֿער דער זעלביקער: דאָס שטעטל גייט־אונטער אין רוסלאַנד. און די שטאָט, ווי זעט־אויס: פּעטראָגראַד אָדער לעניגראַד, סטאַלינגראַד אָדער קאַלינינגראַד? גייט זי ניט אונטער? איז זי ניט האַלב חרובֿ? נאָר דאָ וועסטו דאָך ניט העלפֿן. אַרגומענטן זײַנען פֿאַר אונדזערע כּלנו חכמים ניט גילטיק. בײַ די דראָטן מיט די שינעס איז מען ניט געבליבן שטיין. אין דער צײַט־ווײַליקער אָדער פּערמאַנענטער עמיגראַציע האָט מען זיך באַקענט אויך מיט ראַדיאָ, מיט די אומזויבערע האָטעלן, מיט די הינטער־גאַסיקע שענק און ווינקלגאַסיקע פֿרויען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָעזיע פֿון שנעלן אײַנדרוק. אַ רוסישער, אַזאַ פּראָלעטקולטניק, אָפּזײַענדיק אין בערלין פֿיר וואָכן (דרײַ וואָכן קאַפֿע און איין וואָך נאַכטלאָקאַל) האָט אָנגעשריבן אַ קלאָגליד אויף די „וואָראָבייטשיקעס“, ווײַל דער אויטאָ האָט אַרויסגעשטויסן די פֿערד פֿון שטאָט, האָבן די וואָראָבייטשיקעס פֿאַרלוירן זייער חיונה. די גאַסן זײַנען שוין ניט פֿול מיט דער „פּרנסה“, וואָס די פֿערד פֿאַרלירן אין אײַלעניש. און אַז עס האַלט שוין אַזוי ווײַט, האָט מען זיך גענומען צו דער שטאָט־די־נאַמיק. דינאַמיק בײַ אונדזערע נײַע דיכטערס הייסט: שנעלשרײַבן, שנעלריידן, אַזוי שנעל, אַז די אויערן קענען ניט הערן, וואָס דאָס מויל רעדט. דינאַמיק איז ריידן פֿון וועג, פֿון היץ, אָן אַן אָטעם, פֿאַר־סאָפּעט:

אויטאָס, דראָטן, מיידלעך, בריסט,
באַריקאַדן,ברידער שיסט,
רעדער דרייען, הענער קרייען,
און אַ יולדת גייט אין ווייען.
פּלאַט פּלאַקאַטן אויף די ווענט
און סאָלדאַטן רויטע, ברענט...
ברענט אַ וועלט אַ גאָרע וועלט.
אין געראַנגל...
מאַנגל...

וראַנגל...
טינגל־טאַנגל...
סיפיליס...
טיפליס...
האַרטער שאַנקער...
טריפּער...
ווייפּער...
און אַ קראַנקער,
אין שפּיטאָלן.

באַנדעראָלן... טיגער־פעלן.
מיר די יונגען ליגט נאָך סאָניע
טוען מאָלן... אינעם בעטל?
מאָלן, מעלן, נידער מיט דעם קליינעם שטעטל!

און אַזוי גאַנצע וואַגאָנען, עשאַלאָנען מיט דיכטערס.

דער שרײַבער בערגעלסאָן האָט ניט לאַנג צוריק אין פּאַריז, צווישן די זיבן הייליקע ווונדער פֿון רוסלאַנד, מודיע געווען, אַז אין מינסק אַליין געפֿינען זיך פֿינף הונדערט דיכטערס אָרגאַניזירט אין אַ דיכטסאָיוז. עס איז דאָ וואָס צו זען! ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז יעדער מאָדערנער דיכטער שרײַבט צען לידער אַ טאָג, דאָס איז אַ מינימום, וואָרעם אונדזערע באַווײַזן אַ גרעסערע פּראָדוקטיוויטעט — אין רוסלאַנד מאַכט מען מער לידער איבערן האַמער, ווי האַמערס — וועט דאָס אויסקומען פֿינף טויזנט לידער אַ טאָג. אַ יאָר פֿאַר מינסק אַליין — 800.000 לידער! און וואָס איז קיִעוו?

איצט קען מען שוין אַליין באַגרײַפֿן, פֿאַר וואָס פּרץ און מענדעלע און שלום עליכם, און אַלע ביז אָקטאָבער 1918, זײַנען גאָרנישט מיט גאָרנישט.

— קליינשטעטלדיקע!

— 3 —

וועלן מיר צו ערשט נעמען רעוואָלוציע, געראַנגל און שטאָט.

„די שטאָט איז רעוואָלוציע, די שטאָט איז דאָס אָרט, ווו עס ווערן קאָנצענטרירט רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטן. זי ברויזט פֿון צאָרן, קאָכט פֿון פֿאַרביטערונג; זי איז דער ריזיקער באַרג דינאַמיט. די שטאָט איז דער רעזערוואַר, ווו אַלע שטרעבנדיקע און אין פֿאָרויס־רײַסנדיקע כּוחות זײַנען פֿאַרזאַמלט. די שטאָט איז דאָס שלאַכטפֿעלד, ווו עס קומט־פֿאָר דער געראַנגל פֿון די צוויי וועלט־כּוחות — אַרבעט און קאַפּיטאַל. די שטאָט איז פֿאָרשריט, טעכניק. די שטאָט איז אַלץ, וואָס איז ניט קאָנסערוואַטיוו. די שטאָט איז די צוקונפֿט און איר קונסט און פּאָעזיע, איר ריטעם און עסטעטיק געהערט דער קונסט“,

לאָמיר זשע זען, ווער האָט געמאַכט אין רוסלאַנד די רעוואָלוציע,
די שטאָט אָדער דאָס דאָרף? ווער איז די דאָמינירנדיקע קראַפֿט אין
רוסלאַנד, די שטאָט אָדער דער דאָרף? וויפֿל פּראָצענט פּויערים
זײַנען אין דער רויטער אַרמיי און וויפֿל פּראָצענט אַרבעטערס.
און דער רוסישער אַרבעטער אַליין — וויפֿל פּראָצענט ליגט ער נאָך
גײַסטיק און מאַטעריעל אין דאָרף? לאָמיר ווײַטער זען, ווער איז צו
ערשט חרובֿ געוואָרן אין דער רעוואָלוציע, די שטאָט אָדער דאָס דאָרף?
ווער האָט באַנקראָטירט אין זײַן שאַפֿן, די שטאָט אָדער דאָס דאָרף?
און ווער שלאָגט זיך און קריכט פֿון דער בלאָטע און קען ניט אַרויס־
קריכן, די לאַנדווירטשאַפֿט אָדער די אינדוסטריע? זען זעט דאָס אויס,
אַז די דאָמינירנדיקע קראַפֿט זײַנען די 75 פּראָצענט פּויערים, ניט
די 15 פּראָצענט אַרבעטער. הײַנט וואָס פֿאַר שײַכות האָט די שטאָט־
קונסט צום דאָרף. איז דען ניט דאָס דאָרף — נאַטור, ראָמאַנטיק,
סטאַטיק, רו און אידיליע? האָט גראָד דער וואַלד און דאָס טײַכל און
די ברייטע, ריינע הימלען און די גאָלדענע קאָרן־פֿעלדער און דאָס
שטילע ווינטל איבער זיי, און דאָס מורמלען פֿון טײַכל און די בע־
ריאָזקע געמאַכט די רעוואָלוציע? און אויך דאָרט האָט געקאָנט פֿאָר־
קומען דאָס גערגאַנגלעניש. אָן פֿוטוריזם, אָן רעלסן און טעלעגראַפֿנע
דראָטן. און צווישן אונדז גערעדט, מײַנע ליבע ס.ס.ישע אינטעלי־
גענטישקייט פֿון קיִעוו, די שטאָט: איז דאָך יעסענין, אָט דער פּויער
מיט זײַנע האַרציקע, אויפֿריכטיקע פּויערישע לידער, ווו די בעריאָז־
קע וויגט זיך און די זאַווערוכע פֿײַפֿט און די גלעקלעך קלינגען אין
די זילבערנע נעכט, אַ גרעסערער דיכטער ווי אַ מאַיאַקאָווסקי דער
קונצן־מאַכער. יעסענינס לעבן און טויט האָט געמאַכט אַ טיפֿערע
ווירקונג אויף דער רוסישער יוגנט ווי מאַיאַקאָווסקי. אָט די אַלע
צענטראַלעוועץ צוזאַמען. און ווער עס האָט אויפֿמערקזאַם געלייענט
יעסענינען, דער האָט געקענט זען, אַז זײַנע אמתע, שיינע לידער זײַנען
די, ווו עס אָטעמט די נאַטור־ראָמאַנטיק, ניט די כוליגאַנישע לידער.
און צווישן אונדז גערעדט: פֿון וואַנען שטאַמט אונדזער אינטעליגענ־
טישקייט אַליין, אויב ניט פֿון די קליינע שטעטלעך, די אינטעליגענ־

טישקייט מיט איר גאַנצן פאַלשן געראַנגל און ס.ס.ישע קאָפּ־מאַשינען?...

גראָד די אמתע, גרויסע וועלטשטעט האָבן די לעצטע יאָרן אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּע פעיִקייט צו רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער אמתער גרויסשטאָטישער טראָגט אין די ביינער אַ גרויסע מידקייט און אַן אינערלעכע פּאַסיוויטעט. דער אייביקער געראַנגל פאַרן דאָ־זײַן, דאָס אייביקע יאָגעניש, דער געצווונגענער הו־האַ, האָט אין אים אַנטוויקלט אַן עקל צום שטורעם און אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך רו. דער גרויסשטאָטישער איז צו מיד, צו געשפּאַנט, צו נעוואָראַסטעניש, ער זאָל פעיִק זײַן אויסצוהאַלטן אַ וואָך רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע אין דער גרויסער שטאָט איז דורך־און־דורך אַ מעכאַנישע, אַן אויסערלעכע, בשום אופן ניט קיין אינערלעכע, ניט קיין גײַסטיקע. דאָס לעבן איז רעוואָלוציאָניזירט פון דרויסן, פון דער באַוועגונג, פון די אויטאָמאָבילן, פון דער מאָטאָרישער שנעלקייט. אינערלעך איז דער גרויסשטאָטישער דורך־און־דורך פּאַסיוו. אמת, די גרויסע שטאָט איז פעיִק אויף עקספּלאָזיעס, אָבער נאָר אויפרײַסן מאָמענטאַל. אויף אַ גרויסער, אײַנהייטלעכער, אויסגעבויטער באַוועגונג מיט אַן אויסדויער־קראַפט איז זי ניט פעיִק. יעדע באַוועגונג מוז אין דער שטאָט פאַרוואַסערט ווערן, פאַרשווינדן אין דער קאָלאָסאַלער מאַסע, פאַרטרונקען ווערן.

ווער עס רעדט פון דער צענטראַליזירטקייט פון דער גרויסער שטאָט, יענער האָט זיכער די גרויסע שטאָט ניט דורכגעלעבט. אמת, מעכאַניש איז די גרויסע שטאָט צענטראַליזירט. דאָס ליכט שטראָמט פון איין צענטראַלע; דאָס וואַסער, דער גאַז, טעלעפאָן, פאַרקער, שפּײַז־פאַרטיילונג, פּאָליציי, רעטונג־וועזן; אָבער פּסיכאָלאָגיש איז די שטאָט אַ בבל, אַ קעסלגרוב, אַ כאַאָס. די שטאָט איז פול מיט ניואַנסן און איבערגאַנגען, מיט שאַטירונגען און אַלערליי אָפּווײַכונגען. צווישן איין קלאַס און צווייטן ליגן טויזנטער מדרגות. פון לומפּן־פּראָלעטאַריאַט ביזן גרויס־קאַפּיטאַליסט שטײַגן טויזנטער סאָציאַלע שטאַפּלען מיט פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע אײַנשטעלונגען. איך רייד שוין

ניט פֿון די הונדערט טויזנטער אויסלענדערס פֿון אַלע עקן װעלט, װאָס אַ מאָדערנע װעלטשטאָט פֿאַרמאָגט און װעלכע זײַנען װעלטן פֿאַר זיך. און ביז איצט איז נאָך ניט געפֿונען געוואָרן יענער צעמענט, װאָס זאָל דאָס אַלץ צוזאַמענקלעפּן. און װי קען אַ גרויסע שטאָט שאַפֿן די אײנהײטלעכע פּסיכיק? װען זי צערײַסט מענטשן אַנשטאָט צו פֿאַראײניקן זײ. עס האָט נאָך קײן מאָל ניט געהערשט אַזאַ אײנזאַמקײט װי די גרויסע שטאָט האָט געשאַפֿן, אַזאַ טיפֿער אומצוטרוי פֿון מענטש צו מענטש, אַזאַ װילדער, פֿאַרצװײפֿלטער קאַמף פֿאַרן דאָזײַן. עס װױנען דאָך יאָרן לאַנג מענטשן אין אײן הויז, טיר קעגן טיר, און קענען זיך ניט. עס איז אינטערעסאַנט, אַז גראָד די לענדער, װוּ די קלײנשטעטלדיקע פּסיכיק איז נאָך דאָמינירנדיק, הערשט אַ גרעסער קאָלעקטיװ געפֿיל בײַ די מאַסן. עס געפֿינען זיך שטאַרקערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס װי דאָרט, װוּ דער גײַסט פֿון דער גרויסשטאָט איז שטאַרקער.

די שטאָט איז בשום אופֿן ניט קײן פֿאָרבילד פֿון אַ סאָציאַלער אײנהײט. זי איז גיכער אַ שטאָלענער שפּינװעבס, װוּ עס ליגן געפֿאַנגען מיליאָנען שיקזאַלן און לעבנס, געצװוּנגען דורך נויט דאָרט צו זײַן אָדער אַרײַנגענאַרט דורך דעם פֿאַלשן אויסערלעכן גלאַנץ. און נאָך קאָמישער זעט דאָס אויס, װען מען רעדט פֿון אַ שטאָטעסטעטיק, פֿון אַ שטאָט־פּאָעזיע און אַ שטאָטקונסט.

צו ערשט, נאַטירלעך, קומט װידער די דינאַמיק. װען מען רעדט פֿון דינאַמיק אין דער קונסט, מײנט מען תּמיד די אינערלעכע דינאַמיק, בשום אופֿן ניט די אויסערלעכע מאָדערנע „לעקערט פּאַטעטן״, און אונדזער אינטעליגענטישקײט נעמט בכלל אויף זײער קאָפּעמעסיק די קונסט און די פּאָעזיע. זײ האָבן אויף אַלץ אַ באַשטימטן רעצעפּט, װי די גוטע שװינדל־דאָקטוירים די פּראָשקעס... בײַ זײ הײסט דינאַמיק: קורצע שורות, אויסערלעכער האַסט, טאַ־טאַ־טריטאַ... װען אַן אַקטיאָר שטעלט זיך אַװעק אויף דער סצענע און שרײַט װי אַ געװינערין און װאַרפֿט מיט די הענט װי אַ חולי־נופֿלים און צאַפּלט מיט די גלידער, װי אין דער גסיסה אָדער װי בײַם טאַנצן

דעם טשאַרלעסטאָן, הייסט דאָס אַ דינאַמישער טעמפּעראַמענט. אָדער װען אַ קינסטלער מאָלט אַ שטוב, װי אַ באָמבע װאָלט איר צעריסן — די װענט משופּע, דעם דאַך אױף דער ערד, דעם פּאָל אין דער הייך, דעם קוימען װי בײַ אַ שיכּור דער צילינדער, דעמאָלט הייסט דאָס — באַװעגונג, דינאַמיק. אין דער אמתן איז דאָס גאָר קיין דינאַמיק ניט. עס איז — װאַריעטע־קונצן. דינאַמיק אין דער קונסט איז עפּעס אַנדערש. עס איז די באַהאַלטענע, אונטער דער פֿאָרעם. עס איז דער אַרטיסט, װאָס רעדט דוכט זיך שטיל, רויִק, נאָר מיט אַזאַ טאָן, מיט אַזאַ אינטאָנאַציע, מיט אַזאַ געפֿיל, אַז ער דערשיטערט אונדז ביז אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דער נשמה. װען דער באַרימטער אַרטיסט מאָיסי דעקלאַמירט אין שילערס „רויבער“ דעם חלום פֿון פֿראַנץ מאָר, װוּ די פֿיבער־װיזיעס פֿון עמק יהושפֿט דערגייען צו דער העכסטער שטופֿע, די שפּאַנונג איז צום פּלאַצן, פֿאַלט דער טאָן. עס גייט דורכן זאַל דורך װי אַ פֿליסטערן און גראָד אין דעם געשפּאַנטן, שטילן פֿליסטערן ליגט אַזױ פֿיל שױדערלעכס, אַז עס ציטערט־אױף. אין איין אָדערל, אין איין מוסקל פֿון דירערס אַ געצייכנטער האַנט ליגט מער דינאַמיק װי אין די מאָדערנע שטאָטשמירערײַען. אין מיקעל אַנדזשעלאָס „זיגער“ ליגט מער דינאַמיק װי אין די מאָדערנע אַרבעטער־פּנימער, די פֿאַרקרימטע מיט די װילדע גרימאַסן פֿון די פּראָלעטקולטישע מאָלערס. אין געטעס פּראָמעטײ אָדער מחמד ליגט מער אױפֿרײַסנדיקע קראַפֿט װי אין דער מאָדערנער פֿאַבריצירטער פֿאַבריק־פּאָעזיע און גראַפֿאָמאַנישע שטיק.

דינאַמיק אין דער קונסט איז די געפּרעסטע, די געפֿורעמטע, דער צימצום, אַ גרויסע קראַפֿט אײַנגעזאַמלט אױף אַ קליינעם רום — אַפֿילו אין דער טעכניק ליגט מער פּאָעזיע אין דעם קליינעם הענטל, װאָס פֿאַראייניקט אָדער האַקט־אָפּ טױזנטער װאָלטשטראָמען, אין דעם רויִקן, זיכערן זשעסט, װאָס דער אַרבעטער מאַכט בײַם עפֿענען אָדער שליסן דעם שטראָם, װי אין דעם קראַכן פֿון אַ דונער. װען דער מעכאַניקער לאָזט גיין מיט אַ שטילער באַװעגונג פֿון דרײַ פֿינגער אַ מאָטאָר פֿון צװעלף טױזנט פֿערדקראַפֿט, איז אין

דער באַוועגונג פֿון די פֿינגער דאָ מער קראַפֿט, ווי אין דעם מאָטאָר. אמת, עס איז סימבאָלישע קראַפֿט. די דרײַ פֿינגער פֿון מעכאַניקער שטעלן־פֿאָר יענעם גרויסן ווונדער, וואָס ליגט אין מענטשן, די שטילע, די באַהערשנדיקע קראַפֿט פֿון מענטשלעכער אינטויציע, פֿון מענטשלעכער געניאַליטעט. יענע קראַפֿט, וועלכע שמידט די נאַטור־עלעמענטן זיצנדיק בײַ אַ לאָמפּ אין קאַבינעט אין אַ שטילער נאַכט בײַ לאַנגע רייען פֿון ציפֿערן און ליניעס, וואָס מעסטן די אומענדלעכקייט, וועגן די שטערן און באַהערשן די סטיכיע.

... ווען מיר קוקן אויף דער שטאָט פֿון עסטעטישן שטאַנדפּונקט, מוזן מיר זיך שטעלן פֿאָלגנדיקע פֿראַגעס: ערשטנס, צי פֿאַרמאָגט די מאָדערנע שטאָט בכלל אַ סטיל, צי האָט זי שוין עס געשאַפֿן? צווייטנס, אויב נישט, צי האָט זי אַ צוקונפֿט, צי גייט די אַנטוויקלונג צו דער שטאָט אָדער צו דעם קינפֿטיקן קליינשטעטל? נאַטירלעך, בײַ דער פֿראַגע פֿון סטיל מוזן מיר שטרענג אָפּטיילן די קאַפּיטאַליסטישע שטאָט פֿון דער מיטל־עלטערלעכער שטאָט. דער אונטערשייד פֿון זיי איז ווי פֿון דעם האַנטווערקער, וואָס האָט אין מיטל־עלטער אַליין געשאַפֿן מיט די אייגענע הענט די אַלע שיינע זאַכן, וואָס מיר באַוווּנדערן איצטער, צו דעם אַרבעטער אין פֿאָרדס פֿאַבריק, וואָס דרייט אַ גאַנצן טאָג איין שרײַפֿל. ווי פֿון אַ גאָטישן דאָם צו אַ מאָדערנעם ביוראָען־הויז, פֿון אַ געצירטן און פֿאַרפּוצטן הײַזל פֿון אַן אַלטער שטאָט צו אַ מאָדערנער „טענעמענט"־הויז. די מיטל־עלטערלעכע גרויסע שטאָט איז אייגנטלעך געווען אַ קליין שטעטל אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב מיט אַ גאַנץ אַנדערער פּסיכיק, מיט אַ גאַנץ אַנדערן סאָציאַלן אויסזען.

די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע שטאָט קען שוין אין איר כאַראַקטער קיין סטיל נישט האָבן. אַ סטיל מוז האָבן אַ גרויסן גלויבן, אַ גרויסע אידעע — דאָס יאָגעניש נאָך פּראָפֿיט, דער גראָבער מאַטעריאַליזם קען קיין סטיל ניט שאַפֿן.

ווען אַ מענטש האָט אַמאָל געבויט אַ הויז, האָט ער דאָס געבויט אויף דור־דורות — אַ טעמפּל פֿאַר זײַן פֿאַמיליע. ער האָט אין הויז

אַרײַנגעלייגט זײַן גאַנצע נשמה, זײַן כאַראַקטער, זײַן גלויבן. הײַנט בויט מען אַ הויז פאַר לאָקאַטאָרן. דער הויזווירט האָט בישט קיין אַנדער אידעע ווי וואָס ביליקער בויען און וואָס טײַערער נעמען. אַמאָל, ווען אַ האַנטווערקער האָט געמאַכט אַ טיש, אַ שטול, איז דאָס געווען אויף אינדיווידועלער באַשטעלונג. ער האָט געקענט דעם קליענט; ער האָט געזוכט זײַן געשמאַק צו דערפילן. הײַנט מאַכט מען מאַסן־אַרטיקלען וואָס ביליקער און וואָס קאָנקורענץ־פעיִקער. דער בורזשוי פון סוף 18טן יאָרהונדערט איז מער געווען אַ כאַפּער ווי אַ שאַפער. ער איז געוואָרן דער פאַראַזיט. ער האָט עסטעטיש געלעבט אויפן חשבון פון די אַלע דורות, וואָס פאַר אים. מען דאַרף נאָר אַרײַנגיין אין אַ הויז פון אַ מיטעלן בורזשוי און אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך. דער סאַלאָן איז אין סטיל פון לודוויג דעם 14טן; דאָס עסצימער איז גאָטיש מעבלירט; מיטל־עלטערלעכע ציי־נערנע קרוגן און טעלערס אויף די ווענט; און אין אַ ווינקל — אַן עגיפּטישע פיגור; כינעזישע פאָרצעלײַ, מיט עטלעכע בודאַ־פיגורן; אַן אָריענטאַלישער טעפּעך, און אַ יאַפּאַנעזישער פאַרעוואַן — אַ מיש־מאַש פון אַלע סטילן, פון אַלע פעלקער און אַלע עפּאָכעס.

...ווו זשע ליגט די צוקונפט פון דער שטאָט?

אויף אָט דער דאָזיקער צוקונפט שטייט אַ גרויסער פרעגצייכן.

1929

# נאָכבאַמערקונגען

◈ דער דאָזיקער באַנד מוסטערווערק פון **דער ייִדישער ליטעראַטור**, ב׳ 59, **פון דור צו דור**, אָפּגעגעבן פאַר די שרײַבערס **א. ווײַטער, דוד אײנהאָרן** און **ז. י. אָנכי**, צילט צו ווײַזן, ווי אַזוי, ווי ווײַט און ווי טיף עס איז געווען **דער גײַסטיקער קריזיס**, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער ייִדישער אינטעליגענץ אין מזרח־אײראָפּע בײַם אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט. דערפאַר הייסט דער באַנד **פון דור צו דור**. די דרײַ געבראַכטע שרײַבערס זײַנען **די בעסטע עדות**. זיי העלפן אויפקלערן **געשאַפענע סיטואַציעס אינעם ייִדישן לעבן**.

◈ דאָס, וואָס די דרײַ שרײַבערס קומען צום אויסדרוק דורך **דרײַ זשאַנערס**, גיט די מעגלעכקייט צו זען די פּראָגרעסירנדע פּראָצעסן פון **דרײַ פאַרשיידענע זײַטן**: דורכן **דראַמאַטיקער** א. ווײַטער קומט צום בולטסטן צום אויסדרוק דער **צוזאַמענשטויס בײַם קאָנפליקט**; דורכן **ליריקער** דוד אײנהאָרן זעט מען די **סוביעקטיווע איבערלעבונגען אין דער רגע**; און דורכן **פּראָזע־שרײַבער** ז. י. אָנכי די **אָביעקטיווע אײַנגעשטעלטע קאָנטראָווערסיע**.

◈ הגם ס׳איז אַ כּלל אין די **מוסטערווערק**, נישט צו דרוקן נאָך אַ מאָל שאַפונגען, וועלכע זײַנען שוין געווען פאַרעפנטלעכט אין וועלכן ס׳איז באַנד פריִער, דאָך האָט די רעדאַקציע געהאַלטן, אַז עס וואָלט געפעלט **אין דער קינסטלערישער ביאָגראַפיע** פון דוד אײנהאָרן אַ וויכטיק בילד פון זײַן **שאַפן** און פון זײַן **פּערזענלעכקייט**, ווען עס וואָלט אין דעם כּוללדיקן **באַלאַנס** פון זײַן שאַפן, וואָס ווערט אין אָט דעם בוך געמאַכט, געפעלט דאָס „וויגליד" אָדער זײַן געזאַנג צו ייִדיש, באַשר זיי זײַנען שוין געדרוקט געוואָרן מיט יאָרן פריִער אין אַנדערע **כּלל־בענד**. פּונקט ווי דער **יחיד** טאָר נישט פאַרטונקלען דעם **כּלל**, אַזוי טאָר דער כּלל **נישט פאַרטונקלען** דעם יחיד.

◈ אויף וויפל ס׳איז געווען באַקאַנט פאַר דער **ליטעראַטור־געזעלשאַפט בײַם ייִוואָ**, אַז דוד אײנהאָרן האָט איבערגעלאָזט יורשים, איז געמאַכט געוואָרן מיט צײַט די נייטיקע באַמיִונג, צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אײַנשליסן זײַן שאַפן אין דער רעם פון אָט דעם בוך. דער זון פון דיכטער, דער מאָלער **בן אײנהאָרן**, האָט מיט אייִדעלער גוטוויליקייט געגעבן אַזאַ דערלויבעניש דורך אַ בריוו. די רעדאַקציע דריקט דאָ אויס אַ דאַנק דעם **אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק** פאַר פאַרבינדן און פאַרמיטלען אין דער דאָזיקער פראַגע.

◈ דער **אַלוועלטלעכער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס** אין ניו־יאָרק האָט בײַ פאַרשיידענע פריִערדיקע געלעגנהייטן אַרויסגעוויזן **אַ האַרציקע באַציִונג** צו דער אַרבעט פון די **מוסטערווערק** און זייער רעדאַקטאָר. די דאָזיקע ווערטער זײַנען אַן אויסדרוק פון הייסער און טיפער דאַנקשאַפט.

ש. ר.

**Joseph Lifshitz Fund**

**ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק**

# מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור

אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — **אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (312 זייטן)**

2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **יידי׳ פֿאָלקסלידער,** 3טע אויפֿלאַגע (216 זייטן)

3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)**

4) מענדעלע — **מסעות בנימין השלישי,** 3טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)

5) לייב נײַדוס — **אויסגעקליבענע שריפֿטן,** 2טע אויפֿלאַגע (208 זייטן)

6) יעקבֿ דינעזאָן — יאָסעלע, קריזיס, **3טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)**

7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן,** 2טע אויפֿל׳ (272 זז׳)

8) אליהו בזזור — **בבֿא־בוך** 2**טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)**

9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן,** 3טע אויפֿלאַגע (352 זייטן)

10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן,** 2טע אויפֿלאַגע (216 זייטן)

11) י. ל. פרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט,** 3טע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

12) י. ל. פרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט, 2טע אויפֿלאַגע** (272 זייטן)

13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסג׳ שריפֿטן, 2טע** אויפֿלאַגע **(240 זייטן)**

14) האָפֿשטיין — כאַריק — פֿעפֿער, 2טע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

15) מרדכי ספעקטאָר — **דער יידי׳ מוזשיק,** 2טע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)

17) **שלום עליכם — מנחם־מענדל** 3טע אויפֿלאַגע (272 זייטן)

18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (256 זייטן)**

19) י. י. שוואַרץ — קענטאָקי, א. ראַבאָי — **הער גאָלדענבאָרג**
(פּיאָנערן אין אַמעריקע) **, 2טע אויפֿלאַגע (312 זייטן)**

20) חיים־נחמן ביאַליק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן (384 זייטן)**

21) ש. אַנ־סקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (296 זייטן)

22) מענדעלע מוכר־ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער** (256 זייטן)

23) **יוסף אָפּאַטאָשו — אין פּוילישע וועלדער** (416 זייטן)

24) זלמן רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן **(304 זייטן)**

25) יהואָש — **אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זייטן)**

26) גליקל האָמיל — **זכרונות (352 זייטן)**

27) שלום עליכם — טבֿיה דער מילכיקער 3טע אויפֿלאַגע (288 זײַטן)
28) אַבֿרהם רייזען — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (320 זײַטן)
29) **אַנטאָלאָגיע — די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע (416 זײַטן)**
30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — סיפּורי־מעשׂיות, 2טע אויפֿלאַגע (224 זז׳)
31) מרדכי אַלפּערסאָן — אין אַרגענטינע (320 זײַטן)
32) פּרץ הירשבײַן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (336 זײַטן)
33) אַנטאָלאָגיע — ייִדיש אין ליד (264 זײַטן)
34) **מנחם באָרײשאָ — דער פֿרעמדער, זאַול רימער (320 זײַטן)**
35) אַנטאָלאָגיע — ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט (464 זײַטן)
36) אַנטאָלאָגיע — נוסח השׂכּלה (272 זײַטן)
37) ז. סעגאַלאָוויטש — לידער, דערציילונגען, זכרונות (352 זײַטן)
38) **מעשׂה־בוך, פֿון 1602** (368 זײַטן)
39) אונטער אָקופּאַציע: עוזר וואַרשאַווסקי — שמוגלערס. (328 זײַטן)
40) ערבֿ חורבן: מ. בורשטין/מאַזאָוויע און 14 פּאָעטן (256 זײַטן)
41) חורבן: אַנטאָלאָגיע — פּאָעזיע, פּראָזע און דראַמע (432 זײַטן)
42) ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד/פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע (336 זײַטן)
43) איציק מאַנגער — לידער, פּראָזע, עסייען (384 זײַטן)
44) דוד בערגעלסאָן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)
45) משה נאַדיר — הומאָר, קריטיק, ליריק (288 זײַטן)
46) אַנטאָלאָגיע: דאָס קינד אין ייִד׳ פּאָעזיע און פּראָזע (320 זײַטן)
47) י. אַקסנפֿעלד — שטערן־טיכל, ערשטער ייִד׳ רעקרוט (288 זײַטן)
48) **פּליטים צווישן פֿײַערן**, אַנטאָלאָגיע (304 זײַטן)
49) **אויסגעוואָרצלטע און אײַנגעוואָרצלטע**, אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)
50) **דרום־אַפֿריקאַניש**, אַנטאָלאָגיע (360 זײַטן)
51) שלום אַש — פֿון שטעטל צו דער גרויסער וועלט. (400 זײַטן)
52) **דער אַרבעטער־דור אין אַמעריקע** (224 זײַטן)
53) **עבֿרי־טײַטש / צאינה וראינה** (368 זײַטן)
54) **אַנטאָלאָגיע / טשילעניש** (272 זײַטן)
55) אין דעם אייגענעם לאַנד, **25 יאָר ישׂראל** (568 זײַטן)
56) שלום אַש — **אַנקל מאָזעס**, ראָמאַן (264 זײַטן)
57) יעקבֿ גאָרדין — 3 דראַמעס, (352 זײַטן)
58) אַנטאָלאָגיע : **בראַזיליאַניש.** (352 זײַטן)

אין 1974 שוין דערשינען :

59) פֿון דור צו דור — א. ווײַטער, דוד אײנהאָרן, ז. י. אָנכי (304 זײַטן)

## אין 1974 וועלן דערשײַנען נאָך די אָ 3 ביכער :

60) מאַקס ווײַנרײַך — אויסגעקליבענע שריפֿטן

61) אין סאָוועטישן פֿרילינג — ביינוש שטיימאַן, אָשר שוואַרצמאַן א״אַ.

62) קאַנאַדיש — אַנטאָלאָגיע

A. Waiter, David Einhorn, Z. I. Onoiji

# ENTRE GENERACIONES

Director: SAMUEL ROLLANSKY

1 9 7 4
ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO
Pasteur 633 - 3º Buenos Aires